STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06255

LIDER FUN HAYNT UN NEKHTN

Martin Birnboym

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאַרטין בירנבוים

לידער פון היינט און נעכטן

פאַרלאַג י.ל. פרץ
ישראל

1978

מארטין בירנבוים

לידער פון היינט און נעכטן

מאַרטין בירנבוים

לידער פון היינט און נעכטן

(די צייכענונגען אין טעקסט פון אויטאָר)

MARTIN BIRNBOIM

LIDER FUN HAINT UN NECHTN

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דעם
„מאַרטין בירנבוים בוך־קאָמיטעט"
מיט דער הילף פון דער
זשיטלאָווסקי־פונדאַציע פאַר יידישער דערציאונג
און דעם איקוף
געדרוקט אין י. ל. פרץ־פאַרלאַג, תל־אביב.

©

I. L. PERETZ Publishing House
31, Allenby St, Tel Aviv, ISRAEL
Printed 1978

הוצאת י. ל. פרץ
רח׳ אלנבי 31, תל-אביב

סדר-צילום והדפסה: ידע-סלע בע״מ
תל-אביב, רח׳ הנגב 8, טל׳ 31061

פאָרטרעט פון מחבר

מיט די בעסטע װוּנטשן

א. [illegible] נ.י. 1978

דאָס בוך ווידמע איך
דעם אָנדענק פֿון מיינע עלטערן.

אינהאַלט

א. פֿון היינט

היינט און אַמאָל 11
ס׳האָט דער טויט 12
וווהין (בילד) 13
אין אַ צייט אַזאַ 15
איך האָב אַ געליבטע 20
אין פּאַרק 22
נישט גרינג צו פֿאַרשטיין (בילד) 23
ביי אַ פֿרישן קבר 25
דאָס ליד 27
אָ, גוטע פֿריינט 29
לידער פֿון פּיין 31
כ׳בין א ייד, ווי איך בין 37
אין טרויער און דערשיטער 39
פּייזאַזש 42
צי איז זי אַ זאַנג אויפֿן פֿעלד? 43
איינזאַם (בילד) 45
די נעכטיקע לידער 47
דער מענטש און דער ים 50
די שאַנד 52
דער שוואַרצער מאַן (בילד) 55
ביים ברעג 57
אַ ליד אָן אַ טיטל 59
מיין גאָלדענער חלום 63
היינטיק וויגליד 66
עלעגישע אַסאָציאַציעס 69
מיין פֿעטער יאָסל (בילד) 73
און קומט די נאַכט 75
לידער 77
די באַלאַדע פֿון א חתונה 79
נאָך אַלץ מיט זיי 101
ביינאַכטיקער שפּאַציר 104

אַנזאָגן פֿון האַרבסט 106
מיין נעכטן, מיין היינט 109
קליינע בריוולעך צו דער גרויסער וועלט 112
די נאַכט 115
ס׳טרעפֿט 117
אויטאָפּאָרטרעט (בילד) 119
אין זכרון 121
זון פֿאַרגאַנג 124
נאַכטיקע מחשבות 126
נאָך דער לוויה 129
איך זינג 131
מיין פֿאָטער 133
אַנדערש קאָן שוין ניט זיין 137
איך האָב פֿאַרגעסן דיר זאָגן 142
ביים נאַכטיקן ברעג 144
אַ געבורטסטאָג-לחיים 146
סתם אַ ליד 148
שטימונגען 150
ליבעס 153
כ׳האָב ליב 155
פֿאַרטאָג 158
זומער-ניואַנסן 161
אין דערפֿל (בילד) 167
מיין שטאָלצע שיף 169
דאָס פֿריידיקע ליד 171
אין מיין גאָרטן 174
לויט היינען (בילד) 177
מיר האָבן אַלע געזונגען 179
דער נס פֿון קיטאַי 181
ווען איך בין 186
פֿון אייביק אָן 190
צי וועט מיר באַשערט זיין 192
דיין ליד 195

ב. פֿון נעבטן

טראַכט איך אַמאָל 201
ווייזערס........................ 205
אין שטייג....................... 207
שיס............................. 210
טויזנט-לאַנדיק, טויזנט-שפּראַכיק........ 212
משה אין מדבר.................... 214
ס׳וועט דאָס פֿאָלק ניט שטאַרבן.......... 218
אין נאַכטיקן שפּיגל................ 220
אין טעג פֿון דערשיטער 222
שוין אַזוי פֿיל נעבט................ 224
נאָכן טויט פֿון יאָסל קאָטלאַר.......... 226
נאָכן טויט פֿון גאָרקין.............. 228
וואָס איז דאָס פֿאַר אַ טויט 230
דער וואָס קומט.................... 234
פֿרימאָרגן אין סאָבוויי 239
קום............................. 240
עס טרעפֿט אַ מאָל................. 242
אַרום פּאַרקל 249
דער קיך-טיש מיין וואַרשטאַט.......... 245
צו אַ מיידל 247
פֿון יענעם טאָל.................. 249
אַ נאַכט אַזאַ 254
כ׳שטיי פֿאַר דיר.................. 256
דער וועג אַרויף 258
נאָכקלאַנג 260
אין אַ ווינטער-פֿאַרנאַכט.......... 262
דער ריס.......................... 264
היימלאָזע קינדער 269
האַרבסט 271
ביי דער מאַשין.................... 273
דאָס לעבן — — יאָ!................ 276
שפּאַניש וויגליד................... 278
אַן אַרבעטלאָזער.................. 280

אין איינזאַמע רגעס 282
ס'איז שווער 284
פּאָ־יער ביי דער אַרבעט.......... 285
פּרילינג אונטער דער בריק 287
עס מאָנט מיין וועג 292
פּרייד פּון אַרבעט 294
דו און איך 297
דאָס לעבן מאָנט................... 299
אין לעצטע רגעס 302
מיין זומער־געליבטע............... 304
אין מדבר.............................. 308
איך און מיין טשעמאָדאַן 312
מיין פּאָלק 314
ניטאָ דאָרט שוין קיינער................. 316

הײַנט און אַמאָל

מײַן הײַנט איז ווי די צײַט — —
אַ ביטערע וואָר.
דער נעכטן איז פֿאַרטונקלט
מיט בלוט און מיט אַנטוישונג.
דער מאָרגן איז אַ נעפּל — —
קיין האָריזאָנט איז נישט קלאָר.
האָב איך נישט קיין קאָמפּאַס.
און איך האָב נישט קיין פֿאָן.

אַמאָל בין איך געשטאַנען — —
געגלויבט אַזוי כ׳האָב דאַן —
אויף אַ שיף אַ שטאָלצער,
און די שיף געפֿירט האָט —
געגלויבט האָב איך עס דאַן — —
אַ גרויסער קאַפּיטאַן.
און אַלע פֿאָנען ריינע
און הויך אין שטורעם-ווינט.

איצט איז מיר שווער,
דאָס האַרץ — אַ בלײַ-באַלאַסט.
ס׳איז נישט די זעלבע שיף —
אַ נאַקעטער דער מאַסט,
די שיינע ריינע פֿאָנען —
פֿון העלדן-בלוט געשטריקט —
ליגן אין די שטויבן,
ליגן דאָרט פֿאַרשעמטע,
פֿאַרבלאָטיקט און צעפּליקט.

ס׳האָט דער טויט...

ס׳האָט דער טויט שוין אָנגעקלאַפּט
אַ פּאָר מאָל אין מײַן טיר,
נאָר כ׳האָב זיך נישט געלאָזט
פֿון אים פֿאַרלאָקן.
דער געדאַנק פֿון מער נישט זײַן
האָט אַרויסגערופֿן טרויער
טיף אין מיר,
נאָר ער האָט מיך קיינמאָל
נישט געשראָקן.

איצט פֿאַרצייכן איך
מײַן רומפֿולן נצחון.
יונג וועט מיך דער קאָסע-מאַן
שוין נישט באַזיגן.
מײַן שטאָלץ
וועט בלײַבן נישט צעבראָכן,
ווען איך וועל
אַן אָפּגעשניטענער
צווישן זיינע גאַרבן ליגן.

און אויפֿן שטילן פֿעלד,
אויב עס וועט אַ פֿויגל זינגען,
וועט ער וויסן,
אַז ער זינגט נישט
גלאַט אַבי פֿאַר וועמען...
און אויב זײַן ליד
וועט ריינער זיך צעקלינגען.
וועט עס זײַן דערפֿאַר,
ווײַל אַ זינגער פֿאַר אַ זינגער
וויל זיך נישט פֿאַרשעמען...

וווהין

אין אַ צײַט אַזאַ

אין רויע רוימען
וואָיען די וועלטישע וויזוגעס.
צעריסענע כמאַרעס—
ברודיקע פּאָנען—
טראָגן זיך דראָענדיק און קאַלט.
אויף גרויע הימלען,
אָן אַ שימער פֿון קאַיאָר,
ווערן אַלץ בלאַסער די שטערן.
פֿון אומעטום,
פֿון יעדן האָריזאָנט,
צעטראָגט זיך דאָס רוישן
פֿון בלוטיקע שטראָמען
פֿון דעם "זאַלציקן ים
פֿון מענטשלעכע טרערן———"

ווּ איז דער שאַל-רוף
פֿון די אַלטע נביאים?
אין וועמענס מויל איצט
דער שופֿר של משיח?
אין אַ צײַט,
ווען ס'פֿליט אַרום דער מלאך-המות
אויף מיסל-באָמבעס,
אײַנגעהילט אין נאַפּאַלם-פֿלאַמען—
ווּ איז איצט
דאָס בת-קול פֿון רחמנות,
דאָס קול פֿון מענטש,
וואָס קאָן פֿון פֿײַער ראַטעווען
קינדער און מאַמעס.

אָ, שאַנד און טרויער
פֿון יאָרהונדערט,
פֿון דעם גרעסטן,
וואָס שפּליטערט פֿון לבנה-פֿעלדזן שוין
פֿון אורצייטן די שטיינער,
וואָס שיקט שוין אַפּאַראַטן
אין די העט-ווייטע ספֿערן—
און לאָזט זיין אייגענעם פּלאַנעט פֿאַרדאַרבן,
און לאָזט דעם הונגער
איבער זיינע לענדער וואַלטן!
און קאָן פֿון ווילדקייט אייגענער זיך ניט
באַפֿרייַען,
און קאָן זיין אייגן קול,
דאָס מענטשלעכע,
אין זיַין וואַנזין ניט דערהערן!
וויפֿל גלאָקן-קלינגער
האָבן שוין צעוויגט די גלאָקן
"צו דערוועקן,"
וויפֿל זינגער
האָבן שוין דאָס ליבשאַפֿט-ליד
אין מענטשנס האַרץ אַריינגעזוּנגען?
איך ווייס: ס׳פֿאַרגיסן זייער בלוט נאָך
העלדן און מאַרטירער;
נאָר ווי טיף
איז דאָס געזאַנג פֿון די נביאים
אין געוויסן פֿון די דורות—
ווי טיף איז עס אַריינגעדרונגען?
יאָ, זיי זיינען וועגווייַזער געבליבן,
נאָר קיין מאָל ניט דערגרייכט,
קיין מאָל ניט געוואָרן
פֿון דער וועלט די פֿירער.

ס'איז פֿון שווערד
קיין אַקער-אייזן ניט געוואָרן!
דער מענטש,—
דער קלוגער מענטש,—
האָט זיך צו טיפֿער חכמה
ניט דערהויבן.
דער קין-צייכן אויף זיין שטערן
ברענט אַלץ פֿלאַמיקער און גרעסער.
ווו, פֿון וועלכע קוואַלן
זאָל מען שעפּן גלויבן,
אַז משיח אַליין
האָט זיין מיסיע פֿאַרגעסן
און איז—צווישן הונגעריקע וועלף—
ניט איין מאָל שוין
געווען אַ מענטשן-פֿרעסער!

אין אַ צייַט אַזאַ—
פֿון וואַנען
זאָל זיך נעמען דער בטחון!
אין אַ צייַט אַזאַ—
אויף וועלכן אמת
בויען פֿאַר דער וועלט אַ פֿונדאַמענט!
אין אַ צייַט אַזאַ,
וואָס האָט דעם גלויבן
פֿון די גלויביקסטע
צעטראָטן און צעבראָכן—
וואָס איז פֿאַרבליבן?
בלויז דאָס האַרץ דאָס אייגענע;
און אין דעם—
אַזאַ שטעכנדיקע ליבשאַפֿט.———
און, ווי דער דאָרן,
נאָר זי ברענט
און ברענט
און ברענט———

II

די הייבאַם פֿון אמת
ראַנגלט זיך מיט פֿאַרבלוטיקטע הענט—
נאָר ס׳ווערט דער אמת
ניט געבוירן.
זי האָט פֿאַר אים
אַזוי־פֿיל שלאַכטן שוין געקעמפֿט
און האָט די שלאַכטן
אַלע פֿאַרלוירן.

נאָר זי,
די אייביק-האָפֿנדיקע,
טרעט ניט אָפּ
פֿון קינדבעט,
פֿונעם חלום...
איז רום צו איר!
און זאָלן די—וואָס קאָנען—
ניט אויפֿהערן
דעם בטחון אירן
אין געזאַנגען צו דערהויבן;
רום צו זיי,
וואָס שטייען ביי איר זייט
פֿאַרעקשנטע און זיכער—
אַז דער טאָג וועט קומען
פֿאַרן לעבן
און די גאַנצע ערד באַלוינען
מיט דעם אויסגעבענקטן שכר
פֿאַר זייער גלויבן!
רום צו זיי!

נאָר זאָלן יענע,
די געפּײַניקטע פֿון ספֿקות,
וואָס ס'האָט די צײַט אַליין
מיט קלאָען בלוטיקע
דעם גלויבן זיי פֿון האַרץ אַרויסגעריסן;
זאָלן זיי באַזינגען
דעם אמת
פֿון דער טראַגישער עפּאָכע
און איבערלאָזן
פֿאַר די קומענדיקע דורות
די צייכנס
פֿונעם מענטשלעכן געוויסן.

איך האָב אַ געליבטע...

איך האָב אַ געליבטע שוין לאַנג, זייער לאַנג!
גיט זי מיר יעדן טאָג אַ געשאַנק.
זי גיט מיר איר האַרץ, זי גיט מיר איר גוף
און זאָגט מיר: געבן דאָס איז מיין באַרוף;
כ׳בין שטענדיק אַ גרייטע, דו נעם נאָר און נעם—
און גיסטו מיר אויך וואָס, בין איך דאַנקבאַר פֿאַר דעם.

כ׳בין דאָ אויף דער וועלט שוין לאַנג, זייער לאַנג!
עס פֿעלן קיין צרות, מ׳איז מיד אָפּט און קראַנק,
מ׳איז אָפּט מאָל צעבלוטיקט פֿון מענטש און פֿון צייַט!
נאָר זי, די געליבטע, טרעט ניט אָפּ פֿון מיין זייַט.
צי אין פּייַן פֿון פֿאַרלוסט, צי אין פֿרייד פֿון ניצחון,
איז זי דאָ מיט באַנדאַזשן, מיט טרייסט און ביטחון!
און ווער ס׳זאָל ניט טרעטן אין שטויב מיינע גלידער—
איז זי דאָ און הייבט אויף מיך פֿון טיפֿסטן דערנידער.

און איך בין אַ זשעדנער, ס׳איז מיר קיין מאָל גענוג!
כ׳וויל, אַז ס׳זאָל שוימען העט אַריבער דעם קרוג;
כ׳וויל, אַז צום געבן ניט זייַן זאָל קיין מאָס,
אַז ס׳זאָל זיך מישן סיי מילך, סיי מעד אינעם כוס.
אַז געדעקט, ווי ביים סדר, דער טיש זאָל מיר זייַן,
אַז פֿאַרשווענקען דעם מרור זאָל די זיסקייט פֿון וויַין,
זייַן זאָל פֿון שוואַרצברויט ביז לעקעך און טאָרט—
און אַז ווען איך זאָג—קום! זאָל זי זייַן אויפֿן אָרט:
אַ צעשטראַלטע מיט חן,
מיט אמת אין אויגן, מיט אַלץ וואָס איז ריין;
מיט ווערטער פֿון פֿייער, מיט מוזיק און מיט טאַנץ
און אין וואָכטעג אפֿילו מיט יום-טוב צעגלאַנצט!

אַז זי זאָל אויף איר ליבשאַפֿט מיך טראָגן אַוועק
צו ליכטיקע הייכן פֿון פֿינצטערע טעג...
און ווען איך וועל בענקען נאָך שלאָף שוין, וויל איך,
זי זאָל מיך פֿאַרוויגן מיט איר ווייכן, זיס-מאַמעשן קול...

און איך זאָג איר צו — אַ ליבשאַפֿט אָן צוימען
ביז פֿאַרגיין וועט מיין אָטעם אַ שעפּטש אין די רוימען.
און אויב ס׳לעצטע וואָרט מיינס וועט זיין אַ היימישער "אוי",
וועט עס מיינען: מיין אוצר, כ׳האָב ליב דיך אַזוי!
קום און לעש אויס מיך, מייַנע אויגן פֿאַרמאַך —
מייַן ליד, מייַן נשמה, מייַן יידישע שפּראַך!

אין פּאַרק

גיי איך מיר שפּאַצירן
אינעם פּאַרק אַליין——
קיינער קומט מיר ניט אַנטקעגן,
קיינער וואַגט דאָ ניט צגיין.

ס׳איז דער פּאַרק ניט ווי פּאַרצייטן,
זינג איך ניט-טראַלאַ...
זע איך עמעץ קומט פֿון וויטן——
בלייב איך שטיין——און שאַ!

ווער קאָן זיין דאָרט יענער שאָטן?
די פּויסט איז שוין פּאַרבײַלט...
ס׳איז שוין דעמערדיק אין גאָרטן,
נאָר כ׳האָב זיך ניט געאײַלט——

כ׳האָב געוואָלט אַליין זיך ווײַזן——
כ׳גיב ניט אויף מײַן שטאָט!
כ׳האָב פּרינציפּן—— שטאָל און אייזן——
כ׳גיי אויף גאָטס באַראָט...

נאָר דער שאָטן אויך דער ווייטער
איז געבליבן שטיין——
רײַט אָן אין אַ מונדיר אַ רײַטער,
און מיר נעמען בײַדע ווײַטער גיין...



נישט גרינג צו פֿאַרשטיין

ביי אַ פֿרישן קבר

עס טוט וויי,
עס טוט באַנג!
דער שניט אינעם האַרצן איז טיף און איז שאַרף!
אַ מידקייט אַ שווערע טוט אַ פּרעס דעם געדאַנק
צו עפּעס אַ טונקעלן נידער —
און פֿון דער ענגקייט אין האַלדז
עס אָטעמט מיט מי זיך אַרויס —
אַן אַלטער, יידישער זיפֿץ —
"שוין ווידער — — — שוין ווידער — — — "

עס טוען די יאָרן אַ שוועב פֿאַרן אויג
דורך אַ צעציטערטער פּריזמע פֿון טרערן —
טוט מען דעם אויער אַ נויג
און אַ האָרך צו דער אייגענער טיף: —
צי וועט מען ניט דאָרטן די טריט
פֿון דעם אייביקן, קאַלטן באַגלייטער —
צי וועט מען ניט דאָרטן דעם אָנזאָג
פֿון אייגענעם אָפּגאַנג דערהערן...

פֿאַרוואָר — דער טויט לאָזט איבער אַ ווונד
נאָר די שאַרפֿקייט פֿון ווייטיק פֿאַרפֿלאַכט זיך.
דאָס לעבן רופֿט: לעב!
ווער געזונט! —
און דער שניט ווערט אַ צייכן, אַ שראַם
עס פֿאַרטריקנט דאָס בלוט אויפֿן שניט
און שטילערהייט ער פֿאַרמאַכט זיך...

און פֿאַר יענע, — און איך בין פֿון זיי —
וואָס לעבן מיינט: כלערליי פֿאַרבן!
זיי ווייסן:
פֿון פּיַין דער פֿאַרשטיקטער געשריי
איז אויך אַ סימפֿאָנישער קלאַנג;
און אַז זיַין אויף דער וועלט מיינט — זיַין!
און די לעצטע רגע בלויז — שטאַרבן...

און אַ׳ דעם אָפּשייד,
ווי שווער ער קומט אָן,
מוז מען זיך לערנען פֿאַרטראָגן.
און פֿון האַלב-מאַסט, פֿון טרויער די פֿאָן
אַ צי טאָן צוריק צו די הימלען
און לאָזן די ווינטן פֿון לעבן
די שאָטנס פֿון קבר פֿאַריאָגן.

דאָס ליד

אַ ליד
איז אַ שמייכל
אין אַ קינדערשן דרימל;
אַ ליד איז דאָס גאָלדענע רענדל פֿון הימל;
אַ ליד
איז דער גלויבן
אויף צעפּאָכעטע פֿליגל;
אַ ליד איז די מאַמע,
דער וועכטער ביים וויגל.
אַ ליד איז אַ מבול,
אַ ווילדער געוויטער;
אַ ליד איז פֿון האַרצן
דער צערטלעכסטער ציטער.

פֿון אייביק אָן האָט דער מענטש
זיינע טיפֿסטע פֿאַרלאַנגען
פֿאַרוועבט און פֿאַרפֿלאָכטן
אין ליד און געזאַנגען;
און וווּ נאָר אַ רעגונג
און וווּ נאָר אַ נאָגן—
האָט עס אַ ליד
צו אַ מענטשלעכן אויער דערטראָגן.

און פֿינצטער איז דאָרט
און וויסט און פֿאַרשמאַכט,
וווּ ס׳האָט קיינמאָל
דער זינגער
זיין ליד ניט געבראַכט

און פֿינצטערער נאָך,
ווו אַ ליד, אַ געגאַרטס,
מוז בלייבן באַהאַלטן,
מוז בלייבן דערשטיקט
אין אַ דיכטער׳ס אַ האַרץ!

אָ גוטע פֿריינט

אויב איר וועט קומען צו מײַן קבר — —
צום רויען בערגל ערד און ליים — —
אָ, גוטע פֿריינט,
לאָזט אלע פֿאָנען אין דער היים.
כ׳וויל בלויז, אַז ס׳זאָל
דער ריינער פֿלאַטער פֿון דעם ווינט
א פֿאָכע טאָן ביים סוף — —
און אונדזער יידיש ליד, חברים,
ברענגט עס מיר
צום לעצטן שלאָף.

מ׳האָט צופֿיל פֿאָנען שוין באַליידיקט
און פֿון זיי די פֿאַרב געשיילט,
צעטראָטן זיי
און אויסגעליידיקט,
געלאָזן זיי
אין בלוט און בלאָטע
און די ווונדן ניט פֿאַרהיילט

כ׳האָב קײַן מוראָ פֿאַרן סוף ניט,
און אויב יאָ — — איז מילד די שרעק,
נאָר פֿאַר פֿאָנען האב איך מוראָ!
צופֿיל גרוילן,
צופֿיל מתים
האָבן זיי מיט זייער פֿלאַטער
שוין געהייליקט
און פֿאַרדעקט!

זאָלן זיי — — פֿון האַרץ די לידער — —
זיי — — צום פֿאָלק און וועלט געווענדט — —
זאָלן זיי דאָרט בלײַבן שוועבן
איבער קברים און דערציילן,
ווי העל
ס'האָט אונדזער פֿלאַם געברענט.

זאָל דער פֿלאַטער זיין פֿון הערצער — — —
און אפשר פֿון א ליבשאַפֿט-טרער — —
לידער ברענגט מיר צו מײַן קבר,
זאָלן זיי מיר דאָרט פֿאַרבלײַבן
אײַנגעוועפּט אין לופֿט און ערד.

און טאַקע ס'ליד
פֿון דעם טאָג דעם נייעם!
און איך, ווי היינעס גרענאַדיר,
וועל ליגן שטיל אזוי
און וואַרטן,
ביז עס וועט אַ שטראַל פֿון יענעם טאָג
דערגיין דורך ליים און ערד צו מיר.

נאָר אויב איר קענט א פֿאָן אזא נאָך,
וואָס טיף-געטרײַ איז אונדזער גלויבן
געבליבן אײַנגעוועבט אין איר — —
א פֿאָן אַזאַ,
אַן אומבאַפֿלעקטע — —
אָ, גוטע פֿריינט — —
איידער איר פֿאַרמאַכט דעם אָרון,
ניט דעם טויטס תכריכים ווייסע — — —
זאָל זי — —
די פֿאַרב פֿון הייסן לעבן — —
דער לעצטער צודעק זיין פֿאַר מיר!

לידער פֿון פּײַן

1.

איך זע דיך נאָך.
דו ביסט נאָך דאָ.
דיין אָטעם שוועבט נאָך אַרום מיר.
נאָר נעענטער קומט אַלץ די געוויטערדיקע שעה—
עס זאַמלט זיך
צום אויסברוך די ענערגיע אין דיר;
דער ערשטער בליץ
וועט טאָן אָט-באַלד אַ ריס,
אַ הילך טאָן
וועט דער ערשטער דונער-קנאַל
און אָנזאָגן, ווי אַן אָפּערע-פֿאַנפֿאַר,
אַז עס האַלט ניט ווײַט שוין פֿון פֿינאַל.

2.

איך האָב די טיר פֿאַרמאַכט.
מיר זיינען שטיל אַראָפּ די טרעפּ.
פֿייכט און פֿאַרנע
האָט אַרומגענומען אונדז די זומער-נאַכט.
די גאַס איז טונקל-שווערמוטיק געווען,
ווי שווער און טונקל
ס'איז געוועזן מײַן געמיט.
מיר האָבן שנעל געשפּאַנט,
און יעדער טראָט
געבראַכט האָט נעענטער דעם סוף
פֿון אונדזער האַרבער ליבע—
אוןביידע האָבן מיר פֿון רייד,
פֿון אַ וואָרט אַ לעצטן זיך געהיט.

צי איז דאָס טאַקע
אונדזער לעצטער גאַנג געווען!
יעדער האַרץ־קלאַפּ האָט געהאַט אין זיך
דעם שטאָך פֿון מעסער־שפּיצן.
אונדזער שווייגן איז געווען שווער און באַנג.
ס׳האָט דיין ליפּ געציטערט.
טיף אין מײַן זכרון
פֿון דײַן פּנים יעדן שטריך
האָב איך געוואָלט ווי אין גראַניט פֿאַרקריצן.

ווי אַ קבר, אַ טריב־באַלויכטענער,
האָט די באַן די אונטערערדישע
דיך דערנאָך פֿאַרשלונגען.
צי האָט מײַן האַנט צום לעצטן מאָל
באַרירט דײַן פֿײַכטן, אומעטיקן שטערן...
צי ביסטו דאָס לעצטע,
דאָס סוף־זומערדיקע ליבע־ליד,
וואָס איך האָב אויסגעזונגען———

.3

די נאַכט איז קאַלט געווען.
עס האָט גערעגנט.—
ניט אין אַ נאַכט אַזאַ
האָב איך, מײַן ליבסטע, דיך באַגעגנט!—
ביידע האָבן מיר פֿאַראומערטע געשוויגן
און צום ערשטן מאָל
געשפּאַנט האָט צווישן אונדז
די בייזקייט און דער ליגן.

די נאַכט איז קאַלט געווען
און דו ביסט ערגעצווו פֿאַרשווונדן.
אַלץ אין מיר האָט זיך געלאָשן
און געברענט בלויז
האָבן מיינע ווונדן.
צי וועל איך דיך נאָך זען אַמאָל!—
ניטאָ ביי וועמען אין דעם רויען דרויסן,
ניטאָ ביי וועמען דאָ צו פֿרעגן!
און ווידער שפּאַן איך, ווי ניט איינמאָל שוין,
אין אַן אָסיענדיקער נאַכט
אומעטיק און איינזאַם
דורכן קאַלטן רעגן.

.4

אויב איינע וועט קומען נאָך
נאָענט צו מײַן זײַט,
וועט עפּעס אין מיר
שוין בלייבן איר ווײַט.
ס'וועט קיין אויג מיר מער ניט לויכטן
מיט דיין ליכט,
קיין סאַמעט מיך ניט גלעטן
פֿון דיין טונקל געזיכט.
ס'וועט הויל זײַן און פּוסט
די שטילקייט, די רו—
און אויב איך וועל בענקען,
וועט מײַן בענקשאַפֿט זײַן דו.

.5

כ׳בין שטיל געוואָרן.
ווי אין אַ צויבער-שלאָף פאַרזונקען
ליגן ערגעץ טיף אין מיר
און רירן ווי אין חלום זיך
מײַנע אָנגעהויפטע יאָרן,
מײַנע נאָענטסטע:
מײַן גלויבן,
מײַנע לידער.
איך פיל אַ יעדן שאָרך,
אַ יעדן צאַרטן אָטעם-הויך,
נאָר שווער איז מיר
דאָס באַפעלערישע וואָרט,
דעם כישוף-שפּרוך געפינען,
און מיט דער גאַנצער קראַפט
צעוועקן זיי צום לעבן ווידער.

כ׳בין שטיל געוואָרן.
כ׳האָב מיט שטילקייט,
מיט דעקן שווערע,
ווי מען דעקט אין ווינטער צו
די בלומען-בייטן,
צוגעדעקט זיי — מיינע נאָענטסטע —
און באַהויכט זיי מיט דעם אַש —
די אבותדיקע טרויער-שטויבן.
נאָר קומען וועט דער טאָג,
איך ווייס!
די דערלייזנדיקע שעה וועט קומען!
און ווי דער וווּנדער-פויגל, פעניקס, פונעם זשאַר,
וועלן זיי זיך שטאָלץ און פריי,
וועלן זיי צום לעבן
ווידער זיך דערהויבן!

.6

אָ, דו!
דו, מײַן גרויסע, דו, מײַן טיפֿע ליבע!
אין וועלכן ווילדן, ווײַטן, וואָיענדיקן וואַלד
ביסטו פֿארשוווּנדן?
ס׳איז הייזעריק מײַן שטים פֿון רופֿן
און מאַט מיין אויג פֿון זוכן דיך—
און מײַן בענקשאַפֿט,
און מײַן האָפֿענונג,
און אַלץ אין מיר
איז אַזוי רוי,
איז אַזוי ווייטיקדיק-צעשונדן.

איך ווייס—
דו האָסט פֿאַרבלאָנדזשעט ערגעצווו
אין די געפֿלעכטן
צווישן פֿאַרעדיקע דזשאָנגל-זומפֿן.
איך ווייס—
דו לעבסט!
דו ביסט פֿאַראַנען!
צי זאָל איך, אַ מידער און אַ שטילער וואַרטן—
צי זאָל איך מיט די לעצטע כוחות רעווען,
ביז דו וועסט מײַן שטים דערהערן
און וועסט צו מײַן ליבשאַפֿט, ווי צו אַ ליכט,
אין אַ נאַכט אַ שטורמישער דערשפּאַנען...

אָ, דו!
דו, מײַן גרויסע, דו, מײַן טיפֿע ליבע!
כ׳פֿרעג ביי זיך:
צי וואָלט ניט בעסער גאָר געווען,
ווען כ׳זאָל פֿאַרגעסן דיך,
ווען כ׳זאָל אין גאַנצן
פֿון מײַן ווען דיך פֿאַרטרייבן?

נאָר שווערער דעמאָלט ווערט מײַן אומעט,
טיפֿער דעמאָלט ווערט מײַן עלנט נאָך!
און איך ווייס —
כ'וועל אייביק זוכן דיך אַזוי!
און אייביק וועסטו שוין אַזוי
אין מיר פֿאַרבלײַבן!

.7

פֿון מײַנע גרויסע פּײַנען
זינג איך קליינע לידער.
מיר דאַכט זיך — בלויז די פֿרייד
דאַרף האָבן ברייטן רוים.
ווען ס'ציט און ציט די שווערמוט
אַלץ טיפֿער צו דער נידער,
איז גענוג אַ ווינקל,
אַ שאָטן פֿון אַ בוים.

איך ווייס ניט, ווער עס וויל
פֿון זינגערס טרויער הערן,
ניט ווער עס טרינקט מיט אים
די פּײַן פֿון זעלבן קוואַל.
נאָר ווער עס קען די פֿרייד,
דער מוז אויך קענען טרערן —
ווייל דאָס איז דער יסוד,
דער צווילינג פֿונעם לעבן,
טרערן און געלעכטער
פֿון אָנהייב ביז פֿינאַל.
און דער, וואָס איינס פֿאַרלייקנט —
ניט ערלעך איז זיין טרער
און ניט זיין פֿרייד איז עכט.

כ׳בין אַ ייד, ווי איך בין...

איך בין אַ ייד
און אַ ייד וועל איך בלײַבן.
ס׳וועט פֿון מײַן פֿאָלק מיך
קיין גוי
און קיין ייד נישט פֿאַרטרײַבן.
די פֿאָלקישע פּײַנען
וועלן אייביק מיך בריען.
מײַן יידיש
וועט אייביק
אויף צונג מײַנער גליִען.
איך דאַרף זיך אין פֿרומקייט
פֿון טלית נישט הילן.
נישט בינדן זיך דאַרף איך
מיט רצועות פֿון תּפֿילין.
פֿאר מײַן אייביקן בונד
מיט מײַן אַלטער געשיכטע
דאַרף איך דעם בורא
קיין לידער נישט דיכטן.

ס׳איז רײַך מײַן ירושה.
כ׳האָב פֿון רחבות צו קלויבן.
כ׳האָב אוצרות און אוצרות—
כ׳האָב אין וואָס צו גלויבן.
איך האָב מײַנע אַלטע
מײַנע גרויסע נביאִים.
נאָר כ׳גלויב נישט די זינגער
אין פֿרומקייט פֿאַרשטעלטע
פֿאַר פֿאָלקישן קיום.

אין מײַן צער, אין מײַן טרויער
כ׳גלויב אויך אין מײַן קיום,
אין מײַן פֿאָלקישן דויער.
כ׳וויל אויך, אַז מײַן ליד
זאָל מײַן ברודער געפֿעלן,
נאָר כ׳וועל פֿאַר מײַן ייִדן, מײַן באָבען
זיך קיין מאָל פֿאַרשטעלן.
זיי ווייסן:
כ׳האָב גלויביק מיט זיי
זייער ליד נישט געזונגען.
כ׳בין אַ ייִנגל געווען
מיט הוילקעפּיקע יונגען
און שווער האָט געשאַלט
אונדזער ליד זיי אין אויער—
עס האָט זיי דערצערנט
און ס׳האָט זיי פֿאַרטרויערט.
ווי זאָל איך אַצינד
זייער גלויבן-גאָלד מינצלען
און וויקלען רצועות
און תּפֿילות אויסקינצלען?
אַ שאַנד
זיך פֿאַר זיי אַצינ׳ד צו גרימירן,
אַ חרפּה
פֿאַר זיי זיך אַקטיאָריש מאַסקירן,
כ׳וועל קיין אָנשטעל
מיט זייער אמונה נישט טרײַבן—
כ׳בין אַ ייִד
ווי איך בין,
און אַ ייִד, ווי איך בין,
וועל איך וועלטיש פֿאַרבלײַבן.

אין טרויער און דערשיטער

פֿון די אייל-געמעלן,
צעריבענע אין בלאָטע פֿונעם טראַקט,
שרײַען פֿון די קינסטלער
די צעפּײַניקטע נשמות.
אין דער לאַנגער, וואַנזין-ווייוועדיקער נאַכט
קרײַזן נאָך אַלץ
די בלוט-פֿאַרשיכורטע געשפּענסטער
אין קאַראַהאָדן
פֿון משוגענעם פּחד
פֿאַר פֿאָלקישער פֿרייהייט
און לעשן אויס
מיט זייער העשען
אַלע ריינע שטערן,
וואָס צאַנקען אינעם טונקל,
ווי ליכטלעך בלאָנדזשענדיקע
איבער זומפּן פֿינצטערע, פֿאַרסמטע.

אין אַ נאַכט אַזאַ—
ווי די אייל-געמעלן אין דער בלאָטע—
געשריען האָט
דאָס בלוט פֿון מיכאָעלסן,—
געשריען האָט זיין גוף
אונטער רעדער
פֿון אַן אויטאָ-טראָק אַ שווערן,
ווי זיי, די בילדער,
צעריבן און צעקרישלט
מיט שטויב און שטיינער אויסגעמישט—
דאָס גרויסע האַרץ זײַנס
פֿאַרטיליקט און צעטראָטן!

ווי זיי — די בילדער —
צעריבן און צעקרישלט,
די ירושה
פֿון מײַן פֿאָלק דאָרט —
קאַלט און אומדערבאַרעמדיק.
אלע וועגן
אָפּגעשפּאַרט,
פֿאַרשלאָסן צו דעם נעכטן;
אַלע וואָרצלען
מיט צוואַנג
פֿון עבר אָפּגעריסן

ניט מיט אָנזאָג
פֿון באַגינען
פֿלאַטערט דאָרט שוין איצט
דער רויטער שטערן!
ניט מיט מענטשהייטס
שענסטן חלום
ווייען דאָרט
די אָפּגענאַרטע פֿאָנען!
טיף פֿאַרשעמט
עס קאָרטשעט זיך דאָס הארץ
פֿון די נעכטיקע
גלויביק-שטאָלצע פֿאָנען-טרעגער,
די מאַרשירער,
די מאַרטירער,
די איבער ערד-קיילעך צעזייטע מיליאָנען...

ס'האָט שוין לאַנג
אַ ווּט אַ שוואַרצע,
זיך אויף יענער ערד צעגאָסן,-
אויף די צעשטויס-מאַשינען,
אויף יענעם טראַקט, דעם בלאָטיקן—
וועמענס גייסט
האָט דאָרט געהויערט...?
די ענטפּערס
פּאַלן פּעלזיק-שווערע,
און צעציטערט
און דערשיטערט
רייסט דער צאָרן פֿון דער טיף זיך,
און פּול
און ביטער אין דאָס האַרץ
מיט אַן ענדלאָזן,
אַ וואָיענדיקן טרויער.

ניו יאָרק, סעפּט. 1974

פּיוזאַזש

טרויעריקע, נאַקעטעביימער
מיט טונקעלע צווייגן
אונטער אַ פּראָסטיקן, שפּעט-האַרבסטיקן הימל,
הוידען זיך שטילע,
מיט אַ דינעם געיאָמער,
ווי זיי וואָלטן באַוויינען
דעם לעצטן גורל
פֿון אַלצדינג וואָס לעבט.

אויף סקאַלעס, ביים וועג-ראַנד,
גליען קאַלט און פֿאַרגליווערט
די נעבטיקע רעגנס—
ווי שפּיציקע ציין
פֿון פֿאַרצייטיקע חיות,
און שרעקן
מיט ווילדקייט פֿון וויוגעס
מיט קרירות און קללות,
וואָס לויערן באַהאַלטן
אין הימלשן רוים.

אויף שפּיצן פֿון בערג
בלאַנקען שוין ווייַסע קאַפּוזעס,
מיט פֿינצטערע פֿלעקן באַשפּרינקלט,
און כמאַרעס—
געביילטע, ווי גיגאַנטישע פֿויסטן,
באַוועגן זיך שווערע,
מיט שטילן, מאַסיוון געווירבל,

מיט גערולדיקער קראַפֿט
פֿון אַ וויסן—
אַז פֿון זיי
איז ניטאָ
פֿאַר דער ערד קיין באַהאַלט.

צעוואָרפֿענע הייזלעך
טוליען זיך
איינזאַם און בידנע
צו טונקעלע פֿלאַכן,
ס׳ציטערט קיין שטראַל ניט אין שויבן,
און דער רויך פֿון די קוימענס
נידערט דערשראָקן
צוריק צו די ברודיקע דעכלעך,
ווי פֿאַרשטאַנען ער וואָלט—
אַז פֿאַרגיין וועט ער אויבן
אין ווינטן און וואָלקנס
אויף אייביק,
ווי אַלץ, וואָס קומט און פֿאַרגייט.

און שטיל איז
און רו.
נאָר דאָס דינע געיאָמער,
ווי פֿון קלאָג-ווייבער ווייטע,
פֿון די נאַקעטעביימער,
נאָר די רויכן אויף דעכלעך—
דערציילן פֿון אַ וואַרעמער קיך,
פֿון אַן אָרעמען פֿרידן
אויף אַ מוטלאָזער ערד,
ווו קיינער ווייסט ניט,
וואָס מאָרגן וועט זיין.

צי איז זי אַ זאַנג אויפֿן פֿעלד?...

(פֿראַגמענט)

דער הימל——
אַ טיף־טונקלדיק בלויער.
מיר זיצן באַהאַלטן אַליין——
פֿאַר וואָס אין מיין גליק אַזאַ טרויער?
צי איז עס דער אומעט אין קוואַקן פֿון זשאַבעס,
צי דער צויבער־דופֿט אַרום שטיין?

צוויי הענטלעך אויף ברוין־ווייסע לידקעס——
און איך? גיי ווייס, וואָס איך שפּיר!——
צי איז דער שטיין אַזאַ הייסער פֿון טאָג נאָך?
איך גראַבל די סקאַליקע ווענטלעך——
איך ווייס ניט וואָס טאָן מיט זיך פֿריר...

וואָס איז פֿון מײַן שײַנער געוואָרן,
וואָסער גליק איז געווען איר באַשערט——
צי איז זי אַ זאַנג אויף אַ פֿעלד דאָרט,
צי אפֿשר א שטעכיקער דאָרן?...

איך ווייס——
זי איז אַ בלום אין מיין האַרץ נאָך,
איך ווייס...
ס'האָט יונג איר בלוט זיך פֿאַרמישט דאָרט
מיט דער פֿעטער אוקראַינישער ערד...



איינזאַם

די נעכטיקע לידער

דער נעכטיקער ניגון
איז ווי א קאָסטע
צעשטשערבעט אויפֿן שטיין פֿון דער צײַט.
די נעכטיקע אמת׳ן,
אויפֿן ראַנד פֿון די יאָרן,
פֿאַרוויאַנעטע ליגן;
און פֿאַלש קלינגען
די נעכטיקע לידער
און הויל
און אומעטיק-ווײַט,

דער גלויבן, וואָס האָט יענע לידער געבוירן,
גרויס איז געווען דאַן און שיין,
אין בלוט טיף פֿאַרוואָרצלט,
און אריבערגעיורן
א זמר דער צוקונפֿט,
ערלעך און ריין.

געווען איז דער כאָר פֿון די זינגער
א גרויסער אין צאָל,
צעשפרייט איבער לענדער,
אויף יעדן עק וועלט,
און זיי האָבן גערופֿן
ווי די נביאים אַ מאָל,
דער מענטש זאָל דערקענען
דאָס ליכט פֿונעם אמת,
און קעמפֿן פֿאר אים!

און זיי זענען מיט קעמפֿער
אין שלאַכטן געגאַנגען,
און זיי האָבן אליין
פֿאַרן אמת
אין קאָן זייער לעבן געשטעלט.

און ס׳ליד פֿון די זינגער
האָט געבליצט דאַן, געשטורעמט,
און באַגײַסטערט עס האָט,
און מיט נביאות געשאַלט.

נאָר די וועלט איז קיין פֿערז ניט,
פֿון דיכטער געפֿורעמט,
און די געשיכטע
האָט ניט דאָס האַרץ פֿון קיין זינגער!
ווי הויך ס׳זאָל איר פּולס
ניט שטײַגן אין פֿיבער,
בלײַבט איר נשמה גלײַכגילטיק קאַלט.

בלײַבן הײַנט הויל
יענע הויכע געזאַנגען———
קיין פֿאָלק האָט ביז הײַנט נאָך
זיין ברודער געשווינט!
אַפֿילו די נעכטן פֿאַרברידערטע קעמפֿער
האָבן די בונדן צעריסן,
די שבועה׳ס געבראָכן
און די האָפֿענונג פֿון פֿעלקער
מיט דערנער געקרוינט.

טרעפּט אָפּט— —
עס ליגט דער נעכטיקער ניגון
אויפֿן האַרץ פֿונעם זינגער— — —
אַ שווערער באַלאַסט.
די צײַט— — —
איז אַ ציניש-ברוטאַלער באַצווינגער.
בלייבט רוי אָפּט בײַם דיכטער
זײַן אייגן געוויסן
אַפּילו ווען ס׳ליד זײַנס
פֿון אַנדערע צײַטן
איז ווײַט שוין אַזוי און פֿאַרבלאַסט.

דער מענטש און דער ים

די זון, א ריזיק-רויטע,
זעצט זיך אין פורפורנער פּראַכט
איבער דער ענדלאָזיקייט פֿון ים.

דער ים ציטערט פֿון תּאַווה און גאַווה
פֿון זיין אייגענער
אייביקער שיינקייט
און כ׳הער,
ווי ער לאַכט פֿונעם טויט
מיט אַ ברומיקן שווערן געלעכטער:
ווער האָט אים אויסגעטראַכט,
דעם סקעלעט מיט דער קאָסע,
דעם שניטער,
דעם שעכטער?
אָט קלאַפּט אין מיר
דער אייביקער פּולס פֿון לעבן
אין דער ברייט
און אין דער טיף פֿון מיין האַרצן—
ס׳וועט קיינער נישט אָפּשטעלן אים,
ס׳וועט קיינער אים קיינמאל פֿאַרשניידן-
ער איז דאָס לעבן!
ס׳וועט דער הימל אַליין
זיך אויף אים נישט פֿאַרמעסטן
און בלויז מיט בלויקייט אים צערטלען
און בלייַבן אין געזיכערטער ווייַטקייט—
זייַן אורקראַפֿט
און צארן פֿארמייַדן.

האָב איך ליב אים,
דעם ריז,
אין זײַן שײנקײט,
האָב איך ליב אים
אין שטילקײט
און װיכער,
האָב איך ליב
זײַנע כװאַליעס,
זײַן גאַװה—
דאָס מעכטיקע זײַן מיט זיך זיכער.

2
נאָר אַמאָל
אין זײַן ברומיק געלעכטער
לאַך איך, דער מענטש,
אים אַנטקעגן
און כ׳קוק אויף זײַן ענדלאָזער גרויסקײט
און כ׳שעם זיך נישט
טראַכטנדיק פֿרעגן:
װען נישט מײַנע דורשטיקע אויגן,
װען נישט פֿון מײַן האַרצן דער הונגער,
װען נישט פֿונעם מענטשן דאָס בענקען,
װען נישט זײַן דורותדיק לעבן—
װער װאָלט נעזען און געהערט דיך,
װער װאָלט דײַן שײנקײט באַזונגען?
מיר זײַנען פֿאַרברידערט
אויך מיך
װעט דער טויט נישט פֿאַרשנײַדן
אַפֿילו דאַן,
װען איך װעל פֿאַרשטומען.

די שאַנד

די שאַנד
פֿון מיין לאַנד איז דער דרום!
עס הוליעט דער האַס דאָרט
מיט בלוט-דורשט אין אויגן
און ס׳שטייגן געשפּענסטער פֿון מאָביקע זומפּן
מיט פֿאַרזשאַווערטע ביקסן
און ברילן דעם רוף
פֿון פֿאַרלוירענע שלאַכטן
און וואָיען אין וואַנזין, ווי שאַקאַלן.
און די ערד, וואָס איז שווער נאָך
מיט שפּע פֿון שקלאַפֿישער מי,
בלייבט ווײַטער פֿאַרשעמט און פֿאַרבלוטיקט—
און ס׳טשאַדען די מערדערשע צלמים,
און ס׳יאָגט איבער איר אַ מגפֿה—
דער גייסט פֿון סיימאָן לעגרי.

די שאַנד פֿון מיין לאַנד
איז דער דרום!
און דער שטאָלץ
פֿון מיין לאַנד איז ער הײַנט:
אַן איינציקער מענטש קעגן וויכער,
אַ תלמיד, אַ שוואַרצער, אַ שטילער,
ווי אַ וועק-רוף פֿון ווירדע און ווילן—
האָט אַ מתנה געגעבן דער וועלט
און אין הערצער,
פֿון דורות פֿאַרפֿינצטערט,
און אין הערצער, ווו ס׳פֿלאַמט שוין דאָס ליכט,

האָט זיין מוט זיך אַ דענקמאָל פֿאַרקריצט,
האָט זיך צעלויכטן
די זון פֿון זיין נאָמען
און די זון פֿון זיין טונקל געזיכט.

די שאַנד פֿון מיין לאַנד
איז דער דרום!
נאָר פֿאַרשאָטן דאָרט ווערן די שאָטנס,
וואָס שלייכן און קריכן אַרום נאָך
פֿונעם שקלאַף—
דעם גאָטספֿאָרכטיקן תם...
ס׳איז די צייט פֿון גרויסע לוויות!
און די מאָכיקע זומפּ-געשפּענסטער,
און ס׳געבריל פֿון פֿאַרלוירענע שלאַכטן
וועט ניט פֿאַרהילכן
די גבורה די שטילע—
דעם אויסשטראַל פֿון מענטשלעכן וווּנדער
און וועט די וואָגיקע ווייזערס פֿון צייט
און די בלוטיקע שטראָמען פֿון נעכטן
ניט שלעפּן צוריק אַ יאָרהונדערט.

ס׳איז די צייַט פֿון גרויסע לוויות!
ס׳איז פֿון אויפֿלעב פֿון גרויסן די צייַט!
דער מענטש פֿון די פֿלאַמיקע זאַמדן,
דער מענטש
פֿון די פֿינצטערע דזשאָנגלס,
דער שווינגער. פֿון שפּיז
און מאַטשעטעס,

האָט אין געשיכטעס בלוטיקן שפּיגל
דערקענט זיין מעכטיקן פֿורעם
און דעם אוראַלט פֿון וועלדער צעשמעטערט,
און די פֿלאַמיקע זאַמדן פֿון מדבר
צעפּאָכעט ווי וואָלקנס אין רוים.
און גיך
האָט די וועלט זיך געביטן—
און יענע, וואָס האָבן געקיניגט,
פֿאַרשלינגט פֿונעם צײַט־שטראָם דער שוים.

די שאַנד פֿון מיין לאַנד
איז דער דרום!
דאָס גיפֿט פֿון מיין לאַנד
איז זיין הויך!
נאָר דער מענטש מיט דעם סאַמעט אין אויגן,
מיט דעם טונקעלן האָניק אויף הויט—
ער איז דער העלד
פֿון מיין ערד!
ער איז
פֿון פֿרילינג דער שטורעם,
אים איז דער בלי פֿון די זומערס,
אים איז די צוקונפֿט באַשערט!

דער שוואַרצער מאַן

ביים ברעג

איך זיץ בײַם ברעג,
די ווײַטקייט ציט זיך
קלאָר און ריין,
באַצירט ביים ראַנד
מיט צאַרטע וואָלקן-פּאַסן;
אויף דינע פּלײַטן
שפּילט דער זומער-ווינט
פֿאר מיר אַליין,
פֿאַר מיר אַליין עס שפּילט דער ים
אויף זײַנע שווערע באַסן.

אײַנזאַם
שלײַעט זיך אַ הונט אין זאַמד.
וואָס טוט ער דאָ
פֿאַריתומט און פֿאַרלאָרן?
עס האָט די פֿייכטקייט פֿונעם ווינט
די פֿעל אים גלאַט פֿאַרקאַמט
און עפּעס זעט ער אויס
פֿאַרהונגערט און פֿאַרדאַרט,
ווי אַ שעפּס
וואָס ערשט האָט מען די וואָל אים אָפּגעשאָרן.
צי הערט ער די מוזיק
ווי איך
אין כוואַליעדיקן ברומען,
צי הערט ער אויך די פּלייטן
אין דעם זומער-ווינט,
צי איז ער
מיט זיין אײַנזאַמקייט
ווי אַ מענטש פֿאַרנומען,
צי איז אים שווער צו זיין
אַ הונט צווישן הינט...

צי פֿילט ער,
דאָ ביים ברעג,
די בענקשאַפֿט טיפֿער, שאַרפֿער;
צי פֿילט ער אינעם
פֿ י ל ן
אַ טעם, אַ שטילע טרייסט?
איך קוק אויף אים און טראַכט:
וואָס וויל ער דאָ, וואָס דאַרף ער?
איך טו אַ פֿייף,
ער קומט.
צי דאַרף ער מ י ך?
ווער ווייסט...

אַ ליד אָן אַ טיטל

ס'איז קיינער ניט פֿאַרבליבן דאָרט.
אָפּגעווישט.
פֿאַרשוווּנדן.
געבליבן זײַנען בלויז
די לעבער
אינעם לעבעדיקנס האַרץ,
די ווייטיקן,
די אייביקדיקע ווונדן.

וואָלט איך געוואָלט
איין מאָל
נאָך גיין אַהין,
ווּ אויף אַ בית-עולם, אַן אַלטן,

איז מיין מאַמעס שטיין געשטאַנען
שווער און גרוי
צווישן שטיינער האַלב-פֿאַרזונקענע
מיט אותיות פֿאַרווישטע
פֿון די רעגנס און די ווינטן,
פֿון די טרערן,
וואָס אויף זיי געפֿאַלן זײַנען דאָרט-
נאָך איין מאָל
איינזאַפּן אין זיך
די ריחות פֿון מיין קינדהייט
און זיצן, אפֿשר,
אויף אַ מצבה, אַ פֿאַרוואָרלאָזטער,
צווישן סקאַלעס מאָכיקע
און געדענקען
די אימהדיקע פּראָצעסיעס
פֿון לוויות אָט-אַהערצו,
ווו פֿון אַלע ערטער הייליקע,
איז דאָס געווען
דאָס אָרט דאָס הייליקסטע.

געוואָלט וואָלט איך
דאָס ברייטע פֿעלד געפֿינען,
ווו אין אַ קוילן-האָגל
אומגעקומען איז מײַן טאַטע
מיט מײַן גאַנצן שטעטל—
אויף דער שוואַרצער, פֿעטער ערד,
אויף אונדזערער,—
אויף זײַנער!
ווו אויף אייביק
ס׳וועט שוין אין די רוימען דאָרטן הילכן
ס׳געלעכטער פֿון די דייטשע מערדער.
און פֿון די שטאַרבנדיקע יידן די יללות!—

זוכן וואָלט איך װעלן—
צווישן יענע הרודעס...
און אויב כ׳וועל דאָרטן
גאָרניט ניט געפֿינען,
זאָלן אויף יענעם פֿעלד כאָטש,
פֿון אַ זון אַן אייגענעם
די טרערן רינען...

נאָר ס׳וועט מײַן טראָט
אַהינצו ניט דערגיין שוין.
ס׳איז צעאַקערט דאָרט די ערד
און ס׳האָט קיינער
קיין זכרון-צייכן ניט געשטעלט,
קיין רמז ניט
אויף יענעם ברייטן פֿעלד.

זיכער פּלאַטערן ווי שטענדיק דאָרט
די פֿינצטערע וואָראָנעס,
רויק, גוט-געזעטיקט
און געלאַסן,
זיכער פּיקן זיי
די פֿעטסטע ווערעם דאָרטן,
ווען די טראַקטאָרס פּאַלמעסן די ערד
אין גלאַנצנדיקע, לאַנגע פּאַסן.

זיכער טראָגן זיך,
ווי אין מיין זכרון,
איבער יענע פֿעלדער
לידער, אומעטיק-פֿאַרבענקטע,
פֿאַרנאַכט-צו, נאָך אַ טאָג, אַ מידן.
נאָר ס'זינגט דאָרט
קיינער ניט
מיין טאַטנס ליד;
קיינער זינגט דאָרט ניט
דאָס הימל-שפּאַלטנדיקע ליד
פֿון די אויסגעקוילעטע,
די שטעטלדיקע יידן!

וואָלט איך געוואָלט
אַ ניגון זינגען דאָרט,
אַ יידישן,
אויף יענעם פֿעלד;
וואָלט איך געוואָלט
געפֿינען דאָרט
אַ ברעקל
פֿון מיין מאַמעס שטיין!
נאָר דער וועג אַהין
איז ווייט
און פֿון דער מאַכט
פֿאַרשטעלט—
וועל איך אַהין
שוין קיין מאָל ניט דערגיין.

מיין גאָלדענער חלום

ס׳האָט קיינמאָל
מיין גליק זיך ניט געגאָסן
ווי זיסער געדיכטער וויַין
פֿון אַ שווערן, אַ גאָלדענעם קרוג.
דאָס לעבן איז קאַרג,
איז ענגהאַרציק געווען—
און פֿון ענגע שפּאַרעס
האָט דאָס מזל מיינס געטריפֿט.
פֿאַרשיכּורט האָט מיך נאָר מיין אייגן בלוט
און דאָס, וואָס כ׳האָב אין חלום געזען.

פֿאַראַנקערט
איז מיין שיפֿל קיינמאָל ניט געווען.
דער צייַט-ווינט האָט ניט אויפֿגעהערט
די שטריק און זעגלען ריפּען.
און זאַמדיק-נאַס און בלאָטיק אויך—
ניט איין מאָל!—
איז די ערד געווען אונטער מיינע פֿיס.
פֿון מיין קינדהייט אָן
האָט הונגער און טויט-שרעק
פֿון שלאָף צעוועקט מיך מיט אַ כליפּען.
בלויז אַ ליבשאַפֿט צום לעבן
האָט אין די יאָרן פֿון מיין וואַקסן
די עסיקדיקע זויערקייט פֿון מיינע טעג פֿאַרזיִסט.

אַזוי בין איך געוואָקסן—
אײַנגעהילט אין בענקשאַפֿט און אין שמאַטעס—
אין דעם קליינעם האָראָדענקע,
אין דעם גרויסן, אין דעם "שיינעם ווין".
פֿאַר אַ יינגל, אַן אָרעמען, אַ יידישן,
איז די צײַט געווען
אַ שטײַג מיט שטעכנדיקע גראַטעס
און ניט געוווּסט האָב איך,
צי וועל איך ווען עס איז "דערגיין";
און ניט געוווּסט צו וואָס
און ניט צו וועמען
און ניט וווהין...

נאָר אין דער האָפֿענונגלאָזיקייט, דער נאַקעטער,
האָב איך געלאַכט, געזונגען
און ניט אויפֿגעהערט צו האָפֿן.
לידער האָבן מיך געטראָגן!
ווערטער האָבן מיך געוועקט!
מײַן געמיט,
מײַן האַרץ
איז קיינמאָל ניט געשלאָפֿן
און אין דער בלאָטע,
אין דעם בלוט,
אין דעם ווירבל-ווינט פֿון מײַן עפּאָכע
האָט זיך דאָס גאָלד
פֿון מאָרגנדיקע דורות מיר אַנטפּלעקט.

ווי לײַכט, ווי פֿליגלדיק
עס איז מיין טראָט געוואָרן;
ווי ליכטיק יעדער האָריזאָנט,
ווי נאָענט
די גאַנצע, אויסלייז-מאָנענדיקע וועלט!
אין ציטער פֿון דערוואַרטונג
האָט זיך מײַן בלוט איינשטילן ניט געקאָנט.
דאָס אייגענע, דאָס וואָכעדיקע מזל,
איז ווי שטענדיק
דורך דינע שפּאַרעס גרוי געראונען,
נאָר ברייטער איז דער שליאַך געוואָרן—
מיט אַ ציל,
מיט אַן "אַהין!" אַ פֿלאַמיקן צעהעלט.

יאָ, ס'איז פֿאַרבליבן דאָס ווין נאָך "דאָס שיינע"...
נאָר ניטאָ שוין איז מײַן שטעטל האָראָדענקע!
און וואָס איז פֿון יינגל פֿאַראַן נאָך—
זיין ליד... זיין יינגליש געדענקען...
דער ווײַן רינט קאַרג דורך די שפּאַרעס.
דער שליאַך איז האַרבסטיק געוואָרן
און איך זע אין די בלאָטעס
דאָס גאָלד,
דעם פֿלאַמיקן צייכן "אַהין!"
איך זע—
ער זינקט,
אָט-אָט—און ער וועט זיך דערטרינקען.

הײנטיק װיגליד

שלאָף מײַן קינד, איך האָב דיך ליב,
שלאָף נשמה רײנע.
אויפֿן הימל, קאַלט און טריב,
ציטערט די לבנה
און עס ציטערן, מײַן קינד,
די שטערנדלעך, די קלײנע.

װאָס-זשע שרעקן זײ זיך דאָרט
די שטערן אויפֿן הימל?
דאָס פֿרעג איך גלאַט אַזוי, מײַן קינד,
ניט ענטפֿער מיר,
ניט װעק זיך אויף,
ניט שטער דײַן רײנעם דרימל.

דאָס שרעקן זײ זיך דאָרט, איך װײס,
און װאַרפֿן זיך אין ציטער,
װײַל ס'קומט אַ גאַסט אַרויף צו זײ,
װײל ס'פֿליט צו זײ
פֿון ערד אַרויף
דער מענטש,
דער שטאָלצער ריטער.

זײ װײסן גוט
העט אויבן דאָרט,
די שטערן, די לבנה,
אַז דער שטאָלצער, קלוגער מענטש,
קאָן קומען שוין אַזש ביז צו זײ
מיט שרעק און מיט סכנה...

זיי האָבן דאָך
פֿון אייביק-אָן
געקוקט צו אונדזער נידער
און מיט שרעק געזען, מיין קינד,
ווי ס'פֿירן זיך דאָ אויף דער ערד
די גרויסע,
דײַנע ברידער.

און געבליבן זײַנען זיי
העט-הויך אין הימלען שוועבן
און געפֿינקלט קאַלט און פֿרעמד
און שטילערהייט געזאָגט צו זיך:
ניט גוט וואָס ס'טוט דאָרט אויף דער ערד
דער מענטש צו זיך,
צום לעבן.

עס פֿליט דער מענטש אַרויף
צום ווײַטן שטערן-ציטער.
אַלץ העכער, העכער
הייבט ער זיך
און גאָרניט, גאָרניט שרעקט אים אָפּ
פֿון דער ערד דעם שטאָלצן ריטער;

ער פֿליט
דורך וואָלקנס און דורך ווינט,
ער פֿליט דורך בלויע תהומען—
ער פֿליט דאָרט אויפֿרײַסן אַ שלאָס—
דעם סוד
דעם גרויסן סוד פֿון רוימען.

און וואָס ער וועט געפֿינען דאָרט,
און וואָס ער וועט אַנטפּלעקן—
שלאָף, מײַן קינד,
דאָס ווייס איך ניט—
נאָר ליכטיק זאָל דיר זײַן דײַן וועלט,
ווען דו וועסט זיך צעוועקן.

און זיי,
די ציטערדיקע דאָרט,
די שטערן—
כ׳ווינטש זיי אייביק שלום!
שלאָף, מײַן קינד,
און זיס,
זאָל זיס דיר זיין דיין חלום!

עלעגישע אַסאָציאַציעס

ווען איך הער אַ פֿויגל זינגען
אויף אַ פֿעלד אַ ווײַטן,
הער איך
פֿון פויערים אויף פֿעלדער דאָס געזאַנג;
הער איך
פֿון מיין קינדהייט דאָס פֿאַרבענקטע ליד.

ווען איך הער אַ קלויסטער-גלאָק
אין ווײַטקייט קלינגען,
הער איך—
פֿון דערפֿער די זונטיקדיקע גלאָקן,
געדענק איך,
ווי פֿרי
איך האָב אָנגעהויבן טראָגן
די לאַסט פֿון וויסן,
אַז איך בין אַ ייד.

ווען איך זע ערגעץ
אַן אײַנגעהויקערט שטיבל
מיט פֿענצטער אומעטיקע, קליינע,
און אַ שטיקל ערד
אַרומגעצאַמט מיט אַ הילצערנעם, אַן אַלטן פלויט—
ווערט מיר עפּעס היימיש,
ווערט מיר עפּעס ליבלעך—
און איך געדענק
מײַן קינדערישע פֿרייד און טרויער,
און איך געדענק—
פֿון אַן אַמאָל אַ ווייטן—,

די אָרעמשאַפֿט פֿון שכנים,
דאָס פּיצל הערינג, די בולבע,
דאָס פּיסנע שטיקל ברויט.

ווען איך זע אַמאָל
אַ פֿערד אַ וואָגן ציִען,
געדענק איך
מיין פֿעטער יאָסל, דעם בעל-עגלה.
"פֿעטער יאָסל!
פֿעטער יאָסל!
נעמט מיך מיט אַ ביסל אויפֿן וואָגן!"
נאָר ער איז אַ גרויסער שוויַיגער.
בלויז די ביַיטש
טוט שאַרף אַ טשוויקע
און איך ווייס שוין—
ס'איז ניט אָפּצושטעלן אים,
-מיין הויכן פֿעטער יאָסל,
ווען די "לייבן" זיינע לויפֿן,
ווען ער פֿאָרט— — —

ווען איך הער אַמאָל
דאָס יידיש-לשון פֿון מיין האָראָדענקע—
די דינע "צוּריס"
און דעם ברייטן "גאַי",
דערהער איך
קולות האַלב-פֿאַרגעסענע און נאָענטע,
הער איך ווי מיַין באָבע
שעפּטשעט ערגעץ אין איר אַלקער,
אַז עס איז איר—
ווי מיר, ביי מיין געדענקען!—
"אָך אַזוי און וואַי— — —"

ווען איך זע אַמאָל
אַ ברייטן שטח
פֿאַרענדיקט און פֿריש־צעאַקערט,
און וואָראָנעס, גלאַנציק־שוואַרצע,
וואָראָנעס הונגעריקע פֿלאַטערן בײַם ראַנד —
געדענק איך
ווען איך — אַ ייִנגל — הונגעריק ווי זיי —
האָב אַליין געפֿירט אַ שווערן אַקער
און צווישן פּויערים, אוקראַאיִנער,
אַ יידיש און העברעיִש ליד געזונגען
פֿון דעם ווײַטן,
פֿון דעם אויסגעבענקטן אבות־לאַנד.

ווען איך זע אַמאָל
אויף גאַסן רוישיקע, ניו־יאָרקער,
אַן אַלטן חסיד שפּאַנען —
זע איך פֿון מײַן שטעטל
דאָס פֿאַרשווונדענע געזיכט;
זע איך
הינטערגעסלעך שמאָלע, בלאָטיקע און קרומע —
און אין פֿענצטער, האַלב־פֿאַרהאָנגענע,
שאָטנס טונקעלע פֿון ווײַבער,
בענטשנדיק די שבת׳דיקע ליכט.

װען איך הער אַמאָל
אַ ניגון פֿון אַ תּפֿילה,
אַ בית־עולם־קדיש
איבער אַ מצבה אויף אַ פֿעלד—
װערט דער שטיין
מײַן מאַמע׳ס קבר
און אַ כליפּ רײַסט־אויף אין מיר
פֿון ערגעץ אַ מין טיפֿקייט
און װי פֿון קלאָג־װײַבער אַ יללה,
הילט מיך אײַן אַ טרויער
נאָך מײַן אויסגעשאָכטענער,
מײַן שטעטלדיקער װעלט.

װען איך לייען אַמאָל
די פּרקי אבות,
צי אַ חכם׳ס חכמה,
צי אַ מעשה װוּנדערלעך דערציילט—
זע איך אויפֿלויכטן
מײַן טאַטנ׳ס אומעטיקע, ברוינע אויגן—
זע איך אים
אין מאַסן־קבר מיט די האָראָדענקער!
און איך פֿיל די װוּנד,
די אייביקע אין מיר!
און איך װייס ניט,
צי דער טויט אַליין אַפֿילו
װעט קאָנען װען ס׳איז זאָגן:
די װוּנד איז אויסגעהיילט———

מיין פעטער יאָסל

און קומט די נאַכט

און קומט די נאַכט—
די שפּעטע שעה—
וואַרט איך ניט,
אַז שלאָף זאָל זי מיר ברענגען.
איך ווייס:
עפּעס וועט זיך אין געמיט צעפּלאַטערן———
איך פֿרעג ניט וואָס—
אַ ווײַסע טויב,
א שוואַרצע קראָ—
איך ווייס ניט,
וואָס עס וועט די נאַכט
איבער מײַן געמיט צעהענגען.

אַ מאָל איז שטיל.
און כ׳הער דאָס שוואַרצע זשומען.
די געדאַנקען זענען אָן געשטאַלט.
ס׳דאַכט זיך מיר——
כ׳בין אין גאַנצן אויסגעהוילט,
ס׳וועט גאָרניט מער זיך פֿורעמען אין מיר,
איך וואַרט אומזיסט,
דער ווינט,
וואָס וועקט מיך אויף,
וועט שוין קיינמאָל מער ניט קומען.

נאָר שטענדיק בלײַב איך װאַך
און װאַרט———
אין גאַנצן מיך פֿאַראָרעמט
האָבן קײן מאָל ניט די נעבכט.
צי איז דאָס קישן װײך,
צי איז עס שטעכיק-האַרט———
צו מײַן גאַנצן איך
כ׳בין נאָענט יענע שעה—
צי איז זי זיס און צאַרט,
צי שװער—
ביז זי ברעכט מיך אײַן.

האָב איך ליב זײ,
מײַנע נעבכט———
כאָטש זײ ברענגען פּײַן אַ סך
און קלאָרקײטן אַזעלכע,
װאָס דערשרעקן...
און אויך——
דאָס פּלוצימדיקע,
דאָס ניט-דערװאַרטע ליד.
און מיטן ליד
קומט אויך די טרײסט
און דער רײנער קלאַנג,
דער נאַכטיק-צאַרטער גלאָק,
װאָס הערט ניט אויף,
װאָס מוז
דאָס אײגענע געװיסן װעקן.

לידער

לידער זיַינען וואָלקנס,
לידער זיַינען ווינט...
לידער זיַינען שטיינער אין אַ שויב,
געוואָרפֿן פֿון אַ שטיפֿער,
פֿון אַ ווילדן קינד.

לידער זיַינען וואָגיק,
לידער זיַינען גרינג,
זיי קומען אומדערוואַרט,
ווי פֿייגל פֿונעם הימל—
און דער זינגער זינגט:

אומעטיק פֿאַרנאַכט-צו,
פֿריילעך אין דער פֿרי,
אָדער פּונקט קאַפּויער,
לויט ווי שווער די פֿליגל,
לויט ווי גרינג דער פֿלי.

לידער זיַינען רעגן,
זיַינען האָגל, שניי;
לידער זיַינען זוניק,
און פֿון האַרץ אַ נאַכטיק
ווילדער אויסגעשריי.

לידער זיַינען ים,
לידער זיַינען שוים,
לידער זיַינען שטורעם
און אַ ווינטיק שעפּטשען,
אַז מען הערט עס קוים.

לידער זיַינען ליבשאַפֿט,
לידער זיַינען האַס,
לידער זיַינען האַרצבלוט—
און ווי דער טויט אַליין,
זיי זיינען קאַלט און בלאַס.

לידער זיינען לעבן,
פֿרייד און פּיַין.
לידער—דאָס בין איך:
אַ קויש, אַ פֿולע טאָרבע
ברויט און סם און וויַין!

די באַלאַדע פֿון אַ "חתונה"

(לויט איציק פֿעפֿערס "אַ חתונה אין בירא̈בידזשאַן")

"אוי איז דאָס אַ חתונה,
אַ חתונה געווען —
די וועלט האָט אַזאַ חתונה
נאָך קיין מאָל ניט געזען!"

ס'האָבן צו דער חתונה
דורות זיך געגרייט —
נאָר קיין חופּה-קליידער
האָט מען ניט גענייט.

אַן אַרבעטער, אַ גיבור,
דער חתן איז געווען,
נאָר ער האָט זיין כּלה
קיין מאָל ניט געזען.

געלייענט האָט ער אין ביכער
פֿון אירע רויטע האָר,
געהערט האָט ער פֿון מענטשן,
אַז שיין איז זי ביז גאָר.

געוואָלט האָט ער געפֿינען
דעם וועג, וואָס פֿירט צו איר —
געוואַרט ס'זאָל עמעץ קומען
און זאָגן: קום, איך פֿיר...

געוואַרט אַזאַ פֿאַרבענקטער,
געהאָרעוועט, געשמאַכט,
געוואַרט, אַז אַ לאַמטערן
זאָל אויפֿהעלן זיין נאַכט.

צי ער האָט געאַקערט,
צי ער האָט געשמידט—
טיף אין האַרץ זײַן גאַרן
האָט ווי זשאַר געגליט.

און אַזוי דורך דורות
ס׳האָט דער ריז געוואַרט
און עס האָט זיין חלום
אים ניט אָפּגענאַרט.

אין אַ טאָג אַ פּראָסטן,
און אַ פּראָסטן יאָר,
איז אַ ייד געקומען
מיט אַ ברייטער באָרד.

מיט אַ טיפֿן שכל,
אַ האַרץ אַ גרויס, אַ שטאַרקס—
האָט די וועלט געזאָגט:
דאָס איז קאַרל מאַרקס!

און קאַרל מאַרקס צום גיבור
האָט אויסגעשטרעקט די הענט
און אים קלאָר באַוויזן,
ס׳איז אַלץ אין אים געווענדט.

האָסט אין זיך די גבורה,
האָסט די מאַכט אַליין—
כ׳וועל דעם וועג דיר ווײַזן
און דו וועסט דערגיין.

ווײַט איז דײַן געליבטע,
שיין איז זי, נאָר ווייס,
אַז עס וועט דיך קאָסטן
בלוט אַ סך און שווייס.

אָט איז מיין לאַמטערן,
זאָל דיין וועג זיין העל
און דערגייי מיט מזל
צו דײַן באַשערטערס שוועל!
— — — — — — — — —

און דאָס ליכט גענומען
ביי מאַרקסן האָט דער ריז
און גענומען שפּאַנען
מיט באָרוועסע צוויי פּיס.

ס׳האָט די ערד ווי קוילן
אונטער אים געברענט,
געבונדן האָבן כיטרע
מכשפֿות זײַנע הענט.

ס׳האָבן שטורעם־ווינטן
געווירבלט אויף אים שטויב,
ס׳האָבן ווילדע דונערס
דעם אויער אים פֿאַרטויבט.

ס׳האָבן בייזע רוחות
געריסן אים, געפֿליקט;
ס׳האָבן שוואַרצע קראָען
די אויגן אים געפּיקט.

ס׳האָבן הייסע שפּיזן
געלעכערט אים דעם גוף—
נאָר ער האָט געפּאָלגט
פֿון האַרץ זיינעם דעם רוף.

ער איז פֿאָרויס געגאַנגען
און ס׳בלוט זײַנס האָט געטריפֿט,
און ס׳ליכט פֿון דעם לאַמטערן
האָט זײַן גאַנג פֿאַרטיפֿט.

און ער איז דערגאַנגען
מיט ליבשאַפֿט אין דער ברוסט—
אַזאַ טיפֿע ליבשאַפֿט,
האָט דערגיין געמוזט.

געווען איז דאָס אין ווײַטן,
אין אַלטן רוסן-לאַנד,
וווּ עס האָט זײַן כלה
אים אויסגעשטרעקט איר האַנט

און פֿון אירע ווערטער—
ווערטער פֿול מיט גליק—
האָט די גאַנצע ערד
געטאָן זיך אַ צעוויג.

ס׳האָבן אַלע קליפּות
פֿון דער גאָרער וועלט
זיך געטאָן אַ לאָז
אויף זיי מיט אַ געשעלט,

מיט פֿאַרבײַלטע פּויסטן,
מיט פֿאַרקריצטע ציין—
ס׳וועט ניט זיין קיין שידוך!
צו אַלע רוחות, ניין!

האָבן חתן־כלה
גענומען ביקס אין האַנט
און געשטעלט אַ חופּה
ביי דער קרעמל־וואַנט.

אוי, איז דאָס אַ חתונה,
אַ שטורעמווינט געוועין!
ס׳האָט אַזאַ מין חתונה
קיין לאַנד נאָך ניט געזען!

אַי, וואָס פֿאַר קלעזמאָרים!
אַי, ס׳אַראַ מוזיק!
פֿון די פֿעלדער קלעזמער,
קלעזמער פֿון פֿאַבריק!

און די אינסטרומענטן—
גאָרניט ווי אַמאָל!
ס׳פּויקן פּולעמיאָטן,
ס׳פּײַפּט אין לופֿטן שטאָל

ס׳פֿליען הייסע רײַטער,
ס׳יאָגן הייסע פֿערד,
ס׳וויגט אַ האַלבע וועלט זיך
אַרום רוסלאַנדס ערד.

אוי, איז דאָס אַ חתונה
אַ פֿלאַמיקע געווען!—
די וועלט האָט אַזאַ חתונה
נאָך קיין מאָל ניט געזען!

ניט קיין יויך מיט מאַנדלען,
ניט קיין פֿעטע גענדז—
נאָר אַזאַ מין סעודה
וואָס רופֿט זיך—"אינטערווענץ".

און דאָס, וואָס מ'האָט דערלאַנגט דאָרט,
איז אויפֿן שפּיץ קינזשאַל,
איז גלייִקער ווי פֿײַער
און ביטערער פֿון גאַל...

געווען איז בײַ דער חתונה,
געווען איז דאָרט—ווער ניט!
און סאַמע צווישן אַלעמען—
יידן אין דער מיט.

אַזוי פֿיל, קיין עין-הרע,
מחותנים, זעט—
יידן פֿון די שטעטלעך,
יידן פֿון די שטעט

יידן, פֿעסטע יונגען,
קוטשמעס אויף די קעפּ,
אויף קאָזאַצקע פֿערדלעך
יאָגן איבער סטעפּ—

און אַלע צו דער חתונה—
ניט צו קיין יאַריד—
וואָס ס'זאָל דאָרט ניט טרעפֿן,
איז מען אין דער מיט.

גאָר מיט נײַע לידער,
גאָר מיט נײַעם ברען—
ס'איז דאָך אַזאַ חתונה
נאָך קיינמאָל ניט געווען!

ווער עס קומט מיט ביקסן
און ווער מיט אַ באַגנעט—
און מיט אַלע קומט אויך
דער יידישער פּאָעט.

אַי, האָט ער געזונגען!
אַי, האָט ער געברויזט!
אַי, האָט מיט דער חתונה
ער זיך דאַן געגרויסט!

אַ קלייניקייט אַ ביסל——
אַ חתונה אַזאַ!
אַ ייד האָט אַזאַ חתונה
נאָך קיין מאָל ניט געהאַט!

ס'וועט דאָך פֿון דעם שידוך——
ברידער, ווייל איז אייך,
אַרויסקומען אַ וועלט,
וווּ ס'איז יעדער גלייך.

זאָלן נאָר די סאַרוועדס——

אַ רוח זיי אין געביין!——

זאָלן נאָר די סאַרוועדס

לאָזן אונדז אַליין

איז טאַקע שנעלער, חברה,

טרייבט די הינט אַרויס

און פּאַר חתן-כלה

אויפגעשטעלט דאָס הויז.

———————————

און נאָך לאַנגע מיִען,

נאָך אַ סך געשלעג,

זיינען אויפגעגאַנגען

נייע פֿולע טעג.

ס'האָבן חתן-כלה

אָפּגעמאַכט ביי זיך——

זייער פֿאַרגעניגן

איז בויען גוט און גיך.

און עס העלפֿן אַלע——

און צווישן זיי דער ייד——

און עס העלפֿט דער דיכטער

מיט זיין יידיש ליד.

דאַכט זיך, אַז עס וואַקסט,

דאַכט זיך, אַז עס בליט,

דאַכט זיך, אַז עס שטייגט דאָרט

אויף אַ נייער ייד.

און די יאָרן גייען
און די צייט שנעל לויפט,
און עס קוקט די וועלט — —
וואָס טוט מען דאָרטן אויף.
— — — — — —

זעכצן יאָר פאַרגייען —
גאַנצע זעכצן יאָר! —
און ס'איז אויסגעוואַקסן
שוין אַ נײַער דור.

„מיר, די זעכצן־יאָריקע,
וואָס האָבן מיר געגעבן —
אַ לעבן אַזאַ לעבעדיקס,
אַז לעבן זאָל דאָס לעבן!"

ס'זינגט אַזוי אַ דיכטער,
ס'קוועלט אַזוי אַ ייד —
ער איז דאָך פון דעם לעבן
אויך אַליין אַ שמיד;

ער איז דאָך פון דעם לעבן
אויך אַ באַלעבאָס!
איז דען צו זײַן יובל
פאַראַנען גאָר אַ מאָס!

יידן אין פאַבריקן
יידן אויפן פעלד.
יידן אויף די טראַקטערס —
ס'איז אַ נייע וועלט!

אויס מנחם מענדל!
אויס מיט מאַרק און קראָם!
אויס מיט די הריגות!—
אויס מיט דעם פּאָגראָם!

אַז עס בליט דאָס לעבן!
אַז עס וואַקסט די פרייד!
אַז מיט יעדן יאָר
ווערט אַלץ מער פאַרזייט!

שבחים זינגט דעם איינעם,
דעם, וואָס פירט, דערהויבט.
אַלע זינגט אין איינעם—
העכער זינגט זיין לויב!

אים, וואָס העלפּט דעם זיווג—
וואָס בויט דעם נייעם מענטש.
אים—פאַר אַלע ברכות,—
אים—פאַר אַלצדינג בענטשט!

— — — — — — — — — —

מיינט איר שוין אַז פאַרטיק,
מיינט איר שוין אַז גוט—
הויבט זיך אָן אַ נײַע
סדרה פול מיט בלוט.

ס'רוקט זיך אַ מגפה
אויף דער גאַנצער ערד—
אַ נײַעם מלאך-המות
האָט אונדז גאָט באַשערט.

אַזאַ מין מלאך-המות
איז נאָך ניט געווען!
ס'האָט אַזאַ מגפֿה
די וועלט נאָך ניט געזען!

גאָר אַ נייער המן
האָט זיך אויפֿגעשטעלט,
פֿון די דײַטשן איינער—
נאָר ער וויל די וועלט!

ווײַל די דייטשן, זאָגט ער,
זײַנען האַרן גאָר—
און זיין מאַכט וועט הערשן
גאַנצע טויזנט יאָר.

און ער האָט געזונגען
אַזאַ בלוטיק ליד—
אַז פֿאַר אַלעם וועט ער
אויסראָטן דעם ייד.

האָט ער אָנגעהויבן
אין אַ זומער-נאַכט,
דער נאַצי-מלאך-המות,
אַ צעפֿלאַמטע שלאַכט.

אוי, איז דאָס אַ חתונה
אַ גרויליקע געווען!
די וועלט האָט אַזאַ שחיטה
נאָך קיין מאָל ניט געזען!

ס׳איז דאָס בלוט גערונען
ימימוויַיז אויף ערד
און דאָס בלוט פֿון יידן
גערונען איז נאָך מער!

אוי, האָט מען געשאָכטן,
געבראָטן און געברענט.
אויב ס׳אַ גאָט פֿאַראַנען—
איז וויי צו זיינע הענט!

וויי איז צו זיין יושר!
וויי צו זיין געבאָט!
וויי צו אַן אל־רחמים
מיט אַזאַ מין גנאָד!

אוי, איז דאָס פֿאַר יידן
אַ חתונה געווען!
ס׳האָט אַזאַ סאָרט חתונה
נאָך קיינער ניט געזען!
— — — — — — — — — —

נאָר עס האָט דער המן,—
ימח שמו!—דער דייטש,
פֿון גיבורס גרויסן כוח
ניט געוווּסט דעם טייטש.

ס׳האָט געדויערט יאָרן,
ס׳האָט געדויערט לאַנג!
און ס׳האָבן יידן אויך
אים שווערע קלעפּ דערלאַנגט,

ביז ס׳האָט דער רוצח—
ווי אַ שד אין נאַכט—
געשרפֿהט אין זײַן הויף,
בעת דער לעצטער שלאַכט.

און פֿאַר דעם נצחון
פֿון דעם יונגן פּאָר
האָבן יידן אויך
קיין לעבנס ניט געשפּאָרט.

און ס׳זײַנען יידן שטאָלצע,
מיט ביקסן אין די הענט,
דערגאַנגען צו דעם אָרט,
ווו ס׳האָט זיין גוף געברענט.

אוי, איז דאָס אַ חתונה
אין יענער נאַכט געווען—
ס׳האָט אַזאַ מין חתונה
קיין פֿריץ נאָך ניט געזען!

נאָר ווען עס האָט די טויטע
אָפּגעציילט די וועלט—
האָט פֿון פֿאָלק אַ דריטל,
פֿון יידישן, געפֿעלט!

אוי, איז דאָס אַ חורבן,
אַ גרויסער בראָך געווען!
אַ שבעה-צײַט אַזאַ
האָט קיינער ניט געזען!

ווער האָט ניט געוויינט,
און ווער האָט ניט געקלאָגט
און ווער האָט נאָך אַ טײַערן
קיין קדיש ניִט געזאָגט!

ווער האָט ניט געטראָגן
טיף אין האַרץ בײַ זיך
די בערג מיט פֿרויען-האָר,
די בערג מיט קינדער-שיך!

נאָר מקוים פֿונעם דיכטער
געוואָרן איז דאָס ליד:
"—כ׳וועל אויף היטלערס קבר טאַנצן—
איך בין אַ ייד————"
— — — — — — — — — —

צעווונדיקט און צעבלוטיקט
האָט ער זיך אומגעקערט,
דער ריז, צו זיין געליבטער,
צו זיין, היים און ערד.

און ווידער צו דער אַרבעט,
מיט גלויבן און מיט ליד—
און ווידער זײַט ביי זײַט
מיט אַלעמען דער ייד.

און ווידער האָבן שבחים
געטאָן זיך הויך אַ הויב—
און עס האָט געקלונגען
צום אָנפֿירער אַ לויב,—

צו אים, וואָס ס'האָט דער גיבור
פּאַרטרויט אים דעם לאַמטערן—
דאָס ליכט, וואָס האָט געלויכטן
אויף זיין וועג דעם שווערן.

דאָס ליכט פון ריינעם יושר,
פון גליק און פרייד אין האַרץ,
דאָס ליכט פאַר נייַע דורות—
פון לענין און פון מאַרקס.

און וואָס עס טראַכט דער פירער,
און וואָס ער פילט און פּלאַנט—
דער ריז האָט ניט געפרעגט,
דער ריז האָט ניט געאַנט.

וואָס ער טוט איז וויל,
וואָס ער וויל איז רעכט—
זאָגט ער: "גוט", איז גוט,
זאָגט ער: "שלעכט", איז שלעכט...

זאָגט ער: "ווייַס", איז ווייַס...
זאָגט ער: "רויט", איז רויט...
זאָגט ער: "שטראָף", איז שטראָף...
זאָגט ער: "טויט!", איז טויט...

דער גלויביקער, ער גלויבט!
ווייַל ווי קאָן אַנדערש זייַן!
עס קאָן דאָך קיין רוצח
קיין פירער דאָרט ניט זיין!
— — — — — — — — —

נאָר עפּעס האָט געטונקלט,
עפּעס האָט געצאַנקט —
ס׳האָט עפּעס דאָרט דער מענטש
געהיט שוין זײַן געדאַנק.

און פֿון די סאַמע נאָענטסטע —
וואָס איז דאָס פֿאַר אַ גרויל?!
זײַנען שוין אַזוי פֿיל
געפֿאַלן פֿון אַ קויל!

עס הייליקט יעדן שאָס
פֿון אויבן-אָן דער-נאָמען —
רופֿט ער אויס: „פֿאַרראַט!"
האַלט מען אונטער: „אמן!"

ס׳איז דאָך ניט צום באַנעמען,
ס׳איז ניט פֿאַרן פֿאַרשטאַנד,
אַז ס׳זאָל אַ מערדער פֿירן
דאָס נײַע, יונגע לאַנד;

אַז וואָס מען האָט דערגרייכט דאָרט,
וואָס מען האָט געבויט —
זאָל ווערן איינגעטונקען
אין בילבול, בלוט און טויט.

נאָר עפּעס דאָרטן פֿילט מען,
פֿאָרט איז עפּעס קרום...
מען פֿילט, מען טראַכט, — מען ציטערט —
און דאָך פֿאַרבלײַבט מען שטום.

נאָר ווו זײַנען די דיכטער?
די יידיש-זינגער, ווו?
ווו איז איציק פעפער
און פּרץ מאַרקיש, ווו?

זיי זיינען דאָך מיט אַלע
גלײַך געווען דאָרט—
געגלויבט, געלויבט, געהויבן
מיט זייער יידיש וואָרט!

זיי זיינען דאָך מיט פעלקער
מחותנים דאָרט געווען!—
וואָס איז דאָס פאַר אַ צרה,
וואָס איז דאָרט געשען?!

—און אין אַ טאָג אַ שוואַרצן
אַ טאָג פון שווערע רייד—
האָט זיך דער אמת דאָרט
אַ ריס געטאָן פון קייט.

און פינצטער ווי אַ וואָלקן
האָט עס געטאָן אַ שפּאַר
און אויסגעדונערט: ברידער,
ער האָט אייך אָפּגענאַרט!

און אויסגעבליצט אין פײַער
אין יענעם טאָג פון נאַכט:
מען האָט דאָס וואָרט, די זינגער
פון יידיש אומגעבראַכט!

זיי, וואָס זייער ליבשאַפֿט
האָט ניט געהאַט קיין מאָס,
זיי, די מחותנים
פֿון סאַמע ערשטן כוס—

זיי האָט מען פֿאַרבונדן
מיט חופּה-טוך דאָס מויל!
זיי האָט מען דאָס האַרץ
צעלעכערט מיט אַ קויל!

אוי, איז דאָס אַ חתונה!
אוי, איז דאָס אַ בראָך!
פֿון אַלע ווילדסטע חתונות
איז דאָס די ווילדסטע נאָך!

פֿון אַלע ווילדסטע חתונות,
וואָס ס'האָט דערלעבט דער ייד—
מער פֿון אַלע ווייטאָגן
אָט-דער ווייטאָג בריט!

און דאָס, וואָס ס'האָט געליטן
דער גיבור דורות-לאַנג
און וואָס ער האָט דערגרייכט
נאָך וונדער-שווערן גאַנג—

עס איז באַשפּיגן איצט
עס איז באַדעקט מיט שאַנד!
און לאַנג וועט ער נאָך וואַשן
דאָס בלוט פֿון זיין געוואַנט!

און זיי, די מחותנים,
וואָס היטן אָפּ זיין גליק,—
זיי וועלן שוין ניט טאַנצן
מיט שיכּרות-פֿרייד אין בליק.

זיי וועלן מיט אַ ציטער,
אַ פֿײַן-פֿאַרקלעמט געמיט,
דורכטראַכטן דעם "אמן"—
די ברכה פֿון דעם ייד.
— — — — — — — — —

געווען איז דאָס אַ טאָג—
דער ביטערסטער פֿון פֿײַן!
און זאָל אַ טאָג אַזאַ
שוין קיינמאָל מער ניט זײַן!

עס זײַנען מחותנים
געזעסן אין אַ זאַל—
געקומען איז משפּחה
אַהין פֿון איבעראַל.

און קאַרל מאַרקס, דער לערער,
איז אויך געוועזן דאָרט
מיט זיין ברייטן שטערן,
מיט זיין גרויער באָרד.

און נאָענט ביי זײַן זייט—
אַ מענטש אין אַ קאַשקעט
פֿאַרשפּיצט אַ שאַרפֿן אויער
צו אַלצדינג וואָס מען רעדט.

און איןביידנס אויגן
אַ טיפֿער טרויער גליט—
"איליטש" — צו זיין שכן
ווענדט זיך מאַרקס, דער ייד—

"וואָס איז דאָס פֿאַר אַ חתונה,
ווי איז דאָס געשען?
ווו איז מיין לאַמטערן,
ווו איז ער געווען?!

"ניט פֿאַר אַזאַ חתונה
האָב איך זיך איינגעשטעלט!
איך האָב ניט פֿאַר אַ מערדער
דעם וועג אַהער באַהעלט!"

"ווער האָט עס פֿאַרטונקלט
אַזוי מיין אייגן ליכט!
ווער האָט עס מיט שאַנד
באַשפּיגן מיַין געזיכט?"

"דו האָסט דאָך געפֿירט
דער ערשטער דעם פּאַראַד;
דו האָסט ביַי דער חופּה
די דעה דאָך געהאַט!"

עס האָבן חתן-כלה
דיר דעם לאָמפּ פֿאַרטרויט!
ווו ביסטו געווען—
אויב דו ביסט ניט טויט?!"

און טרויעריק שמייכלט איליטש
און זאָגט: „איך בין ניט טויט,
איך בין פֿאַראַן אין אַלץ,
וואָס האָט זיך דאָ געבויט.

און דו ביסט אויך פֿאַראַן
און ס'איז פֿאַראַן דײַן ליכט —
נאָר אויף אַ בראָך אַזאַ
האָב איך זיך ניט געריכט!

די שאַנד איז טיף, מיין לערער,
און גרויס איז דער פֿאַרברעך.
עס איז דעם גיבורס גלויבן
צעבלוטיקט און פֿאַרשוועכט.

נאָר ער אַליין, דער גיבור,
וועט מוזן פֿון איצט אָן
אָפּהיטן זיין מזל
און אָפּהיטן די פֿאָן,

וואָס שטאָלץ האָט זי געפֿלאַטערט
און אָנגעזאָגט דער וועלט:
ס'האָט אַ טאָג אַ נייער
זיך פֿאַר דיר צעהעלט!

פֿאַר דיר און מיר, מיין לערער,
קיין שלאָף איז מער ניטאָ —
מיר מוזן בלייבן היטן,
מיר מוזן בלייבן דאָ!"

ס׳האָט קיינער ניט געזען
אין זאַל זיי, אָט-די צוויי,
נאָר יעדער האָט געהערט,
געוווּסט: דאָס זיינען זיי!
— — — — — — — —

געווען איז דאָס אַ חתונה
אין יענעם טאָג פֿון פּײַן —
פֿון אַזוינע חתונות
באַהיט זאָל מען שוין זײַן!

פֿון אַזוינע חתונות
באַהיט זאָל זײַן די וועלט
און דעם גיבורס ליכט,
וואָס האָט זיין וועג באַהעלט!

פֿון אַזוינע חתונות
זאָל עס זײַן באַהיט,
מיין שווער-געליטן פֿאָלק,
מיין וווּנדער-פֿאָלק, מיין ייד!

נאָך אַלץ מיט זיי

לזכרון די דערמאָרדעטע
יידישע שרייבער אין
ראַטן-פֿאַרבאַנד

כ׳גיי נאָך אַלץ מיט זיי,
די ברידער מיינע,
וואָס האָבן זייער גלויבן אין א ריינעם מאָרגן
הויך צעקלונגען.
כ׳גיי נאָך אַלץ מיט זיי געאָרעמט,
מיט די פֿלאַמענדיקע זינגער,
און ס׳קלאַפּט אין מיר דער פּולס פֿון זייער האַרץ
און זייער ליד,
דער הייסער אויסגעשריי,
דער מענטשלעך-שטאָלצער — —
״איך בין אַ ייד!״

כ׳גיי נאָך אַלץ מיט זיי — —
די אויסגעמאָרדעטע,
פֿון קוילן דורכגעלעכערטע,
אין נאָמענלאָזע גריבער פֿאַרשאָטענע — —
אָן אַ צייכן, אָן אַ שטיין — —
גריבער, ווי הירש לעקערטס — —
פֿון שטיוול און פֿון פֿערד
צעטראָטן און פֿאַרטראָטענע.

כ׳גיי נאָך אַלץ מיט זיי געאָרעמט
און זינג פֿאַר זיי
די צער- און צאָרן-לידער
פֿון אַן אָפּגעגנאַרטן גלויבן!
און זינג ס׳געזאַנג
פֿון אונדזער גרויסער ליבשאַפֿט
צו אַלץ,
וואָס איז אונדז הייליק
נאָך פֿון די נביאימס ווײַטע ווײַטן——
אַ געזאַנג, וואָס קאָן ניט
מיט רויך פֿאַרגיין
און ניט פֿון קוילן דורכגעלעכערט ווערן!——
דאָס ליד פֿון מענטש,
וואָס ראַנגלט אייביק זיך
פֿאַר נײַע אויסגעבענקטע צײַטן
און צינדט דעם אויסגעלאָשענעם בטחון
עקשנותדיק
מיט נייע ציטערדיקע שטערן.

כ׳גיי נאָך אַלץ
מיט זיי אַרומגענומען,
מיט די ברידער מיינע,
די אומגעקומענע
אין שוידערס פֿון קאָשמאַרן
און טאָרטורן, ניי-פֿאַרטראַכטע,
וואָס ניט טאָרקוועמאַדע האָט געקאָנט זיי
און ניט די צאַרן.

אָ, זינגער פֿון מיין פֿאָלק,
פֿון אים
צו אייביקייט דערהויבענע — —
וויפֿל שדים
האָבן אייך די הויט געשונדן
אין די לאַגער-גיהינומס?
וויפֿל שרעקן
ביז ס'האָט דער טייוול-תּליון
מיט זיינע בלוטיקע שטאַפּעטן
אויסגעלייזט אײַך
פֿון די פּײַנען, פֿון די גרוילן
מיט דער באַרעמהאַרציקייט
פֿון די פֿינאַלע ביקסן-קוילן?

איך גיי נאָך אַלץ
מיט אײַך געאָרעמט,
זינגער-ברידער מיינע,
צו אַ צייט,
ביז איצט נאָך נישט דערגרייכטע,
וואָס אפֿשר וועט זי
די נאַכטיקע,
די בלוטיקע,
די שוידער-שאָטנס
פֿון אָפּגעגאַנגענעם גאַנג צו איר
מיט אַ טרייסטנדיקן שטראַל דערפֿרישן
און אויפֿלויכטן, אפֿשר, וועט א טאָג אַזאַ
וואָס וועט אַלע גרויל-פֿאַרפֿולטע נעכטנס
פֿאַרשווענקען און אָפּוואַשן.

בײַנאַכטיקער שפּאַציר

פֿאַרוואָס אַזאַ זינגעוודיק האַרץ הײַנט בײַנאַכט?
——איך פֿרעג די לבנה, די שטערן——
הערט מיך דער ווינט
און ער וואַרפֿט זיך און לאַכט
און ער סווישטשעט:
——זיי וועלן ניט הערן...

די מעוועס שוין שלאָפֿן
אויף אַן אינדזל העט ווייט,
די מענשטן——
שוין אויך אין די בעטן,
נאָר איך בין נאָקטורניש
פֿון לאַנגאָניקער צייט,
ווייל אַז גאָט האָט באַשאַפֿן
די טונקעלע נאַכט,
האָט ער זיכער געטראַכט:
——פֿאַר פּאָעטן...

קומען די כוואַליעס——
——כ׳ווייס ניט פֿון וווּ——
מיט לבנה׳קן זילבער אויף שוימען.
און איך מיט די כוואַליעס
בין לאַנג שוין אויף דו,
איז פֿרעג איך בײַ זיי,
וואָס זיי אײַלן אזוי——
צי וועלן זיי עפּעס פֿאַרזוימען?

הערט מיך דער ווינט
און ער וואַרפֿט זיך און לאַכט:
— — זיי ענטפֿערן ניט קיין פּאָעטן — —
מעגסט מיט זיי זײַן
אויף "איר", צי אויף "דו" — —
זיי ווייסן ווי האַלטן סעקרעטן

פֿרעג איך דעם ווינט:
— — ווי קומט עס, וואָס דו
רעדסט אַזוי פֿרעך מיר אַנטקעגן?
טוט ער א שויבער דאָס זאַמד
און א סווישטש:
— — דאָס נעמט זיך דערפֿון,
וואָס איך שאַרף און איך שלייף
זיך אַליין אויף שפּיציקע באַרגיקע וועגן.

אָנזאָגן פֿון האַרבסט

שווערע אָנזאָגן
טראָגן זיך איבערן האַרבסטיקן הימל.
אין די ווינטן ברויזט
די דראָונג פֿון מיין צייט,
און פֿון ווײַטע מדבר-לענדער
ברענגען זיי דעם ריח
פֿון בלוט און פֿון פּולווער,
דעם שטורעם פֿון פֿעלקער דערוואַכטע,

דעם ביקסן-קנאַל
און שפּיזיקע קלאַנגען
פֿון אַזיעס בערג און פֿון אַפֿריקעס וועלדער—
נײַע און פֿרעמדע געזאַנגען.

מײַן צײַט
איז מיט טויזנט סכנות געלאָדן,
מיט שטאָפּן פֿון אויפֿרײַס,
באַלאַנסירטע אויף דער שאַרף פֿון אַ האָר.
אין דער שיינקײַט פֿון אָפּגאַנג,
צווישן האַרבסטיקע פֿאַרבן.
אין צעבויטעטע כמאַרעס,
פֿאַרבײַלטע און שווערע,
איז פֿאַרבאָרגן
דאָס מיליאָניק-פֿאַכיקע שטאַרבן—
די שרעק און דאָס וווּנדער,
דאָס געשפּענסט
און די האָפֿענונג
פֿון מיין צעפּײַניקטן דור.

וואָס וועלן זיי ברענגען,
די מאָרגנס, די נאָענטע?!
וואָס האָט אונדז דער ווינטער,
דער פֿרילינג פֿאַרגרייט?!
צי וועלן פֿון מזרח און מערב די ווינטן
אין פֿאַנטאַסטישן אויפֿפֿראַל
די רוימען צעשטויסן
און לאָזן די טײַכן, און לאָזן די ימען,
און לאָזן די ערד—
דעם קיילעך דעם גאַנצן—
מיט סם און מיט טויט
און מיט מתים פֿאַרזייט?!

וואָס וועלן זיי ברענגען—
מיר—מיין יאָרהונדערט,
די נאָענטע מאָרגנס,
אַזוי האַרט פֿאַר מיין טיר?!
אין די טעג פֿון דעם האַרבסטיקן,
דעם פֿאַרביקן ברענען—
צי וועלן פֿון וואַנזין די הערשער דערקענען
דאָס נייע געזאַנג?—
צי פֿון געשיכטלעכן טונקל
דעם אויפֿשטראַל פֿון ליכט?!
צי וועט פֿון מיין צייט
דאָס געשפּענסט און דאָס וווּנדער
בלײַבן פֿאַר זיי—אין גיר פֿאַר נצחון—
דער אויפֿברויז, דער לעצטער,
בלײַבן בלויז איינס—
דאָס געשפּענסט פֿון
פֿאַרניכט!

צווישן די גלײַקע פֿאַרבן
עס שרעקן די ווינטן
און ס'הויערט דער אומקום
איבער דער פֿאַרביקער פּראַכט;
ס'יאָגן דורך רוים-לאַבירינטן די וואָלקנס,
און די זון דורך די שפּאַרעס
קוקט קיל און דערשראָקן—
צי זאָל זי פֿאַרגיין...
צי זאָל זי פֿאַרבלײַבן...
און שווער אויף געמיט
פֿאַלט דער אָסיען-פֿאַרנאַכט.

מיין נעבטן, מיין היינט...

מיין איינציקע, מיין אָרעמע,
מיין ליכטיקע וועלט—
פֿאַרגיב מיר די שעה׳ן פֿון טרויער;
פֿאַרגיב מיר,
ווען כ׳צי פֿון דיין האַרץ זיך צוריק,
ווענד אָפּ פֿון דיין פּנים
מיין פֿאַרליבטן בליק,
פֿון דײַן דופֿק—
מיין דורשטיקן אויער.

מיין לעבן איז דײַנס,
און דו ביסט די ערד,
וווּ טיף מײַנע וואָרצלען זיך פֿלעכטן:
דו ביסט מײַן גורל,
מיין ברויט און מיין שווערד—
וואָס דיר איז געווען פֿון דורות באַשערט-
איז מיין מאָרגן,
מיין היינט
און מיין נעבטן!
איך האָב ניט קיין האַפֿט
אָן דיר,
אָן מײַן דור.

כ׳בין פֿאַרקניפּט אַזוי שטאַרק,
פֿון פֿאַרצײַטיקער ווײַט,
מיט דײַן גאַנג,
מיט דיין וואַקסן און ווערן;
ווען דו האָסט געבלוטיקט,
ווען דו האָסט געוויינט—
ווען דו האָסט מיין שטאַם
געפּלאָגט און פֿאַרניינט!—
האָב איך אַלץ נאָך
געטיילט דיינע טרערן.
און ווו האָסט געטאָן זיך
צו הייבן אַ הויב
און צעטראָגן דײַן ליכט
דורך די רוימען—
דאָרט בין איך מיט שטאָלץ
און מיט ציטער געווען—
אַז ס׳זאָל אין דיין שוווּנג
דיר קיין אומגליק געשען;
אַז דו זאָלסט אין גאַנג זיך ניט זוימען.

מיין איינציקע, מיין אָרעמע,
מיין ליכטיקע וועלט—
האָסט צער אין מיין ליבשאַפֿט פֿאַרשפּונען;
האָסט ניט איין מאָל דיין פּנים פֿאַרשטעלט
און געפֿאָכעט אויף מיר
מיט אײַזיקער קעלט,
ווען מײַן פֿאָלק האָט געשטיקט זיך
אין גאַזן פֿון טויט
און מיין בלוט איז אין טײַכן גערונען!
און דאָך טוט מיר וויי,
און דאָך טוט מיר באַנג,
ווען כ׳וועגד אָפּ פֿון דיין האַרץ-קלאַפּ מיין אויער—
ווײַל ליב האָב איך דיך
שוין לאַנג,
אַזוי לאַנג!
ווײַל כ׳הער אין דיין פּולס
מיין אייגן געזאַנג—
דו פּײַן און די פֿרייד,
דאָס אומגליק און גליק
און מײַן אייגענעם, שטעכיקן טרויער.

קלײנע בריװלעך צו דער גרויסער װעלט

װעלט, מײַן האַרציקע, מײַן הײס־געליבטע,
דײַן אָטעם טראָגט זיך שטענדיק
צװישן מײַנע װענט;
ביסט װי אַ װינטער־שאַרפֿע זאַװערוכע,
ביסט װי אַ תמוז־װינט, װאָס־ברענט!
און אויפֿריכטיק ביסטו אַזױ
און עכט—
נאָר די לײדנשאַפֿט פֿון דײַנע װיװגעס
לאָזט ניט שלאָפֿן מיך דורך לאַנגע נעכט...
קוק איך אַ פֿאַרבענקטער אָפּט
צו די װאָלקנדלעך אַרויף, צום הימל,
און טראַכט:
װי גוט עס װאָלט געװען
פֿאַרזינקען אין דער װײכקײט דער װאַטאָװער דאָרט,
דער װײַטער—
װי אַמאָל מײַן טאַטע אין זײַן פֿאָטעל—
דעם צעריסענעם, װאַטאָװן—
אין אַ געשמאַקן,
אין אַ לאַנגן שבתדיקן דרימל.

וועלט, מיין האַרציקע, מיין הייס-געליבטע,
דאָס מידע האַרץ מיינס,
עס הערט ניט אויף אַ לויב דיר אויסצוזינגען;
צי הערסטו פֿון דיין פערל-קאַסטן ניט
דעם שלעסער-קנאַק,
צי הערסטו אין די ריטמען מיינע ניט
דיינע שווערע צירונג-קייטן קלינגען?
כ׳בין גרייט אויף אייביק-אייביק
ליבע דיר צו שווערן—
נאָר כ׳בעט דיך:
רו זיך אָפּ אַביסל
פֿון דייַן אַלטמאָדישער דיעטע—
צופֿיל בלוט און מאַרך,
צופֿיל ביינער פֿעטע!
וועסט פֿון אַ שפּייז אַזאַ
צום סוף אַ תּל מיר ווערן—
און איידער וואָס און איידער ווען—
וועסטו אַליין
דאָס שיינע פּנים דיינס צעשטערן.

וועלט, מיין האַרציקע, מיין הייס־געליבטע!
ווידער וויל איך עפּעס ביי דיר בעטן:
דו מאַכסט עס אַזוי שווער פֿאַר אונדז
די זינגער, די פּאָעטן,
האָסט די לבֿנה אונדז פֿאַרלאָשן
און געמאַכט פֿון איר
אַן אָפּרו־בענקל
אין דיין וואַנדער צו די רוימען;
און דו הערסט ניט אויף מיט אונדז זיך רייצן;
און דו הערסט ניט אויף
פֿאַרלעשן אַלע אונדזערע אידעען־טרוימען.
האָסט, ווי אין חומש די לשונות,
אויסגעמישט אונדז אונדזער זינגער־לשון!
וואָס זינגען מיר צוזאַמען?
ס׳וואָלט מיין זיידע פֿאַר אַזאַ חזנות
ניט באַצאָלט קיין גראָשן.
ניט קיין בלומען, ניט קיין בייטן;
ניט קיין קאַרשן, ניט קיין קווייטן;
ניט קיין שיינע, ניט קיין שענסטער;
ניט קיין טויבן פֿאַר די פֿענצטער.
ס׳האָט דער "פֿישער פֿון באַגינען"
געוווּסט כאָטש, וואָס ער וויל געפֿינען...
נאָר אונדז, מיין טייערע,
אונדז דייַניקע בייַם ווערק־טיש,
האָסטו אָפּגעטאָן אויף טערקיש —
קום איך, האַרציקע, דיך בעטן:
וואָס דו ווילסט
וועל איך דיר געבן —
אַבי פֿאַרגרינגער אונדז דאָס לעבן!

די נאַכט

די נאַכט איז מיין צאַרטע, מיין טונקעלע ליבע,
מיט שטילער געטרײַשאַפּט זי נעמט מיך אַרום,
זי רוימט מיר אין אויער אַרײַן אירע לידער,
און שוויַג איך פֿאַרכמורעט פֿון טאָג-מי אַ מידער,
לאָזט זי מיר רוען און שליסט מײַנע אויגן
און לייגט זיך אַוועק ביי מײַן זײַט און איז שטום.

זי מאָנט פֿון מיר גאָרניט. זי קען ניט קיין קנאה,
און שטראָפֿט ניט מײַן בענקשאַפֿט נאָך זוניקער שײַן,
נאָר שפּינט פֿאַר מיר אויס אין די העלסטע קאָלירן
באַגינענס פֿון גינגאָלד, און לאָזט מיר באַרירן
די שטראַליקע זוימען,— די אוצרות פֿון מאָרגן,—
און אַנטפּלעקט מיר די סודות פֿון דעם, וואָס וועט זײַן.

איר טוייקער אָטעם קילט מיינע שלייפֿן;
איר שעפּטשען שטילט אײַן אין מײַן בלוט דעם ווירוואַר;
זי פֿירט איבער וועלט מיך געלאַסן, מיט שכל—
און קוקט אויף מיר טרויעריק, מיט אַ ספֿינקסישן שמייכל,
ווען פֿאַרקראַמפּט ווערט מיין האַרץ פֿון זינלאָזן ווייטיק,
ווען איך שלינג מיינע טרערן, ווי אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער נאַר

מיט פֿינגער פֿון סאַמעט צענעמט זי די קנוילן
און שיילט יעדן פֿאָדעם פֿאַר אויג מײַנעם אויס;
און גלעטיקט געדולדיק די קנייטשן פֿון ספֿקות,
און ווײַזט מיר מיט קלוגשאַפֿט אָן ווו דער וועג איז
און שטאַרקט מײַנע אויגן און וועקט מײַנע חושים—
און טרייסט מיך און פֿירט מיך פֿון פּלאָנטער אַרויס.

און טרעפֿט — זי בעט מיט שטילער עקשנות:
זינג, זינג עס מיר איבער, מײַן ליד, מײַן געזאַנג...
צעקלינגט אין געמיט זיך אַ בענקשאַפֿט אַן אַלטע —
עבאָס, מאָטיוון ווי גלאָקן צעשאַלטע —
און אַ דראָזש נעמט מיך דורך, ווי אין פֿיבער,
און ס'צעררירט מיך, ווי ציטער פֿון תאווה,
אַ הייסער, אַ שטעכיקער דראַנג.

איך זע, ווי זי וואַרט מיט פֿאַרהאַלטענעם אָטעם,
די נאַכט, מײַן געטרײַע, מײַן סאַמעטן ווײַב, —
אויפֿן ריינעם פּאַפּיר — דעם ליילעך פֿון ליבע —
מיט פֿאַרזשמורעטע אויגן — אי הייסע, אי טריבע —
צי וועט אונטער אַש זיך דאָס פֿײַער צעזשאַרען...
און זי מונטערט מיין פען און זי בעט ביי מיר: שרײַב!...

און הייבט אָן די זאַפֿט פֿון האַרץ מײַנעם פֿליסן
און צינדט אָן מיט רויטקייט דאָס העלע פּאַפּיר —
ווערט אַ געליבטע די וועלט מיר, די ברייטע,
און די נאַכט ביי מיין זײַט, —
אַ צעשויבערט-דערפֿרייטע —
איר פֿאַרדריסט ניט מיין געבן דער וועלט זיך
און זי טיילט דאָס געלעגער מיט איר —

מיט אַ גרייטקייט אַזאַ, וואָס קען ניט קיין קנאה,
מיט אַ ליבע, וואָס וואַרט, איך זאָל ווערן צעגליט —
אַ געדולדיקע ליבע, וואָס מאָנט פֿון מיר גאָרניט,
איז צאַרט ווען איך שפּאָר און פֿול ווען איך שפּאָר ניט —
נאָר וויל פֿון מיר אַלץ, יענע שעה ווען זי וואַרט,
ווען זי מאָנט מיט עקשנות: זינג איבער, זינג איבער מיין ליד!

ס׳טרעפּט

ס׳טרעפּט:
כ׳זיץ ביי אַ ליד
איבערן טישל געבויגן
און ס׳הויבן ווי פּריסיק
אָן בריִען די אויגן,
ס׳טוען מחשבות זיך פּריקרע אַ ריר:
ווער—אויף מיין לשון—
וועט לייענען מיין ליד?
ווער וועט עס שאַפֿן
און זינגען נאָך מיר?!
ווער וועט עס צערטלען,
ווען איך וועל פֿאַרגיין,
ווען פֿאַרגיין וועט מיט מיר
פֿון יידישע דיכטער
און זינגער מיין דור?!
ניטאָ יענע וועלט שוין—
פֿאַרשוווּנדן אויף אייביק!
פֿאַרטיליקט!
פֿאַרגאַן!
נאָר איך בין נאָך דאָ,
און איך לעב,
און איך פֿיל
און א י ך ז ע נאָך די וועלט,
זי איז אין מיר נאָך פֿאַראַן!

זינג איך
פֿון יענע געסלעך,
פֿון די פֿעלדער,
דער בלאָטע, דעם שניי...
זינג איך — ווייל איך געדענק!
און ס׳געדענקען טוט וויי!

אויטאָפּאָרטרעט

אין זכרון

אין זכרון
צאַנקען שוואַכע ליכטלעך,
אין זכרון
ברענען העלע פֿלאַמען.
אַ ווירוואַר און — — —
פֿולער סדר.
צעשפּליטערט און צעוואָרפֿן,
צונויפֿגעסילעט און פֿאַרוועבט צוזאַמען.

אָפּטמאָל דאַכט זיך —
לאַבירינטיש!
ניט קיין טיר און ניט קיין טויער.
און נישטער איך — — —
איז בראָך און אָפּפֿאַל!
גאָרניט!
און פֿון גאָרניט דאָס געשפּענסט
קוקט אויף מיר
מיט קאַלטן טרויער.

און צומאָל — — —
אַ געווימל פֿון געוועבן,
אַלץ צערירט
און פֿול מיט פֿאַרבן.
כ׳האָב, דאַכט זיך מיר,
קיין זאַך פֿאַרלאָרן
אין דעם לאַנגן, ווײַטן וואַנדער
איבער וועגן פֿון מײַן לעבן.

אַלע פֿענצטער זענען אָפֿן,
טיר און טויער ווײַט צעפֿראַלטע
און פֿון אומעטום עס דרענגען,
און עס שרײַען,
און עס רופֿן
און עס פֿליסטערן און מאָנען
קלאָרע, בולטע געשטאַלטן.

אַלע נעמען ענג אַרום מיך,
אַלע פֿרעגן— —
צי דערקען איך,
צי נאָך בענק איך,
צי פֿאַרגעסן— — —
און די ליכטלעך אין זכרון
טוען העל זיך א צעפֿלאַקער,
אַלץ איז ליכטיק,
אַלץ איז סדר
און איך פֿיל,
אז אַלץ געדענק איך!

דעמלט קלער איך,
אַז ערשט נעכטן
האָט זיך אַלצדינג אָנגעהויבן— — —
אַלע ליבעס,
אַלע טרוימען,
אַלע פּײַנען, אַלע פֿריידן
פֿון די ערשטע קינדער־יאָרן,
אַז פֿון לעבן אַלע ווײַנען
יערן פֿריש צום איבערשוימען;
אַז געאָטעמט האָב איך שטענדיק
מער מיט ליבשאַפֿט,
ווי מיט שנאה.

און דער אומעט אין דער טיף
פּליסט מיט יוגנטלעכן ציטער— — —
זיס פֿאַרשיכורט פֿון זכרונות,
אָן ווירוואַר און אָן צעשפּליטער.
און איך ווייס:
אָט דאָס בין איך!
און בלײַבן וועל איך,
ווי איך בין—
פֿון דער וועלט—
ביז בלוט צעווייטיקט,
צו דעם מענטשן—
אַמאָל פֿארביטערט.

זון-פֿאַרגאַנג

ווי ווונדערלעך
דער מערבדיקער הימל ברענט!
פֿון די פֿלאַמען
קנוילן וואָלקנס זיך
און פֿלאַטערן שוואַרצע
אין די רויטע הייכן.
ס׳איז ווי אַ שׂרפֿה וואָלט געפֿלאַקערט
איבער גאַנצער ברייט פֿון האָריזאָנט
און פֿון איר פֿײַערדיקן האַרץ
צום הימל אויסגעשפּיגן
אירע ווירבלענדיקע רויכן.

די בוכטע
ציטערט קאַלט-דערשראָקן
אין אַ מין בלוטיק-רויטן גלאַנץ;
די קוויטשענדיקע מעוועס
הויבן זיך און פֿאַלן
און פֿליִען, ווי משוגע,
דאַכט זיך, גלײַך אַרײַן אין פֿײַער.
ווי פֿאַרכישופֿט
וואַרפֿן זיך די כוואַליעס
אין אַ דריבנעם פֿונקען-טאַנץ
און דער ווינט—
ווי נעראָ אויף זיין פֿידל,
בעת ס׳האָט רוים געברענט—
שפּילט אויף זיין פֿלייט
און גיט דער הימלדיקער שׂריפֿה
זיין נגינה אַ צושטייער...

איך שטיי ביים בוכטע־ברעג
אַן אײַנזאַם־אָנגעשפּאַרטער
צו אַ מאָכיקן, אַ הילצערנעם פּאָרענטש,
און פֿיל,
ווי ס׳וואָלט אַ שטורעם מיך געטראָגן.
ס׳איז מעכטיק אַלץ אַזוי!
און איך—
אַ וואָכעדיקער מענטש—
מיין, אַז אָט וועט אַ ווייע טאָן אויף מיר
אַ שרפֿנדיקער ווינט
און ווי דעם אַלטן נביא,
מיך אַ הויב טאָן צו די הימלען
אין אַ פֿון־גאָט־געשיקטן—
פֿײַערדיקן וואָגן.

נאַכטיקע מחשבות

טונקעלע מחשבות
גנבענען אַריַין זיך אין געמיט
פֿון אַ דרויסנדיקער וועלט אַ קאַלטער,
ווו אַלץ איז אומעטיק
און שווער
און פֿון גאָט פֿאַרלאָזן.

אין פֿראָסטיקן ציטער
קלאַפּט דאָס מידע האַרץ:
אפֿשר... אפֿשר
איז צייַט שוין
שטילערהייט, אין איינזאַמקייט,
דאָס לעמפּל אויסצובלאָזן
און דעם קרירהדיקן דרויסן דאָרט
אַ גוטע נאַכט צו זאָגן?

סיַי ווי וועט זיך קיין מאָרגן-שטערן
אויף מיַין הימל
מער שוין ניט באַוויַיזן.
סיַי ווי וועט קיין רויט-באַזוימטער טאָג
פֿאַר מיר שוין מער ניט טאָגן...

אַז אַלע ליבעס
טוען ווי,
אַז אַלע טרײַשאַפּטן
האָבן גרענעצן און פּלויטן,
יעדער
וואַרגט זיך מיט זײַן אייגענעם געשריי.
און די נאָענטסטע נאָענטקייט
איז צעריסן
און פֿון די לאַטעס, וואָס מען לייגט—
מיט אָדערן אייגענע פֿאַרנייט,
הענגען בלוטנדיקע צויטן...

די וואָכעדיקע אַפּעטיטן
זיינען שטענדיק זשעדנע
און טראָגן און פֿאַרטראָגן
און פֿאַרדעקן און פֿאַרזיסן...
נאָר דער אמת
גראַבלט, ווי דער טויט,
פֿאַרעקשנט אין דער טיף,
און פּריוואַט איז ער,
דער אמת,
און זעלטן, זעלטן—
—אַמאָל!
ווערט ער פֿון אַ צווייטנס האַרץ
אַרויסגעריסן.

אין דרויסן הער איך
בלעטער פֿאַלן אינעם שוואַרצן הויף,
ס׳איז האַרבסט.
סיאָמערן ערגעץ קעץ
אין תאווהדיקע פּייַנען.
דער וועטער-נביא
האָט אונדז צוגעזאָגט
אַ ריינעם הימל
און אַ קאַלטן טאָג.
בין איך זיכער:
כ׳וועט נאָך קומען אַ קאַיאָר,
מאָרגן
וועט אַ קאַלטע זון נאָך שיינען.

נאָך דער לוויה

מענטשן זיצן אַרום טיש.
מען רעדט וועגן טאָג-טעגלעכע זאַכן.
אָט ערשט
האָט דער ראַבאַי
ביים אָפּענעם קבר
געזאָגט דעם אל-מלא-רחמים
און ס׳האָבן די קינדער
און די אַלמנה
טרערן פֿאַרגאָסן,
ווען עס זענען די רייד פֿון ראַבאַי
שמן-זיתדיק גלאַט
דורך זיין בערדל געפֿלאָסן.
און באַלד
מיט אַ קנאַק
האָבן זיך טירן פֿון אויטאָס פֿאַרשלאָסן.

צי וועט אַ מאָל ווער נאָך
ביים קבר דאָ זיצן און בענקען?
צי וועט פֿונעם הייפֿל ביים קבר,
אַ פֿריינד, צי אַ קרוב———
פֿון בית-עולם דעם נאָמען געדענקען

מען זיצט אַרום טישלעך,
מען רעדט פֿון טאָג-טעגלעכע זאַכן.
עס האָבן די פֿרויען אין "באַדרום"
די פּנימער "פֿאַרריכט" זיך
מיט פּודער און שמינקע.
מען עסט— — —
יידישע לעבער געהאַקטע,
זויערע אוגערקעס,
קאַרטאָפֿל-סאַלאַט
און מאָגערע גוייִשע שינקע.

דעם נפֿטר
דערמאָנט מיט א וואָרט דאָ ניט קיינער.
ס'איז זומער,
די זון שײַנט אַרײַן דורך די פֿענצטער,
דער טאָג איז אַ שיינער.

איך זינג...

איך זינג מיין ליד
צו אַלץ וואָס פֿרייד איז,
צו אַלץ,
וואָס הויך און פֿריַ.
איך זינג מיין ליד—
אַ לחיים צו דעם לעבן—
ווייל וואָס דען נאָך אין לעבן,
ווי דאָס ל ע ב ן צו באַזינגען איז כדאַי?

איך זינג מיַין ליד
צו אַלע לידער
צו אַלע קלאַנגען
צווישן הימל און דער ערד,
איך זינג מיַין ליד
צו אַלע זינגער
פֿון פֿאַרברידערונג-געזאַנגען,
וואָס מיט זיי צו זינגען
איז אויך מיר באַשערט.

איך זינג מיין ליד
צו אַלע יום-טובים,
צו דער זיסקייט
פֿון דער ערשטער ליבע
ביז צום פֿיַער, וואָס פֿאַרצערט,
צו אַלע ריינע תאווה׳ס
זינג איך,
צו אַלץ,
וואָס גיט דעם מענטשן פֿליגל
און דערהייבט צו שטאַפּלען העכערע
זיַין שטרעבן און זיַין ווערט.

איך זינג מיין ליד
צום טרויער
און צום הונגער...
ניט קיין שלאָף-ליד זינג איך,
ניט קיין אַיילו-לו...
מיט אַ וועק-רוף פֿון אַ וועקער זינג איך,
מיט אַ הייזעריקן צאָרן,
וואָס צערײַסט מיין אייגן האַרץ מיר
און גיט אַליין מיר
קיינמאָל ניט קיין רו.

איך זינג מיין ליד
צו אַלע ליבשאַפֿטן פֿון דורות,
ווייל נאָר אויף זיי
האָט די חכמה פֿונעם לעבן
אין יעדער צײַט געבליט,
צו דער גוטסקייט זינג איך,
וואָס עס לערנען די נביאים,
צו מיין פֿאָלק, דעם שווער-געפּרוווטן,
צו דעם ייִד!

און ווען ס׳פֿאַרציען נעפּלען
אַלע שטערן
און עס זעט זיך ניט קיין ווײַט—
זינג איך,
אינ׳ם נעפּל-נעץ געפֿאַנגען,
דאָס ליד פֿון בענקשאַפֿט
נאָך דער פֿרייד פֿון מאָרגן,
אַז דאָס ליכט פֿון יום-טוב
זאָל נאָך קומען אין מיין צײַט!

מיין פֿאָטער

איך וועל שוין נישט וויסן
ווו עס איז צעשטויבט געוואָרן דיין געביין,
נישט וועלכן שוידער ס׳האָבן דײַנע לעצטע שעה׳ן
דיר געבראַכט.
ביסט טויט.
ס׳האָט א בריוול מיר געבראַכט די האַרבע בשורה
און עפּעס האָט זיך אין מיר אָפּגעריסן
און מיד האָב איך און שווער די אויגן צוגעמאַכט.

כ׳האָב קיין טרערן ניט געהאַט—
אַזוי פֿיל יידן, אַזוי פֿיל טאַטעס זיינען אומגעקומען—
ווי קאָן מען וויינען אויף אַן איינציקן, אויף זיך אַליין?
כ׳האָב אין דמיון דיך צום לעצטן מאָל אַרומגענומען
און געזען דיך, ווי בײַם לעצטן אָפּשייד,
מיט שמייכעלדיקן אומעט,
אויפֿן האָראָדענקער באַנהויף שטיין.

איז אפֿשר הײַנט דײַן יאָרצײַט,
און אפֿשר אין ניט-ווײַטן נעכטן—
נאָר דו האָסט ניט געלערנט מיך
פֿון קדיש די מנהגים און פֿון יאָרצײַט-ליכט.
האָסט געגלויבט אין פֿאָלק, מיט אַ גלויבן עכטן,
נאָר ניט אין פֿרומער גלויביקייט
האָסטו צום פֿאָלק געזען די פֿליכט.

ביסט שטאָלץ געווען,
אַ שטאָלצער ייִד מיט וועלטלעכע פֿאַרלאַנגען.
און וועלטלעך דורכן לעבן איז געווען דײַן גאַנג.
דער אָטעם פֿון דײַן צײַט איז צו דײַן שטוב דערגאַנגען,
און קלוג און נײַ און קרעפֿטיג—
אין אַלטן האָראָדענקע—
האָט דײַן וואָרט געשפּרודלט, האָט געשפּרודלט דײַן געדאַנק

איך ווייס ניט ווו דו האָסט די קראַפֿט געזויגן.
ס'האָט דאָס לעבן דיך געשלאָגן מיט אַזוי פֿיל קלעפּ.
אָרעם און פֿאַריתומט האָסט געעפֿנט צו דער וועלט די אויגן;
דורך מלחמות און פּאָגראָמען,
דורך הונגער און סכנות,
האָט דיין לעבן זיך געשלעפּט.

אַ ברייטער שטראָם,
האָט דיין מחשבה מיטגענומען.
נאָר אין ליבשאַפֿט האָט דאָס שטעטל,
דיך געהאַלטן צוגעשמידט.
האָסט געוואַנדערט, ביסט אַנטלאָפֿן און צוריק געקומען,
און באַשלאָסן סוף־כּל־סוף:
וועסט שוין שטאַרבן דאָ,
אַן אָרעמער, אַ האָראָדענקער ייִד.

געדענק איך הײַנט דײַן יאָרצײַט
איך פֿיל דיך אין דער זאַלציקייט פֿון מײַנע אויגן
און איך זע די האַנט דײַנע בעת איך זיץ און שרײַב.
ווי איך אַצינד, ביסטו אַמאָל געזעסן איינגעבויגן,
ווען ס'האָט דער ערשטער קריג
די מאַמע אונדז דערהרגעט
און דערמאָרדעט דיר דיין איינציקע, דיין ווייב.

האָסט אין שטוב נאָך דער לוויה,
געזונגען שטיל אַ טרויעריקן ניגון,
און הינטער שוואַרצע וואָנצן געצוקט האָט ווײַס דײַן ליפּ.
אין דרויסן האָט דער ווינט מיט שניי אין שויב געשפּיגן—
איך האָב עס ניט פֿאַרגעסן
ס׳ליד, וואָס האָסט פֿאַרענדיקט
מיט אַן איינציקן אַ וועלט-צערייסנדיקן כליפּ.

אין מיטן פֿון אַ וועלט-בראַנד,
ווי זי, ביסטו פֿאַרגאַנגען.
ביסט אַ שפּענדל געווען אינעם בראַנד!
און עס האָבן דיך באַגלייט
די בלוט-און מאָרד-געזאַנגען—
צי האָסטו ניט געזען די ערדה יידן ברענען?
ס׳האָט אַלע דאָך פֿאַרברענט די דייטשע צינדער-האַנט!

ס׳איז קיינער ניט געבליבן
אין קליינעם האָראָדענקע—
ניט די קלאָג-ווייבער און די באַגרעבער ניט.
די שוואַרצע, פֿעטע ערד בלויז
וועט אייך דאָרט געדענקען
און לאַנג,
לאַנג וועט נאָך געדויערן
ביז אָפּוואַשן פֿון זיך
זי וועט פֿון דײַטשע טריט
די ברענענדיקע שאַנד.

דיין ליכטיק-פֿינצטער שטעטל—
דיין ליד, דיין האָראָדענקע,
דיין פֿריילעכע טשערוואָנע דיין טאָליקע, דײַן טײַך,
ווי איך, ווי איך, מײַן פֿאָטער,
זיי וועלן נאָך דיר בענקען...
און בענקען וועט דער פֿרילינג—יידן פֿון מיין שטעטל—
און דער האַרבסט וועט וויינען—
דער האַרבסט, דער האָראָדענקער, וויינען וועט נאָך אייך.

אַנדערש טאָר שוין ניט זײַן

יעדעס האַרץ האָט זײַן אייגענע מויער
און ס׳געוויסן פֿון יעדן איז זײַן —
וועל איך ניט מעסטן בײַ קיינעם זײַן טרויער,
ניט די טיף פֿון זײַן פֿרייד און זײַן פּײַן.

ס׳איז דער מענטש אַזוי פּילפּאַך געשטאַלטיקט
און ס׳איז יעדער פֿון אַנדערן שטאָף —
ווען מען די צייט פֿאַרגוואַלטיקט,
און ווער עס האַלט-אויס ביזן סוף.

ס׳האָט יעדער זײַן אייגענעם גלויבן
און יעדער זײַן אייגענע קראַפֿט —
איינער לאָזט גרינג זיך צעשטויבן,
ביי אַ צווייטן איז פֿעלזיק די האַפֿט.

נאָר אפילו אַ פֿעלדז קען זיך שפּאַלטן,
ווען ס׳טוט זיך די טיף אַ צעברויז
און די ווולקאַנישע, ווילדע געוואַלטן
רייסן פֿון דר׳ערד אים אַרויס.

אַ מענטש איז פֿון שטיין ניט געפֿורעמט
נאָר זײַן גלויבן קען זײַן ווי גראַניט,
ווען ער ווייס, אַז צו דעם וואָס ער פֿורעמט
איז דאָס גליק פֿון דער מענטשהײַט פֿאַרשמידט.

ווען ער ווייס מיט זײַן גאַנצן געוויסן,
אַז ס׳איז ווערט די סכנה און מי,
אַז אַ וועלט, וואָס איז קראַנק און צעריסן,
וועט אויפֿגיין געזונט און צעבליט;

ווײַל ער ווייס, אַז די בענקשאַפֿט נאָך שלום
איז אייביק אין מענטשן צעגליט—
און וויל מאַכן פֿאַר וואָר יענעם חלום
פֿון דעם נביא, דעם פֿאַרצײַטיקן ייד.

און אויב אויף זײַן אמת, דורך יאָרן,
געצילט האָט מען שקר און גיפֿט—
האָט ער פֿאַרוואָרפֿן מיט אײַזיקן צאָרן
פֿון שונא סײַ וואָרט און סײַ שריפֿט.

אַ געבלענדטער פֿון אייגענעם פֿייער,
געזען דאָס ליכט האָט ער בלויז—
ניט געוווּסט, אַז ער גיט זײַן צושטײַער
צום ווולקאַן, וואָס אונטער אים ברויזט.

און ווען געקומען דער טאָג איז
און דער אויפֿרײַס געטאָן האָט אַ שפּאַר—
ווער ווייס ווו די מאָס, ווו די וואָג איז,
וואָס קאָן מעסטן און וועגן זײַן צער,

ווען דאָס בלוט פֿון אייגענע ברידער
ער האָט דערפֿילט אויף די אייגענע הענט
און דערזען זײַן שפּראַך, זײַנע לידער,
פֿון זײַן אייגענעם גלויבן געשענדט,

און דערפֿילט אין זײַן טיף אַזאַ ציטער,
און דערקענט, אַז אין כוס פֿון דער וואָר
קאָן אויך זײַן אַ טויטלעכער שפּליטער
און סם און דעם טײַוולס שוואַרציאָר.

ווער קאָן זײַן ווייטאָק דאַן מעסטן,
ווער קאָן אים טרייסטן אַצינד,
ווען ער ווייס אין זײַן צער, דעם פֿאַרפֿרעסטן,
אַז געוועזן זײַן גלויבן איז בלינד;

ווען ער דערקענט אין אַן איינציקער רגע,
וואָס ער האָט קיינמאָל דורך יאָרן דערקענט—
אַז אַ גלויבן מוז וואַכן און פֿרעגן
און טאָר פֿון זײַן אייגענעם פֿייער ניט ווערן פֿאַרטויבט און פֿאַרבלענדט

דער פֿעלדז, דער גראַניט איז צעשפּאָלטן,
נאָר דעו־ אינהאַלט, די וואָר און דער תוך—
זיי בייטן ניט אום די געשטאַלטן,
כאָטש טיף איז דער גרויל און דער בראָך!

קאָן קיינער דעם טרויער ניט וועגן
ביי דעם, וואָס דאָס אומגליק איז זײַן;
קאָן קיינער ניט קומען און פֿרעגן:
זאָג מיר—ווי טיף איז דײַן פּײַן———

נאָר פּײַנלעך אַצינד איז מיר הערן
פֿון יענע דאָס גרויסע געוויין,
וואָס כ׳זע קלאָר נאָך אין זייערע טרערן
זייער נעכטיקן קריץ פֿון די ציין;

וואָס שפּיליען זיך צו צו די בוזעמס
דעם טרויער — אַ שוואַרצן מעדאַל —
און שפּאַנען-איַין אין די וואָגנס די מוזעס,
וואָס קלאַפּן ווי קאַלטער מעטאַל;

וואָס האָבן דורך יאָרן באַליידיקט,
גערופֿן צו חרם און האַס
צו יענע, נאָך וועלכע מען כליפּעט
און מען רייסט זיך איצט קריעה אין גאַס.

ביי דעם, וואָס זיַין טרער איז אַ ריינע,
ביי דעם, וואָס דער טרויער איז עכט —
ד ע ר מוז איצט פּרוּוון אַליין זיך
און געדענקען דאָס גוטס און דאָס שלעכטס:

און ביי דעם הייליקן ברען פֿון די טרערן,
וואָס גליען אין האַרץ אים אַצינד,
מוז ער אַליין פֿאַר זיך שווערן:
כ׳וועל שוין קיין מאָל ניט גלויבן מער בלינד!

כ׳וועל קיין מאָל ניט אויפֿהערן פֿרעגן
ביי די, וואָס מען האָט זיי געשטעלט
צו היטן דאָס גרויסע פֿאַרמעגן —
דאָס ווילזיַין, דעם בוי פֿון אַ וועלט;

כ׳וועל קיין מאָל ניט אָנטאָן אַ ראָם זיך
און ׳זאָגן — איך טרעט ניט אַרויס...
כ׳וועל קיין מאָל ניט זאָגן — איך צאַם זיך,
ווייל דער עיקר איז — שטעלן דאָס הויז...

כ׳וועל אויספּרוּוון יעטוועדעס זעמדל
און אויספּרוּוון איטלעכן שטיין,
כ׳וועל ניט אָנטאָן דאָס זײַדענע העמדל
אויף איינעם — נאָר איינעם אַליין

און גלויבן, אַז ער איז דער פּאַקל
און זײַן שכל דאָס ליכט און די שײַן —
כ׳וועל מאָנען דעם גאַנצן סך-הכּל,
ווײַל אַנדערש טאָר שוין ניט זײַן!

און זיי, די דערמאָרדעטע ברידער,
וועלן בלײַבן מײַן אייגענע שאַנד!
און מיט זייערע אייגענע לידער
וועל איך וואַשן די שולד פֿון מײַן האַנט;

און זייערע אייגענע גלויבנס-געזאַנגען
וועלן זײַן אַ סיגנאַל מיר, אַ רוף —
אַז אַ גלויבן אין בלינדקייט געפֿאַנגען
קאָן טייטן דעם גייסט און דעם גוף.

און מיט זייער געזאַנג פֿון בטחון,
מיט זייער דיכטערישן ברויז
וועל איך זעעוודיק גיין צום נצחון
פֿון אַלמענטשלעכן, גרויסן פֿאָרויס.

איך האָב פֿאַרגעסן דיר צו זאָגן...

ווען דו ביסט יונג געווען—
ווען איך האָב דיך באַגעגנט—
האָבן פּיאָלקעס אין דײַנע אויגן געבליט.
די זון האָט זיך אין דײַנע האָר געשפּיגלט;
די אַכצן יאָר פֿון דיין לעבן
האָבן ווי אַ ראָזעווער פּלאַם
אויף דײַן פּנים געגליט.

ווען דו ביסט יונג געווען,
און שטיל,
און שעמעוודיק
און האַלב-שמייכלענדיק אין זיך פֿאַרלאָרן—
האָב איך אויף דײַנע ליפּן געזוכט
פֿונעם שטעטל
מײַן יונגע ליבע—
דעם ציטער פֿון ערשטן באַריר;
פֿון לבנהדיקע פֿרילינג-נעכט די בענקשאַפֿט
און די באַנגקייט פֿון אָוונטן אַסיענדיק-טריבע.
דו האָסט צעוועקט אין מיר
דאָס ליד—
נאָר קיין עכאָ האָט פֿון דיר ניט אָפּגעקלונגען.
דײַן קול איז צאַרט געווען—
נאָר נאָענט צו דער ערד
און קיל:
און אין מיר
האָט אַלץ געפֿלאַקערט און געפּיבערט
און שטענדיק
עפּעס האָט אין מיר געוועבט זיך
און געזונגען.

איך ווייס ניט
ווען מענס רעגונגען געווען זיינען בעסער—
נאָר נישט גלייך איז געווען
פֿון אונדזער ליבע דער באַלאַנס—
בין איך קיין אָנשפּאַר ניט געוואָרן
פֿון דיין לעבן—
און ביידע
האָבן מיר זיך ניט דערגאַנצט———

טרויעריק
איז געווען דאָס שיידן
און געלאָזן ערגעץ טיף אַ ווונד;
ס׳האָט דאָס רוי־פֿלייש
מיט דער צייט פֿאַרהיילט זיך.
געבליבן איז—
אַ קרובהשאַפֿט אַ גוטע
און אַ מין צאַרטער,
געהיימער בונד...

און איצט,
ווען דו ביסט אַזוי פֿרי פֿאַרגאַנגען—
שעפּטשעט אַלץ נאָך טיף אין מיר דיין קול—
און ס׳דאַכט מיר,
אַז איך זע דיין יעדן זשעסט;
און אַ בענקשאַפֿט נאָגט מיך
נאָך דיין לעבן—
און אַן אומעט;
און עפּעס,—
וואָס פֿאַרגעסן כ׳האָב עס דיר צו זאָגן—
פרעסט אויף מיין געמיט אַזוי און פרעסט———

ביים נאַבטיקן ברעג

דער ווינט
יאָמערט ביים ברעג מיט אַ ווילדער יללה,
ווי ער וואָלט באַוויינט
דעם גורל פֿון דער וועלט.
די כוואַליעס, אין שוימיקער רוגזה,
שלײַדערן זיך דונערנדיק צום זאַמדיקן ברעג.
די לבנה,
אַ דערשראָקענע,
אין שווינדלדיקער הייך,
קוקט ווי צעפּאַלמעסט זי שפּרייט זיך
אין מיריאַדיקע גלײַקע שפּליטערס.
אויפֿן צעוויגטן גאָלד פֿון אַטלאַנטיק.
עפּעס טראָגט זיך אַ קוויטשען
פֿון די זילבערנע שפּרייען,
ווי ס׳וואָלטן נשמות
אין גיהנום געפּײַניקט
געשריען צום הימל—
דערלייז אונדז!

עס קראַמפּט זיך דאָס האַרץ
פֿונעם איינזאַמען,
נאַכטיקן גייער ביים ברעג,
ער ווייסט ניט—
צי שטעכט אים דער זאַמדיקער שטויב
די אויגן ביז טרערן;
צי וויינט ער אַזוי מיטן ווינט,
וואָס ע ר—
איז אויך אַזאַ שפּליטער
אויף צעבויטעטע כוואַליעס—
און האָט ניט ביי וועמען
דערלייזונג צו בעטן
און איז מקנא
די שרעקלאָזע קראַפּט
פֿונעם ים.

אַ געבורטסטאָג-לחיים

איך שרייב זיך אַ געבורטסטאָג-ליד
און טרינק אַ גלאָז מיט וויַין —
איך טרינק צו זיך אַליין און זאָג:
געזונט זאָלסטו מיר זיַין!
און טרינקען זאָלסטו צו דעם לעבן,
טרינקען אַזוי לאַנג,
ווי ס׳וועט אַ בליץ טאָן נאָך אין מאַרך
דער שטראַל פֿון אַ געדאַנק,
ווי ס׳וועט אין האַרצן נאָך
אַ בענקשאַפֿט טאָן אַ נאָג,
כל-זמן עס וועט דערקענען ס׳אויג
צווישן נאַכט און טאָג;
כל-זמן ס׳וועט זשאַרען נאָך אין בלוט
אַ פֿונק פֿון אַ באַגער,
זאָל דיך ניט אַרן וואָס אין וויַין
פֿאַרמישט זיך אויך אַ טרער,
און וואָס די וואָכעדיקע לאַסט
איז שטעביק, שווער און האַרב —
און וואָס עס קריצט די ציַיט אריַין
אין פּנים קאַרב נאָך קאַרב.
און זאָל פֿון איינזאַמקייט די שלאַנג
ניט סמען דיַין געמיט,
און זאָל אַ פֿאַלשן דיכטערס רום
ניט שטערן דיר דיַין ליד.

כל-זמן דו פֿילסט דעם נעכטן נאָך
און לעבסט נאָך מיטן הײַנט,
כל-זמן עס איז פֿאַראַנען נאָך
אַ חבר און אַ פֿרײַנד—
ניט לאָז פֿון האַנט אַרויס דאָס גלאָז!
טרינק-אויס ביז דנאָ דעם ווײַן!
לחיים, וועלט, ביז לעצטן טראָפּ,
געזונט זאָלסטו מיר זײַן!

סתם אַ ליד

דער נעפּל פֿון דער צײַט
פֿאַרשלינגט די אָפּגעלעבטע יאָרן;
וויפּל קלאָרקייט ס׳זאָל ניט זײַן.
אין דעם געדענקען,
וויפּל שאַרפֿקייט
ס׳זאָל ניט בלישטשען אין זכרון.

כ׳פֿיל מײַן קינדהײַט נאָך
אין בלוט,
כ׳פֿיל זי אויף מײַן גומען;
כ׳הער זי אין די ווינטן,
אין די רעגנס,
אינעם בײַט פֿון די סעזאָנען;

כ׳הער מײַן שלוכצן
און מײַן לאַכן...
כ׳זע זיך קלאָר—
נאָר אין די רייַנסטע בילדער
איז מיר שווער
אַליין זיך צו דערקענען.

ענדלאָז קאָן איך לידער
פֿון מײַן שטעטל זינגען
און דערציילן מעשות פֿון מײַן לעבן
אָן אַ צאָל...

יעדער ניגון
איז אַרײַנגעוועבט אין האַרץ מיר—
יעדע מעשה
איז אויף אַן אמת
מײַן אייגענער אַמאָל...

נאָר עפּעס בלײַב איך דאָך
אַ זייטיקער,
אַ קוים-באַרירטער:
אַ כאַראַקטער
אין אַ בוך, אַן אַלטן,
אין אַ ספּעקטאַקל,
אין אַ שפּיל
אַ לאַנג שוין אויפֿגעפֿירטער.

נאָר פֿאַראַן אין יענע נעפּלען
שפּיזיקע מאָמענטן,
וואָס געבליבן זיינען איינגעשטאָכן
מיט אַן אייביק-פֿרישן ווייטאָג
אויף מײַן גאַנצן לעבנס-וועג!
און זיי—
די שטענדיק-בלוטנדיקע—
הויערן איבער אַלץ אין מײַן זכרון...
זײַנען זיי אפֿשר
דער איך,
וואָס איז פֿון מיר געוואָרן...
זײַנען זיי אפֿשר
מײַן פּיינלעכסטער,
מײַן טייערסטער פֿאַרמעג.

שטימונגען

ס׳ליגט ווײַט הינטער מיר שוין
מײַן פֿרילינג, מײַן מאַי,
די גלוט פֿון מײַן זומער
איז אויך שוין פֿאַרבײַ—
און פֿון אַלע חלומות
דער פֿאַרביקער פֿלאַקער
איז פֿון האַרבסט,
ווי אַ פֿעלד נאָכן שניט,
פֿאַרן ווינטער-פֿאַרזיי,
אויף טונקעלע פֿאַסן צעאַקערט.

.II
מיט וואָס
בין איך באַגורט אין מײַן גאַנג?
וועלכע בלי-זין זענען באהאָפֿטן
צו מײַן וואָפֿן-רימען?
צי איז עס געווער,
צי שיצט עס מיך,
צי שיצט עס ווען—
מײַן געזאַנג?

איך זינג,
ווען ס׳מאָנט אַ ליד מיך
אין דער שטילער נאַכט.
איך זינג ניט ווי אַמאָל.
ס׳האָט פֿאַרראַטן מיך
דער רוף, דער אייגענער,
צו שטורעם און צו שלאַכט—
זינג איך אין דער טונקל
שטילע לידער
הינטער צוגעמאַכטע טירן.

ניין,
ס׳איז ניט די עלטער
אײַנגעשרומפּן אין דער פֿינצטער,
ס׳איז ניט פֿון ליכט
קיין אויסגעברענטער קנויט—
כל-זמן פֿון פּײַנען,
פֿון ווייטיק און פֿון בושה
ס׳בריט דאָס האַרץ מיינס
און עס פֿלאַמט מײַן הויט.

דעם שטורעם-פֿויגל
האָט פֿאַרצוקט דער שטורעם...
דאָס קול פֿון מענטש
פֿאַרשלונגען ווערט
פֿון טויטלעכן געוויטער.
די וועלט איז ווייט נאָך
פֿון איר חג-הפורים—
און דער רעגנבויגן
פֿון אַ גרויסן חלום
ליגט אין אַ זומפּ
פֿאַרבלוטיקט
און צעשפּליטערט.

מיט וואָס-זשע
בין איך אין מײַן גאַנג באַהיט?
דאָס וואָרט—
אַ מידער קרעכץ,
אַ קריץ פֿון ציין...
זינג איך שטילער,
זינג איך זעלטענער מײַן ליד.
און אינעם טונקל
כ׳פֿיל אַלץ אָפּטער,
אַז איך זינג פֿאַר זיך אַליין.

ליבעס...

איך ליב זיי נאָך הײַנט
די נעכטיקע ליבעס;
די פֿיבערס
וואָס האָבן פֿאַרברענט
און פֿאַרצערט;
זיי קומען צו מיר
מיט פֿאַרנעפּלטע אויגן,
מיט אָפֿענע ליפּן,
וואָס האָבן מיט אָטעם, מיט הייסן,
דעם גלײַיקן זשאַר
פֿון תאווה צעבלאָזן
און מיט אייגענע גלידער
דאָס פֿײַער גענערט.

געווען זײַנען צײַטן
פֿון בענקשאַפֿטן ווילדע—
און שטילע,
ווי סאַמעט,
ווייך און פֿאַרטראַכט,
אַמאָל האָבן אָפֿן
געבלוטיקט די ווונדן—
נאָר גענוג איז געווען,
אַז אין שעהן, אין מילדע,
זאָל אַ ווונד זיך פֿאַרשליסן
און קומען זאָל "היילונג"
אין אַן איינציקער נאַכט.

איך ליב זיי נאָך היינט
די נעבטיקע ליבעס—
יענע פֿון יובל
און יענע פֿון פּײַן;
זיי זײַנען פֿאַרקאַרבט
אין מײַן האַרץ,
אין מײַן פּנים;
זיי זײַנען געווען
ס׳געזאַנג פֿון מײַן וואַנדער,
זיי האָבן דעם וועג מיר
פֿאַרשאָטנט, פֿאַרפֿינצטערט—
נאָר ס׳האָבן אויך
פֿאַרביקע בלומען געוויגט זיך
און ס׳האָבן אויך
זוניקע שטראַלן געטאַנצט דאָרט
און מיט העלן געלעכטער
די סטעזשקעס באַשײַנט...

און גאָרניט איז שטיל נאָך.
און גאָרניט פֿאַרלאָשן.
ס׳איז קילער דאָס בלוט—
נאָר די בענקשאַפֿט,
די ליבשאַפֿט צו ליבע
איז ווייט ניט פֿאַרגליט...
און ס׳פֿליסט אויפֿן ברויט נאָך
דער עסיק און האָניק—
ווי עס פֿליסן
די פֿרייד און דער צער
פֿון מײַן האַרץ,
ווי דאָס ליכט
און דער שאָטן
פֿליסט פֿון מײַן ליד.

כ׳האָב ליב...

כ׳האָב ליב די סעזאָנען מיט אַלע קאָלירן—
פֿון פֿרילינג דעם סאַמעט,
פֿון זומער דאָס פֿײַער,
דעם גאָלדענעם האַרבסט—
דעם אָפּגאַנג אין פֿאַרבן—
און דעם שנײדיקן װינטער, מיט פֿראָסטיקע צײנער,
מיט זײַן װאָלפֿישן העשען,
מיט זײַן װילדקײט דער פֿרײַער.

איך פֿיבער בײם אױפֿשפּראָץ
פֿון גראָזן, פֿון ערשטע;
יעדעס מיַײיִקע װינטל,
װי תאװה, צערירט מיך,
איך זינג מיט די פֿײגל,
איך לױף מיט די טײַכלעך;
יעדער לאַך פֿון אַ קינד,
יעדער זוניקער שמײכל
געװענדט איז צו מיר
און באַרױשט און פֿאַרפֿירט מיך.

און הײבט זיך אָן רײפֿן
דער זומער אױף פֿעלדער,
און װערן באַלאָדן
די בײמער און בײטן—
זע איך די ערד—די מאַמע, די אַלטע,—
װי זי האָרעװעט און קנעט,
װי זי יױרט און זי שטײַגט,
װי זי שאַפֿט—
אונדזער טיש מיט גוטס צו פֿאַרגרײטן.

און פֿאַנגען אָן וועלקן,
די ערשטע, די בלעטער,
מיט אָדערלעך רויטע,
מיט גאָלד אין די פֿאַלדן—
דערפֿיל איך אין דראָזש
פֿון די נאַכטיקע ווינטלעך
ס׳געזעץ פֿונעם זײַן—
און כ׳זינג אויס אַ לויב
דער זון פֿון אָקטאָבער,
ווען זי גייט-אויף פֿאַרטאָג
אויף אַ הימל, אַ קאַלטן.

און טוט זיך דער ווינטער
מיט ווּט אַ צעוויכער,
מיט שפּיצן פֿון שפּיזלעך
אין צעווירבלטע שנייען—
זע איך:
ס׳טאַנצט פֿאַר מײַן פֿענצטער
און ס׳ווירבלט דאָס לעבן.
און כ׳ווייס:
ס׳וועט דער שניי מײַנע אייגענע פֿענצטער פֿאַרקלעפּן...
נאָר ער קאָן ניט
די שויבן פֿון פֿרילינג פֿאַרווייען.

און מײַן האַרץ הערט ניט אויף,
עס הערט ניט אויף זינגען
מיט אַלע קאָלירן
פֿון אַלע סעזאָנען!
און שטיל איז מײַן זאַטקייט,
און טיף איז מײַן הונגער,
און איך פֿאָדער ניט גאָרניט...
און ס׳וועלקט ניט מײַן ליבשאַפֿט,
און איך הער ניט אויף בענקען,
און איך הער ניט אויף מאָנען.

פֿאַרטאָג

פֿאַרטאָג,
ווען ס׳צעוועקן מיך די אינדזל-פֿייגל
פֿון אַ שלאָף אַ טיפֿן
און איך האָרך
דאָס יובלדיקע זינגען אין דער לופֿט,
עפֿן איך ניט אויף די אויגן
און איך פֿאַרטראָג זיך ערגעץ-ווײַט
צו אַ זומערדיקער קינדהייט,
און עס דאַכט זיך מיר—
איך הער דורך פֿענצטער אָפֿענעם
דעם שטעטלשן פֿרימאָרגן.
און אַלץ, וואָס איז אין דרויסן,
מאַניעט מיך
און מונטערט מיך און רופֿט:

ווער ווייס,
וואָס ס׳וואַרט אויף מיר
אויף ״מײַנע״ בייטן,
ווער ווייס,
וואָס אויפֿגעשפּראָצט האָט איבער נאַכט—
אַ מאָן-בלום,
אַן אוגערקע,
אַ נעכטן ניט-געוועזן קווייטל...
ווער ווייס,
וואָס האָט צעבליט זיך,
וואָס האָט צום ליכט זיך אויפֿגעמאַכט...

און אפֿשר
שטייט ביים טײַכל וואָוויק שוין
מיט זיינע הירזשענדיקע שימלען?!
און אפֿשר וועט ער לאָזן
איך זאָל רײַטן
מיט׳ן פּאָטיק צו דער מיל?!
און אפֿשר
וואַשט ביים רינדל שוין,
יוסטענאַ אירע לאַנגע לײַוונטן די ווײַסע
און איך וועל זען,
ווי ס׳כוואַליען זיך אירע ראָזעווע,
אירע פֿולע בריסטן,
אַרויס פֿון לויזן העמדל—
און מאַכן וועל איך זיך,
אַז כ׳זע ניט,
אַז פֿאַרטאָן בין איך
ביים רינדל אין אַ שפּיל.

און אפֿשר וועלן זיך באַווייזן
משה׳לע און מענדל
און מיר וועלן זיך ווי לאָשיקלעך צעטאַנצן
און שפּילן זיך אין קוֹציקעס
און אין צוגאָווע פֿערד!
און טאָמער וועט זי,
וואָס האָט די ערשטע תאווה
אין מײַן בלוט צערירט,
מיט איר קרוג צום רינדל קומען...
אין אַ פֿרימאָרגן אַזאַ זומערדיקן—
ווער ווייס—
טויזנט גליקן
קאָנען מיר אין דרויסן זײַן באַשערט!

דער זומערדיקער דרויסן—
פֿאַר קינדער שטעטלשע
אַ ליכטיקער גן-עדן!
ס׳האָט קיין שול ניט
און קיין חדר מיך געבונדן...
ס׳האָט ניט געוואָלט זיך מיט דער זון צעשיידן
און מיט דעם חבר ניט,
ווען ס׳האָט אין מערב זיך
די שקיעה אָנגעצונדן.

ליג איך—
ווען ס׳צעוועקן מיך פֿאַרטאָג די אינדזל-פֿייגל—
און מיט צוגעמאַכטע אויגן
לאָז איך, ווי אַ פֿילם-באַנד,
די אַלטע בילדער פֿאַר זיך פֿליסן.
אַ שטילע מעלאַנכאָליע
שלייכט אַרײַן זיך אין מײַן בעט
און די פֿייגל זינגען... זינגען...
ביז איך ווער פֿאַרזונקען ווידער
אין אַן אַמאָליקן,
אַ ייִנגלשן שלאָף אַ זיסן.

זומער-ניואַנסן

I

דער רויטער קאַרדינאַל
מיט דער פֿלאַמענדיקער ברוסט
רופֿט פֿונעם בוים-שפּיץ זײַן געליבטע.
ער וואַרט —
די גליענדיקע פֿליגל ענג-צונויפֿגעצויגן —
אָט-באַלד וועט זי,
ווי פֿון הימל אַ מתנה,
ווי דורך בלויער לופֿט
אַ פֿייל פֿון בויגן,
אַ פֿאַל טאָן לעבן אים אויפֿן ציטערדיקן צווײַגל.
אויף אַ דינעם פֿלייטל
וועט דער זומער-ווינט
אויסשפּילן פֿאַר זיי די חתונה-מוזיק —

און איך וועל קיין מאָל ניט וויסן,
צי האָבן זיי,
די פֿלאַמענדיקע פֿייגל,
אַ באַגריף פֿון זייער גליק.
נאָר אויב געזאַנג און קלאַנג
קאָן זײַן אַ מאָס פֿאַר פֿרייד,
דאַכט זיך מיר,
אַז דאָרט, אין זייער ריינער הייך,
ווייסן זיי באַשייד.

II

אויפֿן שוואַרצן סלופּ-שפּיץ,
אין מיטן פֿון דער שוימענדיקער בוכטע,
שטייט אַ ווייסע מעווע,
ווי אַ טשאַקע אויפֿן קאָפּ
פֿון אַ שטייף-אויסגעצויגענער שילד-וואַך.
גאַוודיק שטייט זי דאָרט—
אין אַן איינזאַמקייט
ווי אַן אומיסטן אויסגעזוכטע;
נאָר איר האַלדז באַוועגט זיך מיטן לייכטן ווינט,
מיט דעם וויג פֿון גרויע וועלן.
קיינער קאָן זיך מיט איר איינזאַמקייט ניט טיילן,
קיינער קאָן זיך אויפֿן סלופּ מיט איר ניט שטעלן.

אַרום איר
הויבן זיך און פֿאַלן
אירע ווייסע שוועסטער-ברידער
און זיי קוויטשען הונגעריק
און זיי פֿלאַטערן און שרייען—
און ווו אַ קרישקע נאָר אין וואַסער,
וואַרפֿן זיי זיך,
מיט זעלבסט-מערדערישן וואַנזין
אין די קאַלטע, אין די זילבערנע שפּריען.

נאָר זי אַליין
שטייט אויפֿן שוואַרצן סלופּ
פֿון רו און אָפּגעזונדערטקייט,
אַ ווייסער ווירדע-זיגל,
און איך ווייס ניט—
זאָל איך זי באַוווּנדערן,
צי מיט אַ שטיין אין אירע פֿעדערן
פֿון דעם שוואַרצן סלופּ
אַ ריס טאָן אירע פֿליגל...

III

די זשומענדיקע זומער-לופֿט
זינגט מיט קלאַנגען אַלערליי.—
און מיר איז גוט
און היימיש דאָ אין זאַמד ביים ברעג;
כ׳וואָלט וועלן ווי אַ מעווע,
זינלאָז זיך צעקוויטשען—
גלאַט אַזוי פֿאַר פֿרייד,
ווי אַמאָל אין מייַנע וויַיטע,
מייַנע קינדערישע טעג.

די כוואַליעס שפּילן זיך אין רוגזה
מיט אַ שטילער, מיט אַ לאַכנדיקער פֿאַטשעריַי,
דינע ווינטלעך,
דינע וואָלקנס
און אַ דינער—איבער וואַסער-פֿלאַך—
אַ זיידן-דינער שפּריי.

דאָס הייסע זאַמד-מעל
לאַשטשעט תאווהדיק די הויט מיר.
און קלאַנגען—
ווי אויף צויבער-שלייערס אַזוי צאַרט זיך וויגן.
איך ווייס ניט ווער—
נאָר עמעצער פֿאַרטרויט מיר,
אַז ס׳האָט אַלץ זיך אָנגעהויבן
אַזוי ווי דאָ—
מיט אַ האַרמאָנישן,
אַ ווונדערלעכן ניגון.

IV

איך האָב ליב אים, מײַן אינדזל,
מײַן זאַמדיקן ברעג;
כ׳האָב ליב זײ
די זומערדיק-לאַנגע,
די זיס-באַנגע טעג
מיט גאָרניט, חוץ מיט טראַכטן,
חוץ מיט פֿאַרזשמורעטן טרוים
פֿון קילע פֿרימאָרגנס
ביז קילע פֿאַרנאַכטן
צווישן הימל און ים
און ענדלאָזן רוים.

די וועלט איז פֿאַרזונקען,
די וועלט איז ניטאָ.
מײַן שאָטן—
אַ זייגער אָן ציפֿער.
אָן ווײַזערס, אָן שעה.
דאָס האַרץ איז פֿאַרנומען
מיט נעכטנס אַ סך—
איך בלאָנדזשע ניט אום,
איך וואַנדער בײַנאַכט.
און ווו מײַן געמיט
זאָל ניט טאָן מיך אַ פֿיר—
בין איך אַ רויִקער גאַסט
ביי מײַן אייגענעם מיר.

V

ניט שטענדיק אַזוי
איז מיר גרינג דאָס געמיט;
ניט שטענדיק באַרויִקט
פֿון ים-ברעג דאָס ליד.
ס׳פֿירן צומאָל מיך
די כוואַליעס, דער ווינט,
ווי ס׳פֿירט איבער שוועלן אַ בלינדן אַ קינד—
איך ווייס ניט וווהין
כ׳וועל זיך לאָזן פֿאַרפֿירן,
ניט וואָס עס דערוואַרט-מיך
ביי ווילד-פֿרעמדע טירן—
און ס׳מישט זיך אין מיר
אַזאַ פּלאָנטער
פֿון פֿרייד און פֿון פּיַין,
פֿון וועלן שטאַרק—און שטאַרק
ניט וועלן זיַין...
ווי ס׳מישן זיך די זאַמדן
מיט די זאַלציקע
כוואַליעדיקע שוימען.

אין דערפֿל

מײַן שטאָלצע שיף

כ׳האָב קיין מאָל מײַנע פֿענצטער
צו דער העלקייט ניט פֿאַרהאַנגען;
כ׳האָב קיין מאָל מײַנע טירן
ניט פֿאַרשלאָסן צו דער פֿרייד.
כ׳האָב מיטגעזונגען, מיט אַ האַרץ אַ פֿולן,
מיט די זינגער פֿון די גלייביקע געזאַנגען
און מיט זייערס ערלעכע
דאָס מאָרגן-ברויט
אויף פֿעלדער שטייניקע געזײט.

ס׳האָבן די געוויטערס פֿון דער צײַט
געשראָקן מיך,
נאָר ניט אָפּגעשראָקן
און דאָס וואָיען פֿון שאַקאַלן
ניט פֿאַרגליווערט האָט אין פּחד
דעם האַרץ-קלאַפּ פֿון מײַן ליד.
עס האָט געטרייסט:
דער קלאַנג, דער ריינער,
פֿון די מזרחדיקע פֿרילינג-גלאָקן —
און ווי אַן אָדלער צו זײַן באַרג-שפּיץ,
האָט געטראָגן זיך אַהינצו,
מיט גלייביקייט באַפֿליגלט, מײַן געמיט.

מײַן חלום —
אַ שטאָלצע שיף מיט ריזן-מאַסטן —
האָט איבער כוואַליעס בראַנדיקע
געטראָגן זיך צום אויסגעבענקטן ברעג.

מײַן חלום—
כאָטש באַשווערט געווען איז ער
ניט איין מאָל פֿון באַלאַסטן—
האָט ניט אָפּגעקערוועט פֿון זײַן קורס,
איז ניט אָפּגעטראָטן
פֿון זײַן צעבויטעטן, זײַן גורלדיקן וועג.

מײַן קאָמפּאַס איז געווען
אַ גליענדיקער שטערן:
די הויכקייט פֿון דעם מענטש.
די ווירדע פֿון מײַן שטאַם.
כ׳האָב ניט געגלויבט,
אַז ס׳קאָן זײַן גלי־פֿאַרטונקלט ווערן.
כ׳האָב ניט געגלויבט,
אַז ס׳קאָן מיט אַשן בלוטיקע,
ווי מיט נעפּלען רויטע בײַ זון־פֿאַרגאַנג,
זיך צודעקן זײַן פֿאַקלדיקער פֿלאַם.

מײַן חלום—
עס הענגען איצטער זײַנע פֿאָנען שלאַפּע,
ווי אויף פּלייצעס מידע ס׳הענגען
אומעטיקע, גרויע לאַסטן—
און שווער־פֿאַרוואונדעט פֿלאַטערן די פֿליגל
פֿון מײַן גלויביקן, פֿון מײַן פֿאַרליבטן ליד.

מײַן חלום—
צעבויגן און צעקריפּלט אויף פֿאַרדעק
עס ליגן זײַנע שטאָלצע ריזן־מאַסטן—
און אויך אויף איר,
מײַן חלום־שיף—
איז שווער,
יאָ, שווער צו זײַן אַ ייד.

דאָס פֿרייִדיקע ליד

איך האָב אים ניט ליב
אין האַרצן דעם ווינטער,
איך האָב אים ניט ליב
דעם פֿראָסט אין געמיט;
איך וויל אים אין מיר ניט
דעם אומעט פֿון קברים,
דעם טרויער פֿון צווינטערס...
איך וויל,
אַז ווי ווינטן פֿון פֿרילינג
זאָל רוישן מײַן ליד.

פֿון פֿרייד
קומט אָן גרינגער
דאָס ליד פֿאַר'ן זינגער.
אויף פֿליגל, אויף לייכטע,
מיט פֿאַרביקן פֿליטער,
עס טראָגט זיך,
עס פֿליט;
עס שמייכלען די ווערטער,
עס יובלט דער ניגון;
אויף זוניקע שטראַלן
צעטאַנצט קומט דאָס ליד.

דאָס פֿריידיקע ליד —
איך ווייס ניט פֿון וואַנען
עס קומט אומדערוואַרט —
עס קומט אָן אַ סיבה,
ווי ס׳קומט אָן צומאָל
אַ קינדערש געלעכטער,
ווי עפּעס אַ ליכט,
וואָס צעהעלט דאָס געמיט,
ווי אַ פֿלאַם וואָלט אין האַרצן
זיך פֿריילעך צעלאַכט...

דאָס פֿריידיקע ליד
איז ווי טוי פֿאַר׳ן זינגער —
עס נערט אים,
עס שטאַרקט אים,
ווי רעגן דעם בוים
אַזוי גיט עס אים קראַפֿט;
עס בינדט אים צום לעבן,
עס בינדט אים צום מענטשן —
און צינדט אָן זײַן טרויער אַפֿילו
מיט פּערל,
מיט טוייִקע פֿונקען,
וואָס בליצן
ווי פֿלעמלעך פֿון האָפֿענונג און גלויבן
און צעלויכטן
פֿון אומעט די גרויקייט,
פֿון טרויער
די פֿראָסטיקע נאַכט.

דאָס פֿריידיקע ליד—
איז עס אפֿשר אַ קינד פֿונעם ט ר ו י ע ר ?—
אַ וואַך-רוף צום זינגער אַליין?—
אַן אָנשפּאַר, אַ גאַרטל
אין פּלייץ
פֿון אַ ים מיט יסורים,
ווען דער טיפֿסטער,
דער אייגענער צער,
אין פֿאַרגלייך מיטן וועלטישן גורל,
איז בידנע,
איז נישטיק און קליין— ?

נאָר ס׳קומט,
עס קומט אָן
דאָס פֿריידיקע ליד,
ווי גלאָקן-קלאַנג ריינער
אין אַ העלן פֿרימאָרגן,
ווען דער טראָט איז גרינג, ווי אַ פֿויגל,
און דאָס בלוט—
א יינגלש-צעזונגענער קוואַל,
באַרויבן פֿון דעם
וועט מיך קיינער!
ווי קרעלן,
צעבליט אויף דער ברוסט פֿונעם טרויער,
וועט עס מײַן ליבשאַפֿט צום לעבן באַלויכטן,
וועט עס רוישן
ביז׳ן טונקעלן סוף,
ביז׳ן שטילן און שוואַרצן פֿינאַל.

אין מיין גאָרטן

אין מיין גאָרטן
וואַקסן בלומען.
אָסיען טריפּט פֿון בוים און קוסט.
ס'איז דער גערטנער נאָך פֿאַרנומען——
אים איז אייגן
יעדע בייט דאָ
און ער טוט דאָ וואָס ער מוז.

שפּעט-האַרבסטיקע
דאָ זשומען צווייגן,
נאַקעטע און גרוי-צעקאַרבט.
איינגעגראַבלט אין דער קאָרע
זיצט דער ווינטער
אין שפּעט-האַרבסט.

צו שפּעט
שוין יערן אין די לאָגלען,
צו שפּעט——
די לידערדיקע שוים.
כ'קאָן קיין באַן שוין ניט דעריאָגן,
כ'זע פֿון באַרג-שפּיץ ניט די זוים.

כ'וועל ניט לאָזן זיך אין וואַנדער———
צי עס ציט די ווייט,
צי ניט.
כ'האָב מיין גאָרטן ליב———
ווי אַנדערש?—
איצטער, ווען ער וויאַנעט,
ווי ווען ער האָט געבליט.

איצט איז האַרבסט,
די צווייגן זשומען,
באַלד וועט הויערן די רו.
מיטן פֿראָסט
די נאַכט וועט קומען.
א שאָד,
וואָס ניט אַ יעדער שלאָף
זאָגט דעם מענטש א חלום צו.



מיר האָבן אַלע געזונגען

מיר האָבן אַלע געזונגען
דאָס ליד פֿון צאָרן און צער,
און פֿון קדיש דאָס ליד
און נקמה;
מיר האָבן אַלע
אין הערצער דאָס פֿײַער פֿאַרהיט—
ניט געלאָזט עס אין טײַכן פֿון טרערן פֿאַרלעשן
און נישט אין די ווינטן פֿון יאָמער;
דאָס פֿײַער—
מיט האַס און מיט ליבשאַפֿט געשפּייזט—
דער נר-תמיד פֿון אונדזער געשיכטע!
אונדזער פֿאָן—
דער נביאישער גייסט
האָט גענערט אונדז!

מיר האָבן אַלע געזונגען
אונדזער ליד פֿון געוויין—
נאָר העכער נאָך,
העכער, דאָס ליד פֿון בטחון;
און דאָרט, אין דער געטאָ,—
דאָרט, אויפֿן שלאַכטפֿעלד—
איז איטלעכער שטיין
פֿאַר העלדן אַ דענקמאָל,
וואָס קאָן ניט פֿאַרגיין.
און ווער עס זאָל דאָרט ניט פֿאַרשוועבן די ערד—
וועט זי בלײַבן אויף אייביק פֿאַרהייליקט;
וועט זי בלײַבן—
ווי ס׳ליד פֿון הירש גליק—
דאָס ליד פֿון אונדזער נצחון!

מיר האָבן אַלע געזונגען!
די צייט אַליין
האָט די פּערזן געשמידט,
ווי עס זאָלן די ריטמען ניט קלינגען.
און יעדער אין האַרץ
האָט זײַן ניגון פֿאַרהיט —
ס'האָט יעדער זײַן אייגענעם, טיפֿן:
"איך בין אַ ייד!"

ווען מיר זינגען
און ס'וועט דאָס געזאַנג נישט פֿאַרשטומען!
און דער,
וואָס עס טוט אים אויף גאָרניט ניט באַנג,
וואָס מיט שנאה, מיט בלינדער,
פֿאַרהילכט דאָס געזאַנג,
פֿאַרגיין וועט,
ווי פֿאַרגאַנגען עס איז אין בערלין
פֿון די המנס
דער בלוטיקסטער המן.

דער נס פֿון קיטאַי

אַ מעשה שהיה אין גרויסן יאָרהונדערט:
ס׳האָט דער הימל געשטוינט, ס׳האָט די ערד זיך געוווּנדערט,
ווען איבער לענדער און ימ׳ען איז ריקאַרדאָ געפֿלויגן
אַהין. ווו ס׳האָט מעבטיג זײַן האַרץ אים געצויגן.

אָ, לומדים, חכמים, קומט און פֿאַרטײַטשט עס—
וואָס ציט אים אַזוי צו די רויטע קיטאַיצעס?!
אָ, אַלטער קאָנפֿוציוס, און איר קלוגע פֿאַקירן—
ווו זײַנען פֿאַרשוווּנדן די פֿייער-דראַגאָנען
פֿון דער פֿאַרבאָטענער שטאָט, פֿון די הייליקע טירן?
ווו זײַנען פֿאַרשוווּנדן די שנאה, די סמ׳ען
פֿון ריקאַרדאָ׳ן אַליין בעת זײַן פֿלי איבער ימ׳ען?!
איז ער געפֿלויגן, געפֿלויגן, אויף שטאָלענע פֿליגל,
מיט אַ שטאָלענעם האַרץ, מיט סודות פֿאַרזיגלט.
איבער טאָל, איבער באַרג, געפֿלויגן, געפֿלויגן—
ניט געפּרוּווט האָט דער ווינט אים פֿאַרשטעכן די אויגן;
ניט געפּרוּווט האָבן געטער,
די אַלטע מאָלאָכן,
פֿאַרשטעכן אָט-דאָס,
וואָס איז לאַנג שוין פֿאַרשטאָכן.

ניט זוכט אויף די קאַרטעס, ניט קוקט אויף די מאַפּעס—
איר ווייסט שוין ניט היינט ווו דאָס לאַנד וויעטנאַם איז.
ווער קען ניט די שוחטים פֿון דער בלוטיקער בוינע?
אָ ווונדער, אָ ניסים פֿון צײַטן אַזוינע!—
פֿון דער צעוווּנדיקטער ערד, דער בלוטיק-פֿאַרברענטער,
ווער פֿון קיטאַי צו דער ערד איז נאָך נעענטער?
פֿליט ער, ריקאַרדאָ, ניט ווײַט פֿון זײַן בוינע,
פֿליט ער—אַ פֿיינט—באַגריסן אַ שונא...
ווונדער, ווונדער פֿון צײַטן אַזוינע!

זעלנער, שטייטס גלייך!
ניט ציטערט, ניט צאָרנט;
מיט שניי אויף שינעלן
מיט ביקסן פֿון פֿאָרנט!
קיין שאָרך מיט אַ שטיוול!
קיין צי מיט אַן אַקסל!
ווי סלופּעס דאָ שטייט
מיט'ן פֿלי-פֿעלד פֿאַרוואַקסן!
זעלנער געטרייע, זעלנער געניטע,
כבוד ריקאַרדאָן!
אים און זײַן סוויטע!
אָט איז ער אַרויס פֿון זײַן באַפֿליגלטן היכל,

אָט שטייט ער, דער גאַסט, מיט אַ פֿאַרגליוערטן שמייכל.
ס'איז ניט דער מאָמענט פֿאַר לײַבטקייט, פֿאַר וויצן:
עס שפּילט דער אָרקעסטער,
די קאַמערעס בליצן;
עס פֿלאַטערן פֿלאַגן—
ווו איז דאָס פֿאָלק?
מען פֿרעגט ניט קיין פֿראַגן...

"וועלקאָם!" ווילקאָמען!
ברוך-הבא אין קיטאַי!
עס טרייסלען די הענט זיך
ריקאַרדאָ און ענלאַי!
"און ווו איז טסע-טונג?"
"ניטאָ זיך וואָס זאָרגן—
מ'עט מירצעשעם זיך באַגעגענען מאָרגן...

אַלץ איז קאָרעקט, קיין ציטער, קיין וואַקל.
ס׳טראָגט יעדער זײַן מאַסקע
פֿאַר׳ן גרויסן ספּעקטאַקל;
ס׳האַלט יעדער פֿאַרגליווערט זײַן סוד אין זײַן שמייכל;
ס׳האַלט יעדער פֿאַרשלאָסן
דאָס גאָלד פֿון זײַן שכל.

די וועלט, אויף שפּיצפֿינגער, וויל וויסן, וויל הערן—
וואָס וועט דער ווונדער, דער גרויסער, באַשערן?!

טעאַטער, פּינג-פּאָנג, ספּאָרט און אַטלעטן.
רייד זיינען קאַרג, נאָר ברייט די באַנקעטן.
אַ טאָסט נאָך אַ טאָסט—
צום געזונט און סאַלוט!
און ריקאַרדאָ דערמאָנט דעם "לאַנגן מאַרשרוט..."
און ריקאַרדאָ ציטירט פֿון טסע-טונג׳ס אַ ליד!—
ס׳האָט עפּעס טיף דאָ באַרירט זײַן געמיט.
צי איז עס דער ווײַן,
צי דער גײַסט פֿון באַנקעט?
איצט ווייסט מען: עס שלאָפֿט אויך אין אים ערגעצווו
דער פּאָעט!
(ער ווייסט ווען צו זאָגן, וואָס ער זאָגט, ווען ער רעדט).
און געשפּראָצט פֿון זײַן מויל האָבן
קווייטן, און צוויטן—
ס׳האָט די וועלט, זאָגט ריקאַרדא, זיך היינט דאָ געביטן!

שטייט זי, די וועלט, אויף שפּיצפֿינגער, און האָרכט
אויף יעדן ניואַנס, אויף איטלעכן שאָרך.

וואָס זאָגט מען אין דעלהי?
און פּריץ, וואָס זאָגט ער?
און ווי וועט עס ווירקן אויפֿן "רוסישן בער"?!
און וואָס וועט מען זאָגן
דעם פֿאַרטרוקנטן כאַן —
דעם וואָפֿן-ברודער! —
דעם גענעראַל פֿון טאַיוואַן?
און פֿאַר וואָס עפּעס ציטערט העט-הויך אויף זײַן טראָן,
דאָס קלייניקע קעפּל פֿונעם גרויסן ניפּאָן?
און פֿאַר וואָס — מיט בלוט פֿון בענגאַלס נאָך אויף ציין-
אַפּלאָדירט פּאַקיסטאַן? ס'איז עפּעס ניט ריין...

מען דאַרף אײַך ניט זאָגן,
איר ווייסט דאָך מסתם —
וואָס פֿאַר איינעם איז ווײַן,
איז פֿאַר'ן אַנדערן סם;
וואָס פֿאַר איינעם איז מזל
און לעבן און ברויט —
איז פֿאַר'ן אַנדערן בלוט
און הונגער און טויט!

ווער איז באַרופֿן צו מעסטן און וועגן,
פֿאַר וואָס ווער ס'איז "פֿאַר"
און פֿאַרוואָס ווער ס'איז "קעגן".
וואָס ס'זאָל די שפּילער ניט האָבן באַוויגן —
דאָס וווּנדער איז קלאָר פֿאַר אַלעמענס אויגן:
מען פּילט אָן די טעלער, די גלעזער. די שיסל —
האַרט ביי דער בוינע, די באָמבעס און מיסלס!

"מען דאַרף עפּעס זאָגן", מאַכט ריקאַרדאָ, "דער פּרעס.."
און ער קוקט אויף זײַן שאָטן, רב היינעך בעל נס.
"געוויס", זאָגט רב היינעך, און טוט אַ צי מיט דער פּלייצע
"אַ ייד, אַ למדן, גיט זיך שטענדיג אַן עצה...
מיר מוזן געדענקען, אַז עס גייט אין די שטאַטן
צום חודש-חדשים! צו אַ היסטאָרישער דאַטע!
וועל איך זאָגן — אַזוי און פּונקט און פּאַרקערט,
אַז יעדער פאַקט וועט פּאַרבלייבן געאַכט און געערט;
אַז מען מוז האָבן אין זינען דערביי אויך די צײַטן,
אַז וואָס נעכטן געווען איז
קאָן מאָרגן זיך בײַטן..."

"כ׳פּאַרלאָז זיך אויף דיר", זאַגט ריקאַרדאָ מיט רו,
"ווער נאָך איז אַ מייסטער, אַ קינסטלער ווי דו!
ניט יעדער קאָן טרעפן
ווי איך האָב געטראָפן!
בשותפות אין שפּיל. ווער קאָן אונז — נו, לאָמיר האָפן...

נאָר האָט עס אַ ריכטונג?
צילט עס אויף פרידן —
צי איז עס אַ צוג
אין דער שפּיל אויף פאַרניכטונג?
צי אין אַ ים אַ רויטן,
וועט די וועלט זיך צעשפּאַלטן?
צי איז היילונג און שלום
אינעם ווונדער באַהאַלטן?

צי ווייסן זיי אויך ניט — די שפּילער אַליין —
ניט ריקאַרדאָ, ניט היינעך,
ניט טסע-טונג, ניט ענלאַי!
נאָר סיי-ווי: ס׳בלייבט גרויס
דער נס פון קיטאַי!

ווען איך בין...

ווען איך בין פֿריילעך
און דערהויבן—
לאַכט די זון
אין מיינע שויבן
און פֿארקראָכן ווו אין נאָרעס
ליגן אַלע מיינע צרות.

צי כ׳בין שלאָפֿלאָז,
צי אַ מידער—
ס׳פֿליסט אַ זיסקייט
דורך די גלידער
און ווי דאָס יינגל פֿונעם שטעטל
בין איך גרייט מיט דער לבנה
זיך אַ לאָז טאָן אין געוועטן;
בין איך גרייט אויף האָריזאָנטן
זען די ליכטיקסטע קאָלירן
און אפילו פֿון אַ בלינדן
לאָזן זיך אַהינצו פֿירן.

ווען איך בין פֿריילעך
און דערהויבן—
איז דאָס האַרץ מיינס
(ניט צו גלויבן)
פֿול מיט פֿלאַטערדיקע טויבן,
פֿול מיט זינגפֿייגל די בעסטע!
און די שוואַרצע,
די וואָראָנעס,
ציטערן דערשראָקן
און פֿאַרנורעט אין די נעסטן.

ווען איך בין פֿריילעך
און דערהויבן,
קאָן מיך קיינער ניט באַרויבן
פֿון דער בלויקייט אין זכרון,
פֿון דעם ליד
פֿון פֿאַראַיאָרן;
פֿון די גראָזן, פֿון די ברעגן,
ווו פֿאַרפֿלאָכטן מיט מיין טרוים-וועלט
איך בין פֿיבערדיק געלעגן.

ניט פֿון מײַנע װוּנדער-סודות
קאָן מיך ווער עס איז באַרויבן,
ניט פֿון רײַכן טרויער;
ניט פֿון אַלע מײַנע איכן,
ניט פֿון אַלע מײַנע וועגן,
וואָס איך בין זיי דורכגעגאַנגען;
ניט פֿון אַלע מײַנע פֿאָנען,
וואָס האָבן מיך,
ווי שטאַרקע פֿליגל,—
מיטן שטורעמווינט געטראָגן
צו די נײַע,
פֿרײַע וועלטן,
ווען איך,
מיט צוגעמאַכטע אויגן,—
אָ, ווי שיין איך בין געפֿלויגן!—
טאַקע נאָר ווי ס׳פֿליען מענטשן
אין אַ ווונדערלעכן חלום.

ווען איך בין פֿריילעך
און דערהויבן—
טרייב איך אָפּ פֿון מײַן געוויסן,
טרײַב איך אָפּ פֿון אים די שטויבן—
אַלץ, וואָס ליגט דאָרט
טיף-דערשראָקן,
אײַנגעהורבעט, אומגעוואַשן
און פֿאַרשולדיקט און צעריסן;
אַלץ, וואָס שוידערט
בײַם געדענקען,
ווײַל מיט וואָסער כישוף-וואַסער
קאָן מען די נשמה וואַשן!
ווײַל אין וועלכן צויבער-ברונעם
קאָן מען דאָס געוויסן שווענקען!

ווען איך בין פֿריילעך
און דערהויבן
לאָז איך זיך פֿון רויש פֿאַרטויבן—
אויף א ווײַלע, אויף א ביסל...
נאָר ווען דער קאָפּ ליגט אויפֿן קישן
און דער מוח הייבט אָן שפּינען——
דעמלט זע איך יעדן שוידער,
יעדן בלוט-טראָפּ זע איך רינען
אויף אַלע שלאַכטפֿעלדער,
אַלע דזשונגלס, אַלע וועלדער.
אַ סייסמאָגראַף,
מיר דאַכט, דאַן ווער איך:
כ׳ציטער אויף פֿון אַלע שרעקן,
יעדן ווייטן פּײַן-רוף הער איך
פֿון אַלע אָפּגעגנאַרטע
געזונטערהייט פֿאַרשפּאַרטע
אין די משוגעים-הייזער.

און פֿאַר מיין פֿאָלק דאָרט,
פֿאַר זיין לשון—
ווו די ליכטער פֿון זיין המשך
ווערן אַלץ מער אויסגעלאָשן,
ווי זאָל זיך מײַן האַרץ ניט קאָרטשען,
ווען מײַן לעבנס-פּולס, מיין יידיש,
ווערט "אַן אָפּשטאַם"—ניט קיין וואָרצל!

ווי זאָל איך רו געפֿינען,
ווען אַלץ,
וואָס האָט געהאַט אַ זינען
און אַ גלויבן אַזאַ פֿעסטן,
און אַ צוזאָג
פֿול מיט שטראַלן—
איז פֿון אַלע ריינע הימלען
אין די בלאָטעס,
אין די זומפּן
אַזוי שווער אַראָפּגעפֿאַלן.

ניין, ניט פֿריילעך,
ניט דערהויבן.
ס׳הענגט אַ נעפּל אויף די שויבן.
אפֿשר לאַכט די זון—
איך זע ניט!
אפֿשר לאַכט זי ווו, פֿאַרבאָרגן...
כ׳זאָג ניט:
גוטע נאַכט, בטחון...
נאָר איך זאָג אויך ניט: גוט מאָרגן.

פֿון אייביק אָן

פֿון בראשית אָן
איז הונגעריק דער מענטש
נאָך וווּנדער און נאָך גלויבן.
שטענדיק ווו באַווײַזט זיך
אַ דערלייזער,
אַ ניסים-טוער,
אַ פֿלינקער אַלכעמיסט.
שטענדיק
זײַנען דאָ די גלויביקע מיליאָנען—
פֿון די פּרימיטיווסטע געצנדינער
ביז די ראַפֿינירטסטע "איזמען"
פֿונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט,
פֿונעם איצט.

האָט ער, דער מענטש,
גלויבנס פֿון אייביק אָן פֿאַר זיך געפֿורעמט;
געבויט זיי,
און מיט בלוט זיי צעמענטירט;
שטענדיק—אַ נײַעם גאָט געפֿונען
און, ווי אַ בוהײַ אויף אַ רינג,
מיט בלומען אים באַפּוצט און קראַנצן
און אויף דער וועלט-אַרענע אים אַרומגעפֿירט.

יעדער גלויבן
האָט פֿון אייביק אָן דעם אַנדערן
מיט שפּאָט און שנאה,
מיט שפּרוכן הייליקע,
מיט תּפֿילות עקסאָרסירט...
און אַלע האָבן זיי
די וועגן פֿון דער מענטשלעכער געשיכטע

מיט דעם בלוט
פֿון אייגענע,
מיט דעם בלוט פֿון אַנדערש-גלויביקע
פֿאַרשמירט!

נאָר יעדער דור
האָט זיך צו זיינע געטער צוגעטוליעט
און וווּנדער-מעשׂים פֿאַר זיי צוגעטראַכט.
יאָ, ס׳האָט יעדער דור
אויף זײַנע שטערן אָנגעצונדן
און די טונקלקייט באַשטראַלט אַביסל—
נאָר אַלע דורות—
אוי, אַזוי פֿיל דורות!—
האָבן אָנגעהורבעט
זייער חלק חשבונות
אויף דער לאַנגער נאַכט.

ווירבלען נאָך די שוואַרצע נעפּלען
אין די פֿעלקער-לאַבירינטן.
דער מענטש
האָט נאָך זיין ברודער ניט דערקענט.
פֿלאַמען צוקן,
ליכטער פֿאָכען אין דער פֿינצטער—
נאָר צווישן די "פֿאַרברידערטע" אפֿילו
איז אָנגעשוואָלן,
ווי אַ ים אין שטורעמווינט
די שׂנאה!
און מען אָטעמט פֿײַער!
און מען גרייט זיך אויף פֿאַרלענד!

צי וועט מיר באַשערט זיין

עס ציט זיך,
עס ציט זיך די גאָלדענע קייט,
עס בלישטשען די גאָלדענע רינגען—
צי וועט מיר באַשערט זיין
פֿאַרבלייבן אַ בלישטש
אין דעם גאָלד פֿון יידישע זינגער?

די גאָלדענע קייט—
זי ציט זיך און ציט,
פֿון וויַיט—
נאָך פֿון מרימס געזאַנגען.
מיר זיינען דאָך אַלע אין מדבר געווען
און זיַינען, פֿון דור צו דור,
איבער פֿלאַמיקע זאַמדן געגאַנגען.

עס ציט זיך,
עס ציט זיך די גאָלדענע קייט.
פֿון אייביק כמעט
איז איר קלינגען.
דער פּאַסטוך אין גלי פֿונעם נגב
ביז היינט
האָט דאָס ליד פֿון פֿאַרציַיטיקע אבות
ניט אויפֿגעהערט דאָרטן צו זינגען.

עס ציט זיך,
עס ציט זיך די גאָלדענע קייט.
מיר האָבן דורך פלאַמען
געשלעפּט זי, געטראָגן.
זי האָט אונדז באַלויכטן
דעם פינצטערסטן וועג
און מיטן גאָלדענעם בליאַסק
פון איר טרייסטנדיק ליכט
געשטאַרקט און געוועקט אונדזער ליד,
אונדזער גלויבן
אין ריינע פאַרטאָגן.

די גאָלדענע קייט
זי ציט זיך און ציט
איבער לאַנגע, ווילד-שווערע צוריקן.
עמוס׳עס מוט אין איר קלינגט
און דער מוט
און דער גרויסער בטחון
פון דעם זינגער פון אונדזער פאַרטיליקטן דור.—
דעם ליכטיקן,
יונגן הירש גליק.

עס ציט זיך,
עס ציט זיך די גאָלדענע קייט
דורך פלאָנטער פון וואָרצלען
אין טיף פון יאָרהונדערטער לאַנגע.
ס׳מוז גאָט אַליין
אַ פאַרוווּנדערטער זיין,
וואָס פון זיין פאַרבלוטיקטער ערד
עכ׳ הייבן זיך צו זיין היכל
אונדזערע יידישע, הויכע געזאַנגען.

עס ציט זיך,
עס ציט זיך די גאָלדענע קייט,
עס בליצן פֿון רינגען די פֿונקען.
אַ האַמער, אַ מעכטיקער,
האָט אונדזער גואל געשמידט
און דאָס איַיזן פֿון אונדזער דויער
אין הייליקע פֿלאַמען געטונקען.

די גאָלדענע קייט!—
דער גערינגלטער בונד!—
אייביק
זאָל זי אַ ריינע
אונדז בלישטשען און קלינגען!
און זאָל מיר באַשערט זיין—
זאָל זיין מיר באַשערט
צו בלייבן אַ בלישטש
אין דעם גאָלד פֿון יידישע זינגער!

דיין ליד

(אין אָנדענק פֿון אהרון קורץ)

האָסט געטראָגן זיך
אויף גרויסע פֿליגל,
האָסט די וועלט געמאָסטן
מיט אַ ברייטן שפּאַן,
האָסט קיינמאָל דיין האַרץ ניט
צום מענטשן פֿאַרריגלט—
דיין ליד איז אַ חבר, אַ וועכטער
און וועקער געווען
און שטענדיק דעם שענדער פֿון לעבן
אַנטקעגן געשליידערט דעם מענטשלעכן—
"נאָ פּאַסאַראַן!"

דיין ליד—
דער עקסטאַז פֿון דיין לעבן—
איז ווי דו אַליין,
הונגעריק געווען נאָך גליק און פֿרייד.
האָסט געזונגען
און געגעבן און געגעבן
און שטענדיק נאָך,
און שטענדיק מער
האָסטו מיט קלאַנגען זיך צעשוימט
און אַפֿילו אין דער טיפֿסטער מידקייט
פֿון דיינע שווערע, לעצטע שעהען
איז דיין האַרץ,
ווי אַ רייכער סעודה-טיש,
מיט דיין דיכטערישער פֿולקייט
געווען אָנגעלאָדן און צו געבן גרייט.

ס'האָט דײַן ליד געקלונגען
מיט די ריטמען פֿונעם צוואַנציקסטן יאָרהונדערט,
פֿון אַ צעבלוטיקטער,
צעממיתטער
צעבונטעוועטער צײַט;
מיט די ריטמען פֿון אַן עפּאָכע
פֿון די ווּונדערלעכסטע ווּנדער—
ווען ס'האָבן קרוינען—
טויזנטיאָריקע—
זיך אין בלאָטע און אין בלוט געקײַקלט;
ווען דער מענטש
האָט זיך אַ הייב געטאָן
צו די שטערן אין די רוימען
און די סודות פֿון די הימלען
האָבן אויפֿגעהערט צו זײַן אים ווײַט.

ס'איז דײַן ליד געווען—
דאָס ליד פֿון מײַן באָבעס מאַמעליגע,
פֿון מײַן זיידנס אָרעם שטיקל ברויט;
באַהאַלטן אין אים
האָט געציטערט
דער שטעטלדיק-היימישער ניגון...
נאָר ס'איז—ווי דײַן "פֿיגאַראָ",
לאַנג שוין פֿון נעפּל אַרויס
און האָט פֿון היימישער באָד
פֿונאַנדערגעבלאָזן די פּאַרע
און מיטן שטאָל פֿון זײַן העלן יאָרהונדערט
צו דער "גאָלדענער שטאָט"
זיך וועגן און בריקן געבויט.

ס׳איז דײַן ליד ״געווען״
ניין! ס׳איז דײַן ליד פֿאַראַנען!
ס׳איז דײַן ליד געבליבן!
אַ דיכטערס וואָרט
פֿאַרגייט ניט ווי אַ הוילער קלאַנג.
האָסט מיט דײַן האַרץ-בלוט
דײַן נאָמען
אין גראַניט פֿון אונדזער צײַט פֿאַרשריבן —
און לעבן וועסטו לאַנג אין אונדז!
און לעבן וועט
און קלינגען וועט
אויף דורות דײַן געזאַנג!

פֿון נעבטן

טראַכט איך אַמאָל

מײַן שטעטל געווען איז ווי שטעטעלעך אַלע—
ס׳איז אפֿשר נישט ווערט עס דערמאָנען אפֿילו—
אַ רעשיקער מאַרק-פּלאַץ; פֿאַרהאַוועטע יידן;
אָרעמע געסלעך, פֿאַראומערטע, שטילע.

אַ שטעטל אַ קליינס; אַ שטעטל ווי אַלע:
עטלעכע גבירים; עטלעכע פּאַנעס;
אַ "בורמישטש" אַ דיקער מיט שטרענגע צוויי וואָנסן,
שטאַלטנע רוטענער און בייזע מיעשטשאַנעס.

אַ שטעטל מיט בלאָטעס; מיט פֿאַרניאָרעטע קינדער;
מיט הונגער און דחקות—צו וואָס עס דערמאַנען...
נאָר שווער, ווייזט אויס, איז אַ מענטשן פֿאַרגעסן
די ערד, די פֿיר ווענט, וווּ זיין וויג איז געשטאַנען...

געדענק איך די געסלעך, געדענק איך די שכנים;
געדענק איך דעם ריח פֿון ליימענע דילן—
געדענק איך זיי אַלע, מײַנע קינדהייט-חברים;
געדענק איך די פֿרייד פֿון געשלעגן און שפּילן...

געדענק איך: מיין חבר פֿלעגט קומען פֿון חדר
ווינטער בײַנאַכט מיט אַ פֿאַרהויכטן לאַמטערן,
און אַ גאַנצע וואָך ציטערן פֿאַרן שבת נאָכמיטאָג,
ווען ס׳פֿלעג זיין מלמד אים קומען פֿאַרהערן...

און איך פֿלעג אַ לאָז טאָן זיך דעמאָלט אויף ליזשוועס
און די טיפֿקייט פֿון שנייען טאָפּטשען פֿאַרשמײַעט—
דער שבת פֿאַר מיר געווען איז אַ יום-טוב—
מיט ווינט אויף די באַקן אין שפּילן פֿאַרטאַיעט.

אָפּט פּלעגט מיין טאַטע דורכן פֿענצטער אַ קוק טאָן
און שמייכלען צופֿרידן, און טאַקע אַמאָל זאָגן:
— מאָטיק, אַנו, כאַפּ די פּיס אויף די פּלייצעס,
אַנישט וועט דיך יאַנקע מ׳חזירניקס דעריאָגן.

מיין טאַטע, אַ גוראַלניק, אַ שוואַרצער, אַ הויכער,
אָן פּיאות, אָן ציצית, אָן שטריימל, אָן קאַפּטן.
אין שטאָט פּלעגט מען זאָגן: אַ געבילדעטער מענטש —
נאָר אַז ער האַלט נישט פֿון כשרות, דערפֿאַר קען מען האַפּטן.

בין איך געוואַקסן אַזוי ביי מיין טאַטן דעם ״דאַטש״
און געלערנט ס׳געזאַנג פֿון די לערכן דערהערן;
געלערנט, אַז ״גאָט איז אַלץ, די נאַטור — —
און נישט אַזאַ ווען, וואָס ווינט איבער שטערן.

האָב איך געלערנט בלויז עברית בעברית אַביסל
און קיין מאָל די באַנק נישט געקוועטשט אין אַ חדר,
נאָר פֿון ״טראַדיציאָן״ האָט מיין טאַטע דווקא געהאַלטן —
און פּסח געפּראַוועט מיט קינדער דעם סדר.

קיין רחבות איז קיינמאָל ביי אונדז נישט געוועזן —
אין דעם פּרט האָט אין פּסח זיך ווינציק געביטן —
נאָר ״אל בנה״ זינגען האָט מיין טאַטע געקאָנט,
כאָטש דעם סדר געפּראַוועט ווי אַ גוי, אָן אַ היטל.

איז פֿרעמד מיר געבליבן דער גאָט פֿון מיין שטעטל —
כ׳האָב קיינמאָל געדאַווענט אַנטקעגן מיין ווילן —
געוואָרן בר-מצוה מיט אַ האַלב יאָר צו שפּעט —
האָט מיר מיין ברודער געוויזן ווי אָנצוטאָן תּפֿילין.

ס'האָט אַפּילו שטאַרק זיך געחידושט מיין חבר
און דערציילט עס זיין פֿאָטער דעם פֿרומען.
— אָן שולחן-ערוך! אָן מפטיר! — ווי הייסט?!...
איז יענער מיט טענות צו מיין טאַטן געקומען.

נאָר סיי-ווי — קיין תּפֿילין האָב איך לאַנג נישט געלייגט
און דעם סוד נישט באַהאַלטן פֿאַר קיינעם.
דאָס געסל האָט זיך אַ שושקע נעטאָן
און ס'האָבן געשאָלטן די שכנים...

נאָר איך האָב מיין יינגלש לעבן געלעבט —
מיט אומעט, מיט שפּיל און מיט טרוימען —
ביז ס'האָט דער יונגלינג צעוועקט זיך אין מיר —
דאָס בלוט — אין ערשטן, אין זינדיקן שוימען...

אָה, ציטער פֿון ערשטן, געוואַגטן באַריר,
פֿון ערשטע, שפּעט-נאַכטיקע שעהען...
אָ, ערשטע, דאָרניקע אייפֿערזוכט-פּיַין,
ווען ס'האַרץ איז פֿאַרקראַמפּט, ווי אין קלאָען! —

ס'איז היינע געוואָרן מיר דעמאָלט אַ פֿריַינד,
ס'האָט גאָרקי גענומען מיך רעגן.
הייס האָט די בענקשאַפֿט געטאָן זיך אַ ריס
צו פֿרעמדע, פֿאַנטאַסטישע וועגן...

נישט איין מאָל האָב איך מיין רוקזאַק געפּאַקט —
אָפּשייד נישט איין מאָל גענומען...
ביז ס'האָט דער צייט-ווינט געטאָן מיך אַ שטויס —
און כ'בין שוין צוריק נישט געקומען.

נאָר שווער איז אַ מענטשן פֿאַרגעסן, ווײַזט אויס,
דאָס אָרט, ווו זײַן וויג איז געשטאַנען.
אין פֿײַער פֿון הייסער, פֿון בראַנדיקער צײַט—
מוז מען, מען מוז זיך דערמאַנען...

טראַכט איך אַמאָל—ס׳איז אפֿשר נישט ווערט—
און פֿאַרליר זיך אַזוי אין מײַן קלערן;
און בלאָנדזשע דורך פּלאָנטער פֿון יאָרן צוריק,
צו די שוועלן פֿון פֿרייד און פֿון טרערן...

ווייזערס

שעה׳ן האַס-געשוואָלענע,
אומענדלעכע,
שלעפּן זיך אין פֿאַבריק.
וואַרפֿן זיך הענט משונהדיק-ווילד,
טאַנצן פֿינגער אונטער לויערנדיקן בליק.

שאַרן זיך צוויי כמורנע ווײַזערס,
ווי שטומע וועכטער בײַ אַ וואַנט.
קוקט מיר איינער אין די אויגן
און דער צווייטער היט מיין האַנט.

שניידן זיך אַרײַן מינוטן,
ווי שאַרפֿע בײַטשן אין מײַן הויט,
ווערט פֿון רוקנביין אַ בויגן—
פֿאַרגיסן אויגן זיך מיט רויט.

און די ווײַזערס היטן, מאָנען—
זיינען טרײַ דעם באַלעבאָס:
ווילסטו בלײַבן בײַ מאַשין—
טאָ יאָג אָן, יאָג אָן מאָס!

טאַנצן פֿינגער שנעלער, שנעלער!
קרימט זיך רוקן טיפֿער נאָך,
און די ווײַזערס, גרויזאַם, קאַלטע,
ציילן, ציילן יעדן שטאָך!

וויַיזערס!—

שטומע וועכטער!—

שאַרן ביסטרע זיך ביים וואַנט.

קוקט מיר איינער אין די אויגן,

און דער צווייטער היט מיין האַנט!

אין שטײַג

עס האַלטן טעג,
עס האַלטן יאָרן מיך אין שטײַג געפּאַנגען.
די וואָכן שלעפּן זיך פֿאַרגראַטעט,
די שעהען הורבען זיך פֿאַרשטויבט און מיד.
איך וויג זיך צו דעם טאַקט פֿון די מאָטאָרן,
פֿון געצײַג און פֿון מאַשינען־קלאַנגען—
אַ זינגער הערט אין אַלץ דעם ריטם פֿון געזאַנגען—
און איך הער אין זיי דעם אויפּברויז
און די בענקשאַפֿט הער איך
פֿון מײַן אײַנגעקאַרצערטן געמיט.

יאָ, מיך אַרט, מיך אַרט עס טיף, מיך אַרט עס שטאַרק,
וואָס פֿאַרקלעמט אַזוי די יאָרן זײַנען,
וואָס די וועגן זײַנען אָפּגעשלאָסן און פֿאַרצאַמט,
וואָס נאָך אַ מלבוש, נאָך אַן אָנבײַס
מוז איך אַליין זיך שלעפּן צו דעם מאַרק.
די טעג, וואָס זײַנען צוגעטיילט אונדז, זײַנען צוגעטיילט אונדז קאַרג
האָב איך פֿײַנט דעם סדר,
וואָס האַלט אַזוי מיך אײַנגעשמידט,
וואָס האָט מיך צו אַ שטיקל ברויט אַזאַ פֿאַרדאַמט.

יעדן טאָג איך זע
די אײַנגעבויגענע, די אין שוויס־געטוקטע נאַקנס,
יעדן טאָג איך הער די אייגענע,
די בײַסיקע, פֿאַרהאַרטעוועטע רייד:
צי גלײַך־געווירעט זיינען נעט,
צי אין פעלץ אַריינגעשניטן אויסגשפּיצטע צאַקנס—
סיי־ווי עס ווערט דער מענטש אין שאַפּ פֿאַרשטויבט און אַלטגעבאַקן
און ס׳ווערן ווי די פֿעל, די טעג צעפּאַלמעסט

און אין אַ זאַק אַ גרויען,
אין אַ גרויסן פֿוטער-זאַק אַרײַנגעניייט.

אַן אַטאָמיש-אָנגעלאָדענער,
אַ ווולקאַן אַ דראָענדיקער איז די ווײַטע וועלט אין דרויסן.
יעדע רגע איז אַ פּולווער-פֿאַס
און טויט ווערט צוגעגרייט מיט יעדן זייגער-טיק.
די עכאָס קומען אָן אַהער,
יעדער שפּירט, יעדער האָט די אַנונג פֿון דעם גרויסן,—
ניטאָ קײַן אויסבאַהאַלט מער פֿון די וועלטלעכע צוזאַמענשטויסן,
נאָר ס׳ווערט דאָ אַלץ ווי קערנער
אונטער מיל-שטיינער צעריבן
און אַרײַנגעזויגן אין דער ענגקייט, אין די שטויבן פֿון פֿאַבריק.

און איך אַליין,
ווי אַלע דאָ, ווי מײַנע האָרעפּאַשנע וויזאַוויִען,
ווער אויך אַזוי צעברעקלט,
ווער פֿון דער ענגקייט צעקאַליעטשעט, און צעדריבלט און צעדרויב
דערעסן זײַנען מיר די מאָנאָטאָנע,
די אייביקע, די וואָכעדיקע מיִען.
דאָס לעבן איז מיר אויף אַ קורצער צייט אַנטליִען—
און געבן וויל איך עס דעם מענטש;
און געבן וויל איך עס ניט דעם,
וואָס האָט מיך פֿון מײַן איך אַוועקגערויבט.

זײַנען אָפּט דערפֿאַר
פֿון טרויער-פֿעדים אויסגעשפּונען מײַנע לידער.
אין מײַן שטײַג, דער זשום-און-שטויבן-שווערער,
איך זוך, דורך יאָרן-לאַבירינטן,
איך זוך צו זיך,
צום פֿריידיקן געזאַנג דעם וועג.

איך ווייס: מען שלעפּט די וועלט שוין צו דער שחיטה ווידער!
איך ווייס: מען הרגעט און מען קוילעט מײַנע ברידער!—
וואָס-זשע איז אַזוינס די מידקייט פֿון אַ זינגער?
וואָס-זשע איז אַזוינס די לאַסט פֿון מיינע טעג?

זאָג איך: שוויַג.
דו בעסער שוויַג.
נאָר מיט דעם שוויַגן ווערן מיינע טעג נאָך גרויער.
עס פֿליסט די ציַיט.
עס ליגט אויף ווי̇עס, עס הורבעט זיך אין מיר דער שטויב.
יעדער טאָג—די זעלבע קלאַנגען,
די זעלבע גראַטעם אין דעם זעלבן מויער.
ווי אַ וואָלף אַ מידער ליג איך איַינגעקאָרטשעט און איך לויער,—
און ווי דורך אייזן-טריבעס די מאַשין,
הער איך זיך דורך ציינער-העשען—
ס'איז רויב! ס'איז רויב! ס'איז רויב!

שיס!

דאַכט זיך פּעל, פּראָסטע פּעל.
דאָ אַ פּליכל, דאָרט אַ ריס.
נאָר קוים סאָרטירט און צוגעשניטן,
איז — ״נאַ, אַפּרייטאָר, שיס!״

״אָט אַזוי, דעם ״טענשאָן״ האַרטער,
מאַך די צאַקן גלאַט און דין.
״מעינטינג״: פּלעבט נישט איין קיין הערלעך
און פּאַרקראַפּע נישט דעם ״סים״.

״אויב געניייט, זאָל זיין געפּאָרן,
די מאַשין זאָל גיין ״לאַיק העל״.
שלעכטע צייטן! אַן ״אַפּרייטער״
מוז היינט זײַן אי גוט אי שנעל״.

שיס, אַפּרייטער, ניי וואָס גיכער!
און דאָס קול איז שפּיציק-דין —
ווער איך באַלד אַ כישוף-מאַכער
און ס׳צעזינגט זיך מײַן מאַשין.

שאַרף דאָס מעסער, ״פּינטשער״ שפּיציק,
שנײַד, און פּלינק די האָר פּאַרשאַר. —
אויב געניייט, זאָל זיין געפּאָרן...
קריגסט באַצאָלט דערפּאַר!

״פּלענטי פּערד פּאַראַן אין מאַרקעט״
סיקול פּון באָס איז גיפּטיק-זיס.
ליג-זשע איינגעלייגט אין דרײַען,
פּרעג קיין שאלות נישט און שיס!

דאַכט זיך, פעלצן, טויטע חיות,
אָבער, ברודער, סאַראַ ציין!
יעדער צאַקן אין דעם לעדער—
קאָן אַ ביס טאָן ביזן ביין.

יעדער צאַקן אין דעם לעדער
לאָזט אַ שראַם אויף דעם געמיט—
אָפּרייטער, חבר מיינער,
ווייסט דאָך ווי עס בריט.

וועט אַ טאָג פֿאַר אונדז נאָך קומען,
כ׳ווייס עס, חבר, אויף געוויס.
נאָר דערוויַילע... נאָר דערוויַילע
שיס אַפּרייטאָר— שיס!

טווינט-לאַנדיק, טווינט-שפּראַכיק

וויפיל וויַטקייט אין דעם רוף פון אַ סירענע—
וויפיל ענגקייט אין אַ וואָלקן איבער גאַס.
און איך—אויך איך בין נאָך פון יענע,
וואָס קוקן אָפּט מיט אומעטיקע ברעמען,
מיט פאַרבענקטקייט מאָדנע-שטומער
אויף האָריזאָנטס אַ העלן פּאַס

כ'האב ליב פון שטאָט דעם גאַסן-פּלאָנטער,
דעם רויש, דעם אימפּעט, דעם ווירוואַר.
ס'איז, די גרויע שטאָט מיר אייגן ווי אַ חבר נאָענטער,
וואָס ברענגט מיט זיך—
ליבשאַפט פריידיק-וואַרעמע,
און פיַינטשאַפט אויך צומאָל
און צאָרנדיקן זשאַר.

נאָר טוט אַ צי אַמאָל די אָפנקייט פון שליאַכן,
און טוט אַ ריס דער האָריזאָנט—בלאָ אַזוי און לייכט...
שטיי איך שטום—איך וויל די אויגן ניט פאַרמאַכן,
ביז עס נעמט ווי פריסיק בריִען
און עס ברעכט דער בליק זיך—
ציטערדיק אַזוי און פייכט.

אַנטלויפן וויל איך דאַן פון די הימל-קראַצערס, פון די סקווערן:
אַנטלויפן פון גערודער פון די פליכטן—און פון קאַמף.
שווער איז דאַן דעם וואַנדער-גלוסט צעשטערן,
וואָס ציט און לאָזט זיך נישט פאַרווערן,
וואָס דריקט אויף דעם געמיט אַזוי
און פאַרהילט אים, ווי אין נעפּל-שווערן דאַמף.

ס'איז מיין בענקשאַפֿט, ווי מיין ליבשאַפֿט, נישט טונקלדאַכיק,
נאָר אַ ליכט-געוועב אַזאַ פֿון פֿונקען-העלן בלענד;
טויזנט-פֿאַרביק, טויזנט-לאַנדיק, טויזנט-שפּראַכיק—
איז מיין ליבשאַפֿט טויזנט-פֿאַכיק—
איז צו אַלץ,
וואָס שיין און ליכטיק,
איז דאָס בענקען מײַנס געווענדט.

משה אין מדבר

לאַנגע יאָרן, שווערע יאָרן
און עס פּלאַמט ניט אויף קיין דאָרן,
און דאָס לאַנד, דאָס צוגעזאָגטע,
ווו ס׳טוט מילך און האָניק פליסן,
שטייגט ניט אויף פאַר די געפּלאָגטע,
פאַר די מידע קינדער יעקבס—
פון דעם מדבר-לאַנד דעם וויסטן.

און עס פירט דאָס פאָלק דער לערער,
דער וואָס האָט דעם ים געשפּאָלטן,
דער, וואָס פון דעם פעלדז דעם קאַלטן
וואַסער האָט אַרויסגעשלאָגן,
וואָס האָט פון הייסן מדבר-הימל
פאַר זיין פאָלק דעם מן געקראָגן;

דער, וואָס מיט דעם נביא׳ס אויגן,
מיט דעם האַרץ פון אַ באַפרייַער,
האָט געזען, אַז דאָס ווערק וועט שווער זיַין,
און געוווּסט: ס׳וועט קאָסטן טייַער!

און דאָס פאָלק נאָך ניט דערפילט האָט,
ווי די גנאָד פון אויסלייז לויבן,
און נאָך דעם ברויט פון פּרעהס קנעכטשאַפט
אַ יללה אָנגעהויבן.

פונעם לערער אַלע נסים,
אַלע וווּנדער שוין פאַרגעסן:
גיב אונדז, משה, קריק מצרים!
וואַסער גיב און ברויט צום עסן!

און מיט בלוט פֿאַרסמט פֿון מורא,
און מיט רייד און בייזע טאַטן
האָבן טיילן פֿון ישראל
זיך פֿאַרזינדיקט קעגן משהן,
האָבן טיילן פֿון ישראל
זייער קנעכטיש האַרץ פֿאַרראַטן.

איז אַ טאָג אַזאַ געקומען,
און דאָס זאַמד האָט זיך צעראָיעט
און אַ ווינט, ווי חיות ווילדע,
איבער מדבר האָט געוואָיעט.
אויף די בערג פֿון שוואַרצע וואָלקנס
האָבן דונערס זיך צעריטן
און ווי פֿלאַמענדיקע בייטשן
האָבן בליצן, צאָרז-העלע,
ס׳האַרץ פֿון הימל אויפֿגעשניטן.

איז דאָס פֿאָלק, פֿאַרשטאַרט פֿון פּחד,
אויף דער מדבר-ערד געלעגן
און בלויז משה איז געשטאַנען—
מיט דער באָרד פֿון ווינט צעפּאָכעט,
מיט דעם בליק פֿאַרטיפֿט אין חלל,
ווי ער וואָלט דאָרט ביי די וואָלקנס,
ביי דעם דונער עפּעס פֿרעגן.

און דאָס פֿאָלק האָט אויפֿגעציטערט,
ווען דורך ברויז פֿון דעם געוויטער
משה האָט גענומען שפּאַנען,
מיט אַ טראָט אַן איינגעשפּאַרטן
צו די בערג די וואָלקן-שווערע
און באַפֿוילן מיט אַ צייכן,
אַז דאָס פֿאַלק זאָל אונטן וואַרטן.

און ווען משה האָט באַוויזן
זיך צוריק דורך כמאַרע-קנוילן,
האָט דאָס קול זיינס האַרט געקלונגען—
אַז ס׳האָט אַזוי דער האַר באַפוילן:

יעדער זכר פון דער עדה—
פון דעם יינגלינג ביז דעם אַלטן—
דער, וואָס נאָר דעם כח האָט
אַ גראָבאײַזן אין דער האַנט צו האַלטן,
זאָל נאָך היינט, ביז זון-פאַרגיין,
אַ קבר גראָבן זיך אַליין
און ער זאָל קיין וואָרט ניט פרעגן,
נאָר בײַם אָנקום פון דער נאַכט
אַליין אין גרוב אַריין זיך לייגן.

און פון דער עדה יעדער זכר,
יעדער זקן, מאַן און בחור,
האָט זיין קבר אויסגעגראָבן
און ניט געפרעגט, נאָר יענעם אָוונט—
אונטער שווערע הימלען, טריבע—
האָבן שווייגנדיק געלייגט זיך
אַלע אין די גרייטע גריבער.

און ווען עס איז די זון באַגינען
איבער מדבר אויפגעשטיגן,
זיינען טויטע אין די קברים
דריטלעך צוויי געבליבן ליגן—
אַלע יענע, וואָס געזינדיקט
האָבן זיי מיט רייד און טאַטן,
אַלע די פון שרעק פאַרסמטע,
וואָס זיי האָבן זייער שוואַכמוט,
זייער קנעכטיש האַרץ פאַרראַטן,

און איין דריטל פֿון די קבֿרים
מיט דעם טאָג איז אויפֿגעשטאַנען—
יענע מוטיקע און פֿעסטע,
יענע, פֿון דעם פֿאָלק די בעסטע—
און צום לאַנד, דעם צוגעזאָגטן,
משה איז מיט זיי דערגאַנען.

אַזוי דערציילט אַן אַלטע מעשה,
נאָר די מעשה איז יונג געבליבן!
דורך דעם דורותדיקן וואַנדער
האָבן יעקבֿס מידע קינדער
איבער וועלטן די לעגענדע
מיט דעם האַרץ-בלוט אויפֿגעשריבן.

ס׳איז דער גאַנג נאָך ניט פֿאַרענדיקט—
נאָר דער מדבר היינט איז בלוטיק
און ווי דעמאָלט—און ווי שטענדיק!—
איז אַ שווערער דער גראַנגל,
און ס׳דערגייען בלויז די שטאַרקע,
די, וואָס זײַנען פֿעסט און מוטיק,
די, וואָס לאָזן זיך ניט צאַמען—
ניט בײַם ראַנד פֿון טויט אַפֿילו,
די, וואָס איבער אַלע פֿלאַמען
פֿון דער וועלט, דער שׂרפֿה-שוואַרצער,
שלאָגט ביי זיי דער לעבנס-ווילן.

ס'וועט דאָס פֿאָלק ניט שטאַרבן

איבער אַלע ראַנדן, איבער אַלע ברעגן פֿלייצט דער טרויער.
פֿון אַלע זײַטן — פֿראָסט, וואָס בושעוועט, וואָס שרפֿעט דאָס געמיט.
אויף יעדן ברעג — אַזוי פֿיל פּײַן, אַזוי פֿיל פֿינצטערניש און לויער,
אַזוי פֿיל הפֿקרדיקע שטיינער
אויף דעם וואַנדערער דעם אייביקן — דעם ייִד!

וווּנדן, אַלטע, טיפֿע וווּנדן אינעם האַרצן רײַסן.
אונדזער בלוט אין דורות איינגעשניטן האָט אַ גליענדיקן קאַרב.
ווער נאָך, ווי מיר, האָבן אויסגעלערנט זיך: ליפּ אויף ליפּ פֿאַרבײַסן,
ווען ס'האָבן מעסערס פֿאַרן האַלדז געפֿאָכעט
און דער שונא האָט געדעוועט: שטאַרב!

ס'איז נישט צו פֿאַרגעסן! נישט צו פֿאַרגעבן! —
כ'פֿאַרשרײַב מײַן נאָמען נישט צו יענעם קולט! —
ס'האָט האַרטקייט, ס'האָט וואַרטן געלערנט אונדז דאָס לעבן...
נאָר וויי צו אַ וועלט, וואָס וואַרט אויפֿן מערדער!
וויי צו דער פֿינצטערער קראַפֿט פֿון געדולד!

און איצט איז יאָרהונדערטער פֿון גרײַכן צו די שטערן —
דער רוים און די טיפֿקייט — אין מענטשלעכן צאָם, —
און ס'מישן מיט בלוט זיך נאָך ייִדישע טרערן;
און ס'שווימט אום מײַן פֿאָלק — פֿון פֿעלקער פֿאַרשטויסן —
אַליין אויף צעבויטעטן ים.

ווי דראָונגען שווערע — דאָס כוואַליעקע ברומען —
אַ פֿאָלק אויף אַ שיף! עס לעכצט: אַ שטיק ערד! —
און ס'שרייט צו די הימלען דאָס וועלטישע שטומען,
און ס'רעוועט דורך רוימען אַן עכאָ פֿון דורות:
פֿאַר — ווע — רט!

ווּ איז דער אָרט אין מבול-געפֿילדער?
ווּ איז דער שטיין, דער פֿעלדזיקער ריף?
ס'שווייגט די וועלט! דער שטורעם ווערט ווילדער—
און ס'רייסט זיך דער טויט צו מײַן פֿאָלק אויף די כוואַליעס,
און ס'וואַרפֿט זיך אין אַנגסטן די שיף!

נישטאָ, נישטאָ קיין שטיק פֿעלדז פֿאַרן אַנקער.
פֿאַר הֶער שיף, דער צעלעכצטער, נישטאָ איז קיין פּאָרט.
בלוט נאָר, פֿאַרניכטונג, אין ווילדקייט אין קראַנקער.
פֿאַר מיין פֿאָלק—צו כוואַליעקע טיפֿן פֿאַרמשפּט—
עס האָט נישט די וועלט קיין פּאַספּאָרט.

יאָ, עס ברענען וווּנדן, טיפֿע וווּנדן נאָגן.
ס'שניידן דורות, ס'שניידט די צייט נאָך פּאַס נאָך פּאַס—
צי וועט דאָס שווייגן פֿון דער וועלט שוין אייביק צו די הימלען שלאָגן?
צי וועט אַ פֿאָלק שוין אייביק אַזוי שווימען
איבער פּיענע איבער כוואַליעקער פֿון האַס?

עס צוקט דער גוף פֿון פֿויסטן-קלעפּ צעשונדן,
עס העלט די צאָרן-טרער אויף בלוטיקן געזיכט.
נאָר אונדזער לעבנס-דראַנג—דער באַנדאַזש פֿאַר אַלע וווּנדן—
האָט שטענדיק אונדז פֿאָרויסגעפֿירט
צו באַגינענס אַנדערע, צום מאָרגנדיקן ליכט...

פֿאַרמשפּט? יאָ. נאָר ס'וועט דאָס פֿאָלק נישט שטאַרבן!
מיט ציין און נעגל ס'וועט זיך קלאַמערן אין לעצטן שטיק פֿאָרענטש.
וויפֿל בלוט עס זאָל נישט רינען פֿון די שאַרבנס—
ס'וועט אַ פֿאָלק נישט אונטערגיין!
ס'וועט אַ פֿאָלק נישט נאָכגעבן דער חיה אינעם מענטש!

אין נאַכטיקן שפּיגל

ווי‏פּל פֿרעמדע שוועלן אין אַ מענטשן!
וויפּל ווײַטקייט הינטער נעפּלדיקע טירן!
פֿון דער נאַכט — דער שטיל-אין-זיך פֿאַרזונקענער —
כ׳לאָז זיך פֿון די סאַמעט-אָרעמס אירע
אין די סודותדיקסטע לאַבירינטן פֿירן.

אַזוי פֿיל לעבנס ציטערן אין האַרץ פֿאַרבאָרגן
און האָבן מורא זיך אַליין געפֿינען...
אין די פֿאַרשנדיקע שפּיגלען
פֿון דער טונקלקייט דער שטילער —
וויפּל שווערער איז אַליין אַנטרינען...

טרעפֿט — איך פֿיל אַזאַ געדראַנג אַ ווילדן
טיף אין זיך; אַזוינע פֿרעמדע קולות שרײַען;
פֿון דער טיפֿקייט רײַסן זיך געשטאַלטן,
שטײַגן אויף
און נעמען זיך באַפֿרײַען:

דער ציניקער מיט מידן רוקן,
דער העלד, וואָס שטורעמט איבער ערד און ימען.
צווישן ביידן —
אַ שנאה, אַזאַ מעסערדיקע, קאַלטע —
יעדער פֿון זיי וואַרט איך זאָל דעם אַנדערן פֿאַרדאַמען...

דער אייפֿערזיכטיקער, מיט אַש-קאָליר אין פּנים,
דער ליבהאָבער; מיט רויטן ווײַן אין אויגן.
ביידע לאַכן:
— ווען וועל איך אַרויס דער זיגער?
— ווען וועל איך זיך אויפֿהערן פֿאַר זיי צו בויגן?

כ'זע: דעם טרוס, די ווײַסע ליפּן זײַנע;
דעם פֿילאָזאָף — דעם אומעטיקן שאָטן —
ביידע קוקן זיי אויף מיר דערשראָקן —
ביידע ווילן וויסן:
— צי זײַנען זיי אין מיר געראָטן.

דער מערדער, דער מיט דעם ברוטאַלן, נידעריקן שטערן;
דער ריכטער, מיט די גליענדיקע אויגן-שפּיזן —
אין דער גרויזאַמקייט דער סטאָישער פֿון זייער שווײַגן:
— ביידע ווילן זיי זיך נאָך אויף מיר פֿאַרמעסטן...
— ביידע האָבן זייער קראַפֿט נאָך ניט באַוויזן...

דער דיכטער — אין אַ ווינקל, ווי אין לויער —
קוקט אויף מיר מיט אַ פֿאַרזאָרגטן שטערן:
ער וואַרט איך זאָל די האַנט אים געבן,
איך זאָל דאָס זינגענדיקע שווײַגן זיינס —
איך זאָל עס טיף אין זיך דערהערן...

ס'זײַנען קיל די סאַמעט-אָרעמס פֿון דער נאַכט.
אין דער טונקלקייט דער שטילער — סאַראַ טיפֿע שפּיגלען!
אַזוי פֿיל פֿרעמדע שוועלן אין אַ מענטשנס האַרץ!
הינטער געפֿלדיקע טירן —
אַזוי פֿיל סודותדיקע זיגלען...

אין טעג פֿון דערשיטער

ווי פֿיבערדיק עס קאָנען ווערן טאָג-און-נאַכט!
פֿון פּיַין—ווי איבערפֿולט די שווערע מאָס!
יעדער נערוו צעריירט פֿון טויזנטער פֿאַרדאַכטן,
אַ טרויער נאָגט און לאָזט נישט קיל באַטראַכטן—
נו, און איצטער... נו, און ווייטער וואָס...

שווער הײַנט האָפֿערדיק די וועלט באַזינגען;
נישט גרינג היינט געפֿיל באַהעפֿטן מיט פֿאַרשטאַנד.
אין שעהען, אין רגעס געשפּאַנט ביז צעשפּרינגען—
ווו נעמט מען די קראַפֿט דאָס געמיט צו באַצווינגען,
דעם שווונג פֿון אַ זיכערער פּען אין דער האַנט...

און איך האָב לאַנג, שוין לאַנג מײַן וועג געפֿונען—
איך ווייס ווו ס׳גיט דער מענטש דער מענטשהייט זיך אַוועק.
נישט מײַן גלויבן, נישט מײַן האָפֿענונג איז צערונען—
איך ווייס אויף וועלכע האָריזאָנטן ס׳לויכטן מײַנע זונען,
נאָר אויך די העלסטע גייסטער קענען וואָלקנדיקע טעג...

זאָל זיין ס׳איז געמיט, דער אייביקער שפּאַלטער,
נאָר פּײַנלעך איז הײַנט צו זײַן אַ פּאָעט.
דער קאָפּ מוז זיין ניכטער, אַ מײַסטער אַ קאַלטער.
אַ דיכטער מוז אויך זײַן אַ גוטער פֿאַרוואַלטער
און מעסטן און וועגן אַלצדינג, וואָס ער רעדט.

ווו נעמט מען אַ וואָרט דעם פּלאַנעט צו צעוויגן?
אַ וואָרט, וואָס זאָל אויפֿברויזן יעטוועדנס האַרץ!
דערשראָקן די וועלט—און אין פּנים געשפּיגן!
פֿאַרדעקט מיט אַ טרער דעם גרויליקסטן ליגן—
און פֿאַרוואָרפֿן אַ פֿאָלק אינעם וויסטסטן אַזאַרט!

אָ, נעבט מיינע וואַכע, מיט האַרצבלוט אין אויגן,
מיט ווילדן קאָשמאַר-געוויטער צעהעלט:
— זאָל זיין ס'האָט פּחדנות אַריבערגעוואויגן?
— זאָל זיין ס'איז ביז סוף שוין די פּעטליע פֿאַרצויגן?
— ווו ביסטו, אָ מעכטיקסטע פֿויסט פֿון דער וועלט?

שעהען אַזוינע — זיי שטײַגן און שווינדן.
טיף אין מיר ווייס איך: עס צײַטיקט די קראַפֿט.
נאָר ס'קומען אָן טעג וואָס שנײַדן און שינדן —
און שווער איז דאָס האַרץ, דאָס צעשויבערטע, בינדן
מיט די שטריק — דעם פֿאַרשטאַנד — וואָס אין האַפֿט.

מיר איז שווער, מיינע טעג זײַנען — לויער...
מײַנע נעבט מיט קאָשמאַרן-געוויטער צעבליצט —
עס פֿרעסט מיך אַ בייזער, אַ גלײַיקער טרויער,
די בלוטיקע וווּנד ווערט טיפֿער און רויער —
מײַן האַס איז ביז דינסטע ניואַנסן פֿאַרשפּיצט:

מיין האַס! — איך האָב אים נאָך קיין מאָל פֿאַרלאָרן!
פּונקט ווי כ'האָב קיין מאָל מײַן ליבשאַפֿט פֿאַרשוועכט.
זיי זײַנען ביי מיר פֿון איין וואָרצל געבאָרן —
אַ פֿלאַמיקע רויז און אַ שטעכיקער דאָרן —
זיי זײַנען מײַן וואָפֿן! מײַן זיג אין געפֿעכט! —

שוין אַזוי פֿיל נעכט

שוין אַזוי פֿיל נעכט אַז איך בין וואַך,
שוין אַזוי פֿיל מאָל
געציילט די ברעקלעך פֿון די שעהען—
אין יעדן ברעקל קלאַמערט אַ געדאַנק,
אין יעדן ברעקל— גריזשענדיקע קלאָען.

מיין ליד גייט אויף ביים גלי פֿון פּאַפּיראָס,
מיין וואַכער חלום
נאָגט ביז ליכטיקע פֿאַרטאָגן.
איך פֿלאַטער אויף— אַ מידער אַלבאַטראָס—
און לאָז זיך פֿון די בלאָע נאַכט-ווינט-כוואַליעס טראָגן.

וויפֿל לענדער האָב איך אויסגעמאָסטן שוין אַזוי—
ס׳ציטערט דאָך אַזוי פֿיל פּײַן אויף מײַנע פֿליגל!—
אין ווינט, אין יאָמערדיקן, הער איך דאָס געוואָי
פֿון מיין צײַט—
דעם בלוט-באַפֿאַרבטן וווּנדער-שפּיגל.

דער זייגער ברעקלט שטיקלעך פֿון דער נאַכט—
יעדעס ברעקל איז אַ נאָדל אַ צעגליטע—
וויפֿל מאָרדן, וויפֿיל גרוילן ווערן איצט פֿאַרטראַכט—
אין יעדן ברעקל—
וויפֿל פּײַן אין טורמע מאָאַביטער...

אין יעדן ברעקל— וויפֿל טרערן, וויפֿל שרעק—
דאָרט ווו הונגער איז דאָס איבערבעט און קישן...
צי ליגט נישט וואַך איצט, אין אַ פּוילישן, אַ ווייטן העק
מיין אַלטער טאַטע, אַ פֿאַראײַנזאַמטער, און שעמט זיך
פֿון אַן אויגן-קנייטש אַ טרער אַרויסצווווישן?

די נאַכט איז לאַנג. מיַין חלום—אַזאַ מידער—
פֿלאַטערט אינעם פּולס, אין פֿיבער פֿון סעקונדן.
ביים גלי פֿון פּאַפּיראָס ס׳גייען אויף אין מיר די לידער—
מיינע שטילע, מיינע הייסע לידער—
מיינע ליבעס... מיינע ווונדן...

נאָכן טויט פֿון יאָסל קאָטלאַר

באַרג-פֿרישע ווינטלעך. ליכטיקע נאַכט.
ווייַסע נעפּלען, דורכזיכטיקע, שוועבן.
איך צי איַין די לופֿט ווי אַ פֿרישן געטראַנק,
איך זינג אַזאַ פֿריילעכס פֿון "מונטערגאַנג"
און גוט איז מיר שפּאַנען צום טאַקט-פֿונעם ליד
און גוט איז מיר — יונג זיין און לעבן.

אומרו און אומעט — פֿינצטערער צווילינג —
ענגקייט פֿון שטוב האָט געטריבן.
דורך שלאָפֿלאָזע נעכט און פֿאַרביטערטע טעג
געזען בלויז: מיין חבר אין בלוט אויפֿן וועג —
און שאַרף ווי אַ חלף און שטומפּיק ווי שטיין,
האָט פּיַין מיך צעשניטן, צעריבן.

אַ חברס געזיכט, זיַין שטים, יעדער זשעסט —
פֿאַרקריצט זיך, בלייַבט פֿאַר די אויגן.
דער טויט לאָזט זיין שאָטן. טרייַבסט אים — דו מוזט —
נישט דערמאָסטן בייַם לעבן, ווי נאָענט — נישט געוווסט:
די אייגענע ליבשאַפֿט, דעם חברס פֿאַרנעם,
זיין אַרבעט, דעם מענטש — נישט דערוויגן.

בלייבט אומקום-קאָשמאַר — אַ ראַק אין געמיט —
שלעכט ווערט, ענג ביז דערווידער,
נאָר שטאַרק איז דאָס לעבן. עס גייט זיך זיַין גאַנג.
און גוט איז אַזוי, עס טוט מיר נישט באַנג,
וואָס צער ווערט געלייַטערט אין שפּאַן פֿון פֿאַרשטאַנד,
וואָס טרויער פֿאַרגיין קאָן אין לידער.

שפּילן די ווינטלעך. ס׳איז קיל און ס׳איז פֿריש.
איך טראַכט פֿון דעם חבר דעם ליבן,
זײַנע פֿרייִלעכע לידער; נישט אומעט-פֿאַרפֿרעסט—
איך זינג זיי, איך קלער, דערוועג און דערמעסט:
דער זין פֿון זײַן לעבן — זײַן אַרבעט, זײַן ליד —
דער זין! דער טויט האָט דעם זין ניט צעריבן.

נאָך דעם טויט פֿון גאַרקין

שטיל.
די זון גליט הייס אַראָפּ
אויף גאָלד פֿון ריַיפֿן קאָרן;
אַ לערכע זינגט אין בלאָער טיף,
אין וויַיטן רוים פֿאַרלאָרן.

איך זיץ ביים ראַנד פֿון קאָרן-פֿעלד,
דאָס שטעטל פֿלאַך צופֿוסנס;
איך לייען אַ בוך—
אַ פֿרעמדע וועלט, אין דייטשער שפּראַך—
איך לייען אַ בוך פֿון רוסן.

פֿון בלאַט צו בלאַט—
דאָס אויג איז פֿייכט,
דאָס אויג איז אָנגעצונדן—
און ס׳וויינט דאָס האַרץ, און ס׳לאַכט דאָס האַרץ—
און ס׳פֿליִען, ס׳פֿליִען שטונדן.

ס׳ווערט אָוונטיק.
דאָס קאָרן רוישט.
דער זון, דער זון—
וואָס טוט ער...
איך אָטעם שווער, דער פּולס גייט שנעל—
איך לייען
גאָרקיס ״מוטער״.

יונג אַזוי—אַ קינד כמעט—
און גאָרקי איז געקומען
אוןביים שטילן קאָרן-פּעלד
אין יענעם הייסן זומער-טאָג
מיך פֿאַר דער האַנט גענומען...
— — — — — — — — — — — — — — —
און יענער טאָג—
שוין לאַנג צוריק—
ווו איז דער טאָג פֿאַרשריבן?
אַזוי פּיל טעג פֿאַרגעסן שוין,
און יענער יונגער זומער-טאָג—
ער איז אין מיר פֿאַרבליבן.

האָב איך געוויינט, אַ שטילע טרער,
נאָך גאָרקין,
נאָך מיין לערער.
זיין לעבן—פֿון זײַן "קינדהייט" אָן—
איז דורכגעגאַנגען פֿאַר מיין אויג—
אַ לאַנגער וועג,
אַ שווערער.

איך האָב געטרויערט מיט דער וועלט
און מיט דער וועלט
באַנומען:
עס גייט דער טויט זײַן קאַלטן וועג
און פֿרעגט נישט:
מעג איך קומען...

וואָס איז דאָס פֿאַר אַ טויט...

וואָס איז דאָס פֿאַר אַ טויט,
וואָס לויערט אומגעדולדיק
און גראַבלט אַזוי כיטרע
אין מײַן שוועל און טיר? —
דעם שטילן, אַלטן טויט
בין איך נאָך גאָרניט שולדיק;
דער קלוגער, אַלטער טויט —
ער האָט נאָך צײַט צו מיר.

אָט־יענער שטילער טויט,
וואָס קומט אין אָוונט־שעהען,
ווען ס'פֿאַלן שוין די ווייעס
פֿון מידקייט צו אַליין;
ווען מאַט פֿון לאַנגן וועג
דאָס האַרץ וויל רוען... רוען...
אָט־יענער שטילער טויט
איז ערלעך און איז ריין.

ער קומט נישט שטאָל־געפּאַנצערט,
ווי אַ העלדן־ריטער,
און נישט ווי אַ מאַגנאַט
אין פֿראַק און שטייפֿן העמד.
פֿון בראשית אָן —
ער איז אַ פּראָסטער שניטער
און פֿרעמד איז אים דער אָנשטעל,
און ליגן איז אים פֿרעמד.

איז וואָס איז דאָס פֿאַר טויט,
וואָס לויערט פֿאַר מיין פֿענצטער,
וואָס גראַבלט אַזוי כיטרע
אין מייַן שוועל און טיר?—
אָט טראָגט ער אַ צילינדער,
אָט קוקט ער דורך אַ שפּענצער
אָט בין איך אים "אַ פֿריינד",
און ער—אַ רעטער מיר...

ער האָט אַזוי פֿיל הענט,
ער האָט אַזוי פֿיל פֿינגער,
אַזוי פֿיל העלפֿערס האָט ער
און אַזוי פֿיל רייד;
אַזוי פֿיל בוימל רינט
פֿון אַלע זיינע צינגער,
און יעדע צונג מיך לאַשטשעט:
איך זאָל זיך מאַכן גרייט...

און יעדע האַנט מיך מאָנט,
און יעדער פֿינגער וואָרנט,
און יעדער העלפֿער שלעפּט—
איך זאָל וואָס גיכער גיין...
און אָט טוט ער אַ בליאַסק
באַוואָפֿנט און געשפּאָרנט
און אומגעדולדיק, ביסטרע,
באַווייַזט ער זיינע ציין.

ווער איז ער, דער מאַסקירטער,
אין פֿרומקייט און אַנטריסטונג?
איך זע אין זײַנע אויגן
אַזאַ קאַלטן פֿלאַם,
איך זע דעם לוסט-מאָרד דאָרט
איך זע אין זיי פֿאַרווּיסטונג,
עס גליט אין זיי פֿאַרראַט,
עס שפּריצט פֿון זיי מיט סם.

איך זע באַגנעטן גלאַנצן
אין טיף פֿון די שוואַרצאַפּלען,
און פֿעלדער טויט-פֿאַרזייטע,
און שטעט, וואָס ליגן וויסט;
איך זע אויף שווערדן-שפּיצן
עופֿה׳לעך זיך צאַפּלען,
און גאָלד-מטבעות שווימען
אינעם בלוט, וואָס פֿליסט...

די האַק פֿון הענקער זע איך
און דעם באַנקיר׳ס צילינדער;
די פֿעטע יונגען זע איך
פֿון דער בערזע-וועלט;
איך זע דעם שדים-טאַנץ
פֿון יענע וועלטן-צינדער,
וואָס האָבן אָט-דעם טויט
אין זייער דינסט געשטעלט.

זיי האָבן אים פֿאַרטראַכט,
זיי האָבן אים דערצויגן,
און ס׳אור-געזעץ פֿון טויט
צעבראָכן מיט געוואַלט.
איצט קלאַפּט ער אין מײַן טיר
און וואַרט מיט זשעדנע אויגן,
און סטראַשעט מיט רציחה:
״נישטאָ קיין אויסבאַהאַלט!״

און ווו איך ווענד דעם בליק,
ביי אַלע פּראָסטע שוועלן,
זע איך אים פֿאַרלויפֿן
דעם אַלטן טויט דעם וועג.
און ס׳יאָגט מיט אים אַ סוויטע
גערונגענע געזעלן
און אַלע ווילן איינם:
דעם סוף פֿון מײַנע טעג.

און ס׳קומען מיר אַנטקעגן
אַלע מיט מתנות—
ווער עס ברענגט אַ ביקס,
אַ טשאַקע, אַ מונדיר:
זיין זאָל איך אַ העלד
און שטורמען דורך סכנות;
און שטאַרבן זאָל איך יונג—
און אַ כבוד זײַן
וועט דער טויט פֿאַר מיר!

דער, וואָס קומט

כ׳האָב צופֿיל שוין טעג פֿאַרלאָרן,
שוין פֿאַרלאָרן צופֿיל יאָר,
מיט דעם פֿלוך פֿאַר מײַן געבאָרן,
מיט דער קללה פֿאַר מײַן דור.

כ׳זע זיך קלאָר, ווי אין אַ שפּיגל,
אַז איך קוק אויף מײַנע פֿרײַנט —
אַ צעשטשערבעט, לײדיק קריגל,
מיט עקזאָטיק-בלױאַסק באַשײַנט.

שווער דעם אָנשטעל צו פֿאַרמײַדן
אין אַ סביבה וואָס איז לער —
צירט מען זיך מיט אײגן לײַדן,
ניאַנטשעט מען פֿון האַרץ די טרער.

כ׳האָב געפֿאַלמעסט זיך אין לידער,
כ׳האָב געכליפּעט אין מײַן פֿערז;
כ׳האָב פֿאַרשנירט זיך אין האַרמידע
פֿון אַ לעבן אַ פּערוועָרז.

מאַטע לאָמפּן, וואַכע נעבט.
ענגקײט פֿון באָהעמען-קרײַז...
לײַדנשאַפֿטן; צאַרט געשלעכט —
הינטער פּאָזע: גליווער, אײַז...

נישט מען וואַגט אַלײן זיך פֿרעגן.
נישט מען נעמט זיך אויף פֿאַרהער.
ס׳זײַנען פֿלאַך די אין-זיך-וועגן;
נאָר ביים גאַנג דער אָנשטעל: שווער

פֿון מײַן פֿרייד וואָס איז געוואָרן,
פֿון מײַן יונגן לעבנס-דראַנג—
אויסגעלאָשן מיט די יאָרן,
ווי פֿאַרנעפּלט זון-פֿאַרגאַנג.

האָב איך אָנגעטאָן אַ שמייכל—
ציניש-לײַכט און קאַלט ווי שניי.
און מײַן וועלט, מיט טיפֿן שכל,
האָט געזאָגט: נשמה-וויי...

אַ, מײַן וועלט!—ווי איך באַנעם איצט—
אַלץ פֿאַראיידלט, אַלץ פֿאַרגלעט;
פֿון דעם רויסטן שטורעם-אמת
ווערט ביי איר אַ מינועט.

כ׳האָב דערפֿילט: ס׳אַ לאַנגזאַם שטאַרבן—
פֿילאָזאָפֿיש...ראַפֿינירט...
ס׳גלאָצט פֿון אַלץ אַ טויטן-שאַרבן—
און מײַן שרעק האָט מיך שאָקירט.

לאַנגע, איינזאַם-גראָע טעג,
איינגעהילט אין טרויער-טשאַד.
נאָך דאָס לעבן זוכט אַ וועג—
ס׳פֿעלט דער מוט צו לעצטער טאַט.

כאָטש אַן אָנהאַלט ערגעץ, עפּעס...
כ׳האָב געזוכט אַן אויסרייד בלויז:
האָסט אַ לעבן—טראָג עס, שלעפּ עס,
זוך אַן אינהאַלט פֿאַר זיך אויס.

איין גערדאַנק האָט קראַפּט געגעבן:
ס'מוז דאָך זײַן אַן אָנהאַלט ווו...
וואַרף זיך אין גערדיכטן לעבן—
אפשר ליגט אין שטראָם די רו.

כ'האָב געהאַט דאָך בלויז איין ווינקל
ציניש ווײַטער אַלץ פֿאַרלאַכט;
מיט אַ קלוגן אויגן-פינקל
פֿון דער וועלט אַ תל געמאַכט...

און דורך טויט-מחשבות קראַנקע
כ'האָב דערפילט אַ מאָדנע גלוט—
אַזאַ דורשט נאָך העלע קלאַנגען.
אַזאַ לעבנס-דראַנג אין בלוט.

און אַ פרייד אַ פרילינג-ווילדע,
האָט אַ פלייץ געטאָן אין מיר;
ס'האָט צו מענטש געצויגן ווידער,
נאָר ווו קלאַפּט מען אָן אין טיר.

בין איך וואַך אַרומגעגאַנגען,
אַלע חושים האַרט ביי דר'ערד—
וויפל לויטער-העלע קלאַנגען
וויפל אויפברויז כ'האָב דערהערט!

דורך די טעג געהיט די סקווערן,
און פאַרטיפט די נעכט אין בוך—
צי דען טאַקע—אַלץ צעשטערן...
אָ, ווי האַרב דער איבערברוך!

כ׳האָב די צייטן דורכגעשניטן,
כ׳האָב געפֿיבערט און געזוכט;
לאַנג געגאַנגען אין דער מיטן—
און מיין שוואַכמוט שטיל פֿאַרפֿלוכט.

נאָר דער לעבעדיקער אמת
—אויף די סקווערן האָט געברויזט
און, איך ווייס נישט, נאָר געשען איז:
כ׳האָב אַ הויב געטאָן מיין פֿויסט.

איין מאָל, אין צעשוימטער מענגע,
ווען ס׳האָט מעבטיק זיך צעשאַלט
פיער דעגיײַטערס פֿלאַמיק-שטרענגע
ליד פֿון רויטן פֿאָנען-וואַלד.

כ׳האָב אין גאַנצן זיך צעבונדן
מיט דעם קלינגען פֿון מײַן קעל
—יעדע האַלבקייט איז פֿאַרשווונדן
כ׳האָב געזונגען שטאָליק, העל.

און באַרוישט בין איך געבליבן
—לאַנג נאָך שטיין דערנאָך אויף סקווער
—ס׳האָט מײַן פֿויסט זיך דאָ פֿאַרשריבן
כ׳האָב געוויינט מיין הייסטע טרער...

און פֿאַרברענט די ספֿקות אַלע
האָט מיין טרער אין יענעם טאָג,
מיינע אין-זיך-רעשטלעך וויאַלע,
אָפּגעשווענקט פֿון צווייפֿל-וואָג...

כ׳האָב דערהערט אַ קוואַליק שלאָגן,
טיף-אַריינגעהאָרכט אין זיך—
אַזאַ ווונדער-ליכטיק טאָגן!
אַזאַ קלינגען—דאָס בין איך!

פֿרימאָרגן אין סאָבוויי

וואַקלען קערפּערס שוואַכע
זיך צום רעדער-טאַקט
און פֿינגער, ווי פֿליגן אויף שויבן,
דראַפּען זיך
בלאָנדזשען, זוכנדיק אַן אָנהאַלט אין דער לופֿט.

וויעס מידע קלעפּן זיך
פֿון נעכטיקע און אייערנעכטיקע
ניט דערשלאָפֿענע נעכט
און צעשוווּמענקייט פֿון וואַרעמע געלעגערס
ליגט אויסגעשפּרייט אויף פֿאַרחושכטע געזיכטער.
קעפּ פֿאַרהאָרעוועטע הוידען זיך
אין זיצנדיקן דרימל,
הענגען טעמפּ נאָכגעלאָזטע צווישן אַקסלען
און, ווי ביי שלאָפֿנדיקע פֿערד,
רײַסן זיי צו דר׳ערד זיך פֿאַרעקשנט.

אין דלאָניעס, וואָגיקע און גרינגע,
ציטערן פֿרישע צייטונגס-בלעטער
און עס אַמפּערן זיך אויגן
מיט די שוואַרצע, טאַנצנדיקע שורות.
אַ טיפֿער, ברייטער געגעץ
פֿאַרשלינגט מיריאַדן דריבנע אותיות
און לאָזט זיי ליגן
אומפֿאַרדייטע
אין אַ ווינקל ערגעץ
פֿונעם דרימלענדיקן מוח.

קום!

די שטאָט — מײַן האַמערדיקער פּולס,
מײַן הייסער אָטעם —
מיר דוכט — די שטאָט איז שטום.
ווײַט, אויף שטילע פּאַלמען-שאָטנס,
אויף באַזילבערט-בלאַסע בערגלעך
מײַן בענקשאַפֿט מורמלט — קום...

נעבט — אַזוינע ציטערדיקע:
יאַסמין אין דער לופֿט —
איז דער שווונג פֿון מײַנע לידער
דאָרטן ערגעץ אײַנגעדרעמלט —
און די דורשטיק באַנגע ווײַטקייט
רופֿט...

כ׳הער די טריט נאָך פֿון צוויי מענטשן —
עפּעס לאַשטשען זיי דעם וועג.
צי בין איך דאָס דאָרט געגאַנגען
אין די שפּעטע אָוונט-שעהען
ביי דעם ליכט פֿון אויגן-ווײַסלען,
העל, ווי דרום-טעג?

מיר דוכט — אַ טרער אַ ווײַסע בלישטשעט
אומעטיק, פֿאַרלוירן, צאַרט —
לאַנגזאַם נידערן די וויעס,
און אַ שמייכל אַ פֿאַרבענקטער
טוט אַ בליץ מיט ציין מיט ווײַסע —
און ער ווערט פֿאַרשטאַרט.

טוט מיר באַנג נאָך יענער ווײַטקייט,
טוט מיר באַנג נאָך יענעם ליכט—
מיידל, בויגעוודיקע, צאַרטע,
צווישן טויזנטער חברים,
ווען עס לויכטן פֿריידיק אויגן—
זוך איך שטענדיק דיין געזיכט.

איז די שטאַט—מיין פּולס, מיין אָטעם—
איז די שטאָט פֿאַר מיר אָפּט שטום.
ערגעץ דרעמלען מײַנע לידער
ווײַט דאָרטן אויף די פּאַלמען-שאָטנס—
ציט עס מיך צו יענע בערגלעך
די פֿאַרבענקטע שטילקייט ברעכן מיט אַ פּעסטן: קום!

עס טרעפֿט אַמאָל

איך הער דעם פֿרילינג דורך אַ שויב—
אַ שטיל פֿאַרבענקטער ווינט.
וויפֿל, וויפֿל פֿרילינגס שוין...
די צייט—פֿאַרבלוטיקט—
רינט...

כ׳קאָן די פֿרייד און כ׳קאָן זי גוט:
כ׳האָב זי ליב, די פֿרייד—
כ׳בין נישט פֿון די, וואָס וויינען שטיל
צוליב דער שיינקייט פֿון אַ טרער,
אַן עכאָ, וואָס פֿאַרגייט;

נישט פֿון די, וואָס אימהדיק
זיי צערטלען זייער גאַרב—
כ׳האָב פֿיינט דעם זעלבסט-פּײַן אין אַ מענטש,
וואָס קנייטשט דעם שטערן אַזוי לאַנג,
ביז וואַנען ס׳בלייבט אַ קאַרב.

נאָר ס׳טרעפֿט אַמאָל אַ נאַכט, עס טרעפֿט,
אַ האַרבער אומעט וואַרגט—
כ׳אָטש רײַס דאָס האַרץ אַרויס
כ׳אָטש הייל אַרויס אַ לעצטן פֿלוך—
און דריי זיך אָפּ דעם קאַרק.

אין אַזאַ נאַכט—וואָס וויל דער ווינט;
וואָס וויל דער צאַרטער פֿרילינג-רויש—
די נאַכט איז לאַנג—דער פֿרילינג רוישט—
איך ליג מיט קריצנדיקע ציין,
מיט פֿויסט אויף האַרץ פֿאַרביילט.

אַרום פּאַרקל

ס׳איז שווערמוטיק און גרוי היינט אַרום פּאַרקל,
שלאַבערדיקע, ווי פֿון מידקייט, הוידען זיך די פּאַלמען-צווײַגן;
אויף פֿײַכטן גראָז, די אויסגעשטרעקטע מענער—
אויך אַזוינע אומעטיקע—
קוקן אויף די וואָלקנס, רויכערן
און שווײַגן.

אַן אַלטער שיכור שעלט די ליידיקייט פֿון פֿלעשל.
אַ פֿרוי וואַרפֿט קערנער צו די טויבן איר צופֿוסנס.
פֿון דער בוכטע ווייעט אָן אַ ווינטל
מיט געזאַלצנקייט פֿון שטורמישן פּאַסיפֿיק
און פֿאַרטראָגט אַהער פֿון שיף-סירענעס
דומפּיק-שרעקנדיקע גרוסן.

אויף אַ באַנק, אינמיטן פּאַרקל, זיצן „סטיוועדאָרס" און רעדן
פֿונעם סטרייק, וואָס האָט גענומען אַרום האַפֿן זיך צעוויגן.
ס׳לאַכט דער בלאָנדער שוועד מיט העלע אויגן,
קוקט אויף זיינע שווערע פֿויסטן
און אַזוי, פֿאַר זיך אַליין,
פֿאַרציט ער שטיל אַן אַלטן „וואַבלי"-ניגון.

ביים ראָג, דאָס יונגע גאַסן-מיידל שמינקט די מידע ליפּן.
אַ פֿראַנטל ווינקט— זי ענטפֿערט מיט די ברעמען.
און ביידע גייען זיי פֿאַרביי דעם אָקסן-קאַרק—
דעם „קאַפּ"—
וואָס שמייכלט ביטרע וויסנדיק,
בעת זי ענטפֿערט: „ניין, ווינציקער וועט זי נישט נעמען..."

איך זע: אַ צייטונג-יינגל לויפֿט אַדורך דאָס פּאַרקל—
מיט פֿאַרטרערטע אויגן קוקט אים נאָך אַ הויקערדיקער זקן—
"—עקסטר-עי!"

נאָר ס׳אַרט דאָ קיינעם נישט דעם יינגלס שרײַען.
בלויז די טויבן, נעבן אַלטן דענקמאָל, פֿלאַטערן
און צעפּליען זיך דערשראָקן.

איך קוק צום שפּיץ אַרויף פֿון אָט-דעם דענקמאָל, דעם מאַסיוון,
צו דער יונגפֿרוי אויבן מיטן נעפּטון-נאָפּל אינעם לאָרבער-קראַנץ
ס׳דאַכט זיך—
צום רום פֿון עפּעס דאָרט אַ טויטן אַדמיראַל—
וועט זי זיך באַלד פֿאַר אַלעמען פֿאַרנויגן
און זיך אַוועקלאָזן אין אַ גראַציעזן, נעפּל-שלייערדיקן נימפֿן-טאַנץ.

און מיר איז אויבעט עפּעס נעפּלדיק פֿון שווערן דרויסן,
און כ׳שפּאַן אַרום דאָ לאַנגזאַם און געדריקט.
כ׳טראַכט, אַז אין אַ טאָג אַזאַ אַ כמורנעם, אין אָקטאָבער,
אין אַ גאַליציש בלאָטיק שטעטל,
האָב איך צום ערשטן מאָל
דאָס ליכט פֿון אָט-דער וועלט דערבליקט.

ס׳איז האַרבסט, אַלץ אַרום איז, דאַכט זיך, אַזוי פּריקרע.
יעדער איינער איז אין זיך אַליין פֿאַרגאַפֿט.
בלויז די "סטיוועדאָרס", די העלע יונגען,
רעדן פֿריילעך אויף דער באַנק דאָרט,
לאַכן ברייט
און אָטעמען-מיט קראַפֿט.

דער קיך-טיש — מיין וואַרשטאַט

דער זייגער קלאַפּט — טיק-טיק... טיק-טיק...
די נאַכט איז שוין מיט שעהען זאַט.
איך זיץ מיט אָנגעשטרענגטן בליק
ביים שמאָלן קיך-טיש — מיין וואַרשטאַט.

ס׳הויבט אַ קילקייט פון די ווענט.
די שויבן קלירן לײַכט אין ווינט.
די מידע אויגן — ליכט-געבלענדט.
פון צאַרטן פענשפיץ פליסט דער טינט

אויף ווײַסער לערקייט פון פּאַפּיר,
וואָס זויגט אויס גיריק יעדן טראָפ
און, דאַכט זיך, מאָנט און מאָנט פון מיר —
ווען ס׳שטעלט מײַן האַנט זיך פלוצים אָפּ...

ווען ס׳בלייבט ווי מיט אַ האַלמע-סקריפּ
מיין ליד פאַרהאַקט אין מיטן גאַנג
און איך — מיט ציין אויף אונטערליפּ,
ווי מיט שפּאָרן-שפּיצן אין געדאַנק.

דערנאָך, ווען כ׳האָב שוין צוגעמאַכט
מיין פען מיט שטיל-פאַרפרעסטן פלוך —
דאַן נעמט מיך קיל אַרום די נאַכט
און ס׳שווײַגן ריזלט ווי א סקרוך.

שטיי איך לאַנג ביים פענצטער נאָך
און קוק אַרויס אויף פוסטער גאַס,
דאָס האַרץ אין מידן ראָספּאָלאָך,
די מידע אויגן-ווינקלען נאַס.

דאַן שעלט איך יענע האַרבע טעג,
וואָס שטייען אינעם ברויט-געפּעכט,
וואָס קומען אום אין דעם געיעג,
און לאָזן מיר די מידע נעכט...

צו אַ מיידל

ס׳וואָלט גרינג געווען דײַן פֿרישקייט צו באַזינגען—
דײַן העלן אויגן-שטראַל,
דיין יונג געזיכט אין שוואַרצער לאָקן-פּראַכט צעבליט,
ווײַל שיין ביסטו און אומגעצוימט,
ווי שיין עס איז אַ הירש, אַ קרעפּטיק-יונגער,
ווײַל ווייך ביסטו און צאַרט אַזוי,
ווי דער נאָכקלאַנג פֿון אַ נאָגנדיקן ליד.

ווי באַנג מיר טוט, וואָס בלוטלאָז זײַנען ווערטער:
וואָס כ׳הער די הוילקייט זייערע,
ווי רעגן-טראָפּנס אויף געצעלטס אַן אָנגעשפּאַנטן דאַך;
ווי באַנג מיר טוט, וואָס כ׳לאָז דיך צווישן פֿרעמדע—
אין זייער נאָענטקייט דיר פֿרעמדע—
ווײַל פֿרעמד קאָן ווערן אויך דאָס נאָענטסטע:
דאָס אייגנסטע קאָן אויפֿהערן פֿאַרשטיין דיין שפּראַך.

ווי שאַרף דער שניט. אָט-באַלד—מיר ווען זיך צעשיידן.
מיר דוכט—
ס׳בלײַבט אַ ליד אין מיר, אַ נישט-דערזונגנס, אָפּגעריסן—
ס׳וועט מוזן זײַן.
כ׳וועל שטיין פֿאַר דיר מיט דורשט אויף ליפּ:
שווײַגנדיק, אין פֿרייד פֿון לעצטן האַנט-באַריר,
אין אָפּשייד-אומעט ציטערדיקן איינגעביסן.

איך טראַכט: ווי גרינג עס לאָזן רייד זיך טײַטשן.
איך טײַטש אַליין—
אַזוי פֿיל יאָר—און די צײַטיקייט אין מיר—נישטאָ.
ווי אַ יינגל, דורשטיק ביי דעם שוועל פֿון לעבן,
שטיי איך נאָך, פֿאַרחידושט אין מיין בענקשאַפֿט,
און אין מיט צו ווײַטע צילן
טוליע איך זיך צו דעם אַצינד: צו אַן איינציק צאַרטער שעה.

פֿון ליבע האָב איך זעלטן, זעלטן ווען געזונגען.
צי זינג איך איצט?—
דו ווייסט. איך דאַרף קיין ענטפֿער דיר נישט געבן.
כ׳זאָג בלויז איינס:
ס׳פֿיבערט העל מיט דיר מײַן הײַנט.
און גוט איז מיר און ביטער-ויס
אַ פֿיבערדיקער שפּאַנען דורכן לעבן.

פֿון יענעם טאָל

בלאָער הימל,
פֿייגל-שמעטער,
ענדלאָז-כוואַליענדיקע גאָלדיקייט פֿון ווייץ,
דער קייזער-שטראָז דער גראָער
איבער גרינע היגלען קלעטערט,
אומעטיקע שניטער-לידער
נאָגן מיט אַ שווערן, מיט אַ באַנגן רייץ.

אַ קאָסע בליצט
אין בלאָ-געטופּטער קאָניעשינע;
אַ ברוינע פּויערטע;
אַ פּליזשיק;
אַ פֿאַרדייוועטע פֿערד.
אַ רײַטער יאָגט;
אין ווינט—אַ שטרויענע טשופּרינע;
אַ בענקשאַפֿט שלאָגט, אַ צײַטיקע,
פֿון זאַנגען,
פֿון דער דופֿטנדיקער ערד.

אין פֿלאַכן טאָל—
דאָס שטעטל, האָראָדענקע.
די בידנעקייט
מיט גאָלד פֿון זומער-זון באַשפּריצט.
דאָס טײַכל—די טשערוואָנע—
ביים בית-עולם,
די בלאָע סקאַלעס בלויז געדענקען—
אין מצבות אין צעקרומטע,
וויפֿל בלוט און וויפֿל טרערן
ס׳זײַנען איינגעקריצט...

אויף סטרילשטשער וועג — די קאַפּליצע די קליינע;
דער סאָביק־טײַך, דאָס וועלדעלע בײַם ראַנד;
דער קאָשטשאָל־שפּיץ;
דער דאַך פֿון דער געמיינדע —
כאָטש נעם דאָס גאַנצע
און פֿאַרדעק עס
מיט אַ דלאָניע פֿון דער האַנט...
און העט — ביים שטעטל צוקאָפּנס —
צווישן סעדער,
ווי אַ פֿעסטונג,
דראָענדיק און שוואַרץ —
דאָרט, ווו ס׳גייען אום דערשראָקענע, מיט היט אין הענט,
די כלאָפּעס —
דאָרטן שטייט דער אַלטער, ליובאָמירסקישער פּאַלאַץ.

און טיף,
אין דעם געפֿלעכט פֿון געסלעך —
די גרויסע שול, דאָס בית־מדרש און די קלויז;
דאָס שטעטעלע —
וואָס פֿון דער נאָענט
איז עס אַזוי איינגעהויקערט־העסלעך —
און פֿון דער ווײַטנס
זעט עס אויס אַזוי נעט־געווירעט,
זעט עס אַזוי שיין־אידיליש אויס.

אין אָט־דעם פֿלאַכן טאָל
האָב איך מײַן ערשטן חלום אויסגעשפּונען;
ביי דער קאַפּליצע,
צום ערשטן מאָל
באַרירט אַ יונגפֿרויס ליפּ,
אין יענעם טאָל —

אַן עבאָ אין דער אייביקייט אַנטרונען—
איז מײַן מאַמען נאָכגעגאַנגען צום בית-עולם
מיין פֿאַרשטיקטער, קינדערישער כליפּ...

געווען איז דאָס אין אָסיען-אָוונטן אין לאַנגע,
ווען איבער שטעטל—ווי אַ טיפֿע ים-נאַכט—
איז די פֿינצטערניש געלעגן—
דעמאָלט האָט מיין פּחד
אויסגעטרוימט אַ וויזיע
פֿון לאַמטערנעס טויזנטער צעהאַנגען—
פֿון אַ ליכטיקייט,
וואָס זאָל זיך שפּיגלען
אין דער בלאָטע פֿון די אָסיענדיקע וועגן.

אין יענעם טאָל—אין האָראָדענקע—
האָב איך צום ערשטן מאָל
געגאַרט
דעם סוד פֿון האָריזאָנט—
און אויב אַ קינד קאָן האָבן אַ ציל פֿאַר בענקען,
האָב איך געבענקט ביז קאָלאָמיי אַזש—
און ווייטער
האָב איך בענקען נישט געקאָנט...

אין יענעם טאָל
האָב איך צום ערשטן מאָל די פֿרייד באַנומען;
צום ערשטן מאָל
באַנומען האָב איך דאָרט דעם גרויל.
די פֿרייד—
ווען ס'איז מיין טאַטע—אַזאַ שטאַלטנער—
פֿון אַמעריקע געקומען!

די שרעק — מיט איין יאָר שפּעטער —
ווען ס׳האָט אַ קאָזאַק
אָנגעשטעלט אויף טאַטנס שטערן אַ פּיסטויל...

ס׳האָט דער קאָזאַק דאַן מיין טאַטן נישט געשאָסן —
נאָר מיטן גרויל
האָט אויך דער ערשטער האַס
געטאָן אין האַרץ ביי מ׳ר אַ שפּרונג.
דערנאָך, ווען ס׳איז אין יענעם טאָל
דאָס בלוט אין טייַכן שוין געפּלאָסן —
האָב איך אויפגעהערט אַ קינד צו זיין —
האָב איך אויפגעהערט צו טראַכטן יונג...

און קאָלאָמיי
האָט אויפגעהערט צו זיין דאָס ווייטסטע..
און די גרויסע שול איז אויך געוואָרן קליי
צו די האָריזאָנטן —
צו די וועגן, צו די שטויביקע, געקרייצטע-
האָט דער טויט אַ זעץ געטאָן אין שויבן
און מיט בלוט אין אויג באַפוילן:
גיין!

און ווען דער טאָג פון צוריקקער איז געקומען
און די נאַקעטקייט פון קוימענס
האָט אַ שוואַרץ געטאָן אין אויג — —
איז די בענקשאַפט שוין געווען פאַרטרוקנט אויפן גומען
און דאָס האַרץ דאָס יינגלשע
איז געווען שוין האַרבער רויג...

איז ווײַט — — ווי קאָלאָמיי אַמאָל — —
מיר איצט מײַן האָראָדענקע
און דאָס, וואָס איז פֿאַרבליבן נאָך,
איז שאָטנדיק און בלאַס.
נאָר פֿאַרנעפּלט ווי עס איז,
וועל איך עס שוין געדענקען — —
די באַנגיקייט פֿון ווײַטע פֿעלדער,
מיין ערשטע פֿרייד,
די קאַפּליצע,
דעם ערשטן אויפֿציטער פֿון האַס...

טראַכט איך איצט
פֿון יענעם טאָל דעם פֿלאַכן — —
ווײַטע, שווערע, פֿרעמדע טעג.
נאָר וועלן וואָלט איך נאָך אַמאָל
מיט אַ שטילן גרוס
מײַן טאַטנס טיר פֿאַרמאַכן...
און אפֿשר
צו דער קאַפּליצע אַ וואַנדער טאָן
אויף סטרילטשער וועג...

וועלן וואָלט איך נאָך אַמאָל
אַריינזאַפּן אין זיך
די ביטערקייט פֿון יענע נויטן,
די אָרעמקייט
צופֿוסנס פֿון דעם פֿירשטלעכן פּאַלאַץ,
דאָס לעבן דאָרט, דאָס יידישע,
פֿון דעקאָגראַם און לויטן —
דעם לעבן דאָרט
מיט הייסן אויג
פֿאַרקוקן דעם אין האַרץ.

אַ נאַכט אַזאַ

געווידמעט מיין פֿאָטער

איך געדענק אַ נאַכט אַזאַ,
אַ ווינטער־נאַכט מיט פֿראָסט און שניי,
מיט קאַנאָנען־בליץ, פֿאָדקאָווע־קלאַפּ
און ווייט־פֿאַרשטיקטן פּחד־געשריי.

ס׳האָט טויט אין אָט־דער נאַכט געשפּרייזט
איבער פֿעלדער, מיט בלוטיק־צעשטשערבעטער קאָסע.
פֿון לײַבער וואַרעמע, וואָס ער האָט געשניטן,
האָט געקאַפּעט אַ רויטע, אַ וואַרעמע ראָסע.

אין שטוב ביי אונדז אַ דערשראָקענער קאַנעץ
האָט אין אַ ווינקל פֿאַרציטערט געברענט.
און מיט פֿאַנטאַסטישע שאָטן־געשפּענסטער
באַלעבט די פּוסטע, צעשפּרונגענע ווענט.

די מאַמע איז אַ בלײַכע בײַם טישל געזעסן
מיט בלאָ־ווײַסן שטערן, די אויגן פֿאַרמאַכט;
ביים קראַנקן־בעט פֿון מיין עלטערן ברודער
איז געשטאַנען דער טאַטע און פֿאַראומערט געטראַכט.

און מיר, די קינדער, ביי הרובע פֿאַרקילטער,
האָבן אַרויסגעהאָרכט צו דעם אומרו פֿון נאַכט.
ס׳האָט געדרייט זיך דער ברודער אין בעט און געוואָרפֿן
און מאָדנע פֿון פֿיבער גערעדט און געלאַכט.

ס'האָבן הינט און שראַפּנעלן איבערן דערפּל געוואָיעט
און בהמה-גערעוו האָט זיך געריסן פֿון שטאַלן;
ביי יעדן ברום פֿון קאַנאָן האָבן שויבן געציטערט,
זייַנען שיעור נישט די ווענט איבער קעפּ איינגעפֿאַלן.

ביי יעדן ברום פֿון קאַנאָן האָבן זיך אויגן צעפּראַלט
און בלוט איז פֿאַרגליווערט געוואָרן.— —
— — — — — — — — — — — — — — —
און טויט אויפֿן פֿעלד האָט געשטשירעט די ציין
און פֿריילעך געשניטן זיין קאָרן.

כ'שטיי פֿאַר דיר

כ'שטיי פֿאַר דיר דעם קאָפּ געבויגן,
מיט אַ פֿײַנלעך-שווערן, מיט אַ שולדיקן געמיט.
דער האַלדז — ווי מיט אַ שטריק פֿאַרצויגן,
עפּעס בריען אַזוי פּריסיק-הייס די אויגן...
און איך ווייס נישט — זאָל איך רעדן,
צי אַ שווײַגנדיקער ווענדן מײַנע טריט...

זײַט ביי זײַט אַזוי פֿיל יאָרן דורכגעמאָסטן.
געוועזן טעג פֿון ווילדער, פֿרילינגדיקער פֿרייד.
ס'ליגן נאָך אויף אונדזער לעבן נישט קיין ראָסטן,
נאָר וואָס עס קאָן אַן אָפּשייד-רגע קאָסטן —
דאָס פֿילן מיר, דאָס ווייסן מיר...
דאָס קען מען נישט דערזאָגן מיט קיין רייד.

מענטשן זאָגן, אַז איך פֿלאַטער דורכן לעבן —
אַ פֿאַרביקער, אַ ווינטיקער; איך רו נישט — נאָר איך יאָג.
אמת איז: איך ציל נישט גלייך — איך טרעף נאָך אָפּט דערנעבן —
כ'ווייס אָבער: כ'קאָן, כ'וועל נאָך עפּעס געבן,
כאָטש שווער איז מיר מיט ווירעס מעסטן,
כאָטש ערגעצוו דערדינט מיר נישט מײַן וואָג.

איך פֿלאַטער, יאָ, נאָר נישט מיט גרינגע פֿליגל.
מײַן אומרו איז זיגזאַגיש, שטעכנדיק און האַרב.
מײַן טיר איז אַ סאָלידע. לויז איז נאָר דער ריגל,
און מײַן גרונטשטיין — נישט געלייגט פֿון ציגל...
דערפֿאַר בין איך אין לעבן דײַנעם
דער איינציק קרומער שטריך, דער איינציק טיפֿער גאַרב.

ווײַפּל מאָל האָב איך געמיינט שוין — כ׳בין פֿון זיך אַנטלאָפֿן.
נישט געמיינט אַפֿילו — בלויז געוואָלט...
און ווו איך בין אַוועק — האָב איך זיך דאָרט געטראָפֿן;
איז דאָס לעבן מײַנס פֿאַר מיר און פֿאַר דער וועלט געבליבן אָפֿן
און פֿאַרן ווירבל, פֿאַר דער ווינטיקייט פֿון מײַנע יאָרן —
כ׳האָב ביז איצטער שוין אַ סך, אַ סך פֿאַר זיי באַצאָלט.

ווײַל שווער און שלעכט און ביטער איז מיר וויסן:
כ׳בין דאָס וווּנדפֿלייש פֿון אַ נאָענט, אַזאַ נאָענט האַרץ!
ס׳שנײַדט זיך איין ווי מעסערס אין געוויסן;
מען ווערט דערפֿון אַליין אַזוי צעריסן —
און מען בלאָנדזשעט אום אַ הילפֿלאָזער אין לאַבירינטן
פֿון מחשבות שאָטנדיקע, פֿון אַ נס — פֿון עפּעס אומדערוואַרטס.

שטיי איך פֿאַר דיר איצט דעם קאָפּ געבויגן,
און ס׳פּרעסט אַ שולד־געפֿיל — עפּעס מאָנט אַזוי און עפּעס נאָגט.
איך ווייס — דו קוקסט אויף מיר נישט מיט קיין שנאה־אויגן —
באָטש ס׳דאַכט זיך מיר: כ׳זע די ברעמען דײַנע קאָלט־פֿאַרצויגן,
פֿיל איך אָבער: מיר וועלן זיך נאָך חבריש באַגעגענען
און מיט שטילע ווערטער זיך דערזאָגן, וואָס מיר האָבן זיך ביז איצטער
נישט דערזאָגט.

דער וועג אַרויף

יאָרן, חדשים
און טעג— —
ס'אַ שווערער
אַ שווערער דער וועג.

יעדער טאָג איז אַ באַרג,
יעדע רגע אַ שטיין— —
נישט יעדער איז שטאַרק,
נישט יעדער קאָן גיין.

איינער ווערט מיד,
א צווייטן פֿעלט מוט,
נאָר דער, וואָס אים בריט,
דער גייט שוין ביז בלוט.

יעדעס יאָר איז אַ גאָרן
און טרעפּ אַלע טעג— —
גייט אַ רגע פֿאַרלאָרן,
יאָגט מען אָן זי אין וועג.

דער באַרג-גייער ווייס:
ס'איז ווײַט ביז צום שפּיץ—
ס'קאָן נעפּל און ווינט,
ס'קאָן טייטן אַ בליץ.

איז נעמט ער נישט קריכן
אויף צופֿעליק גליק— —
ער באַנאָגלט די שיך,
פּרוּווט האַקנס און שטריק.

און קלעטערט ער שוין,
איז מיט פֿריידיקן גלי — —
ער ווייס אַז זײַן לוין
וועט קרוינען די מי.

דער אויפֿשטײַג פֿון זון
פֿון נאַכטיקער נעסט
איז ווערט די סכנה,
איז ווערט דעם פֿאַרמעסט.

נאָכקלאַנג

ס׳איז נאָך ניט אַנטשוויגן און נאָך ניט אַנטדרימלט
דער אומרו פֿון פֿרילינג,
פֿון יינגלשן טראַנס.
עס פֿיבערט אין בלוט נאָך דאָס פֿרעמד-אומבאַשטימטע,
עס נאָגט נאָך אַ בענקשאַפֿט אַ קרענקלעך-צעקרימטע
און ס׳ציט נאָך—
עס ציט
צו ראָמאַנס.

ווו בין איך געוואָרן, ווו בין איך געוואָקסן,
ווו האָט זיך רעבעליש
צעברויזט מיין געמיט?
ביי ריח פֿון רויכוואַרג, אויף שטאָטישע סקווערן,
אָן לאַנדישע טויען, אָן שימער פֿון שטערן
האָט זיך צעבונדן,
האָט זיך צעפֿיבערט
מיין ליד.

נאָר ערגעץ אַמאָל— אין פֿאַרגאַנגענהייט ווייטער—
אַ פֿרילינגדיק ווינטל
האָט אַ סטרונע צערירט...
און כ׳קאָן ניט פֿאַרגעסן, און שווער איז דערשטיקן
אין בריאַזג פֿון מאָטאָרן, אין זשום פֿון פֿאַבריקן—
דער נאָכקלאַנג, דער צאַרטער
וויברירט...

איז אַ זיסע די בענקשאַפֿט — נאָר ביטער דאָס בענקען
מיט אומזין פֿון יינגל
און רייפֿקייט פֿון מאַן.
איך וואַרג מייַן ירושה אין פֿויסטן פֿאַרקלעמטע,
איך קוק אויף מיין אומרו מיט אויגן פֿאַרשעמטע
און שלאָג זיך —
און רייַס דעם בוריאַן.

אין אַ ווינטער-פֿאַרנאַכט

אין דרויסן יאָגט אַ האַרבער ווינט.
ס׳איז ווינטערדיק און גראָ.
אין שטוב איז קאַלט.
די פֿענצטער זײַנען פֿראָסט-פֿאַרהויכט.
איך טראַכט:
וואָס טו איך דאָ...

ס׳איז ווײַט מײַן היים — די ריזן-שטאָט.
כ׳טראַכט — און ס׳איז מיר שווער.
איך בענק נאָך נאָענט-הייסן קרייז,
נאָך רויש
פֿוןברייטן סקוועער.

די בענקשאַפֿט נאָגט — איך נעם אַ בוך —
די לידער זײַנען ווײַט.
איך לייען מיט אַ פֿרעמד געפֿיל —
אַ הייסן האַרץ-קלאַפּ כ׳זוך אין זיי,
כ׳זוך אין זיי — מיין צײַט.

די שורות זײַנען מאָדנע-הויל —
די פֿערזן זײַנען גלאַט.
ווי די שויבן — גראָ-פֿאַרהויכט —
די ווערטער קוקן קאַלט אויף מיר,
קוקט קאַלט איעדעס בלאַט.

ליד נאָך ליד — און מיט אַ דראָזש
איך האָב דאָס בוך פֿאַרמאַכט.
אין דרויסן יאָגט דער האַרבער ווינט.
כ׳קוק אַרויס דורך טריבער שויב —
ס׳וועט זיין אַ קאַלטע נאַכט.

דער ריס

1.
זינט יענעם טאָג,
זינט יענער שעה, ווען איך האָב דיך באַגעגנט —
די גוטע שעה;
די שעה, וואָס איז מיר אַזוי אָפּט פֿאַרהאַסט! —
האָט אַ בענקשאַפֿט זיך מיר נאָכגעשלעפּט
אויף אַלע מײַנע וועגן:
אַ ליכטיק-גראָע, אַ שווערע, אַן אומעטיקע לאַסט.

אמת, האָסט ניט איין מאָל מיר מיט גאָלד באַהויכט די שעהען.
נאָר וויפֿל טעג האָט מיך דער פֿראָסט געטראָפֿן פֿון דיין גליק!
דו האָסט געגעבן, יאָ, —
און קריק אַרויסגעריסן דאָס געגעבענע מיט זשעדנע קלאָען
און מיט סם מיט ביטערן דאָס גאָלד באַשפּרענקלט,
און צעבראָכן האָסטו אַלץ
און מיט רייד מיט גאַליקע צעריסן און צעפּליקט.

אָ, איך ווייס:
דיר דאַכט זיך: ס׳איז דײַן גורל ניט קיין גרינגער.
איך ווייס:
דו האָסט דעם זעלבסטפּײַן ליב כמעט ווי זיך אַליין.
דו וויינסט אויף יעדן מינדסטן שניט,
אויף יעדן קלעם אין פֿינגער,
און טײַטשסט אַרײַן אַזוי פֿיל אומעט,
אַזוי פֿיל טיפֿקייט
אין דײַן אײַנזאַמען, דײַן טרוקענעם געוויין.

דערפֿאַר האָסטו דאָס רעכט פֿאַר זיך גענומען
מיט עסיקדיקן גיפֿט
פֿאַרדעקן זי, די קאַרגע זיסקייט פֿון דיין געבן, פֿון דײַן דנאָ.
דו ביסט מיט זיך און זיך אַזוי פֿאַרנומען!
נאָר איך האָב דיך באַגעגנט
אין דײַן בעסטער,
אין דײַן אויפֿגעשטראַלטסטער,
אין דער גוטער—דער פֿאַרהאַסטער שעה!

און ענג און ענגער
איז מײַן קנופּ צו דיר געוואָרן—
ווי אַ שווערער כישוף-האַמער וואָלט אַרײַנגעהאַמערט
אין מײַן האַרץ אַ ניט.
דײַן סם האָט אויפֿגעפֿרעסן,
האָט צעגריזשעט מײַנע יאָרן—
נאָר פֿון דיין צוויייִקייט די קאַרגע זיסקייט
האָט ווי מיט קייטן מיך צו דיר פֿאַרשמידט.

איז אַ בלוטיקער
דער ריס איצט אין מײַן לעבן.
נאָר קומען, קומען האָט דער ריס געמוזט.
אַ מענטש איז אויסגעוועבט
פֿון טויזנטער געוועבן—
אַ זעענדיקער בין איך בלינד געווען,
און דאָס, וואָס איך האָב וויסן ניט געוואָלט,
ווייס איך, אַז שטענדיק האָב איך עס געוווּסט.

וועל איך די שעה, די לויטערע,
די שעה וועל איך געדענקען.
נאָר אויסטאָן פֿון זיך וועל איך מוזן
די בענקשאַפֿט—די שווערע, די אומעטיקע לאַסט

אין דײַן אײגן גיפֿט
װעל איך דײַן צװײיקע געשטאַלט דערטרינקען.
בלײַבן זאָל דאָס העלע בלױז—
און גאָרניט, גאָרניט, װאָס איז מיר אַצינדערט נאָך פֿאַרהאַסט.

נו, גוט, איך װײס: איך האָב פֿאַרלאָרן;
איך האָב געבלאָנדזשעט אױף אַ פֿרעמדער ערד.
כ׳האָב באַצאָלט מיט האַרבע יאָרן.
כ׳װעל ניט זאָגן: ס׳איז באַשערט...

אַ מיראַזש האָט מיך געצױגן,—
אַ מיראַזש און גאָרניט מער.—
נאָר פֿאַרמאַכט האָב איך די אױגן
און זיך קריק ניט אומגעקערט.

געלאָזן הינטער זיך אױף װעגן
אַלץ, װאָס איז געװעזן איך—
אפֿשר ניט קײן גרױס פֿאַרמעגן,
אַ בינטל, אפֿשר, אײַנגעבונדן אין אַ הײמיש-אַלטער ציך;

נאָר ס׳איז מײַנס געװען דאָס בינטל,
מײַנס דאָרט יעדעס אַלטע העמד—
אַװעקגעװאָרפֿן און פֿאַרפֿאַלן!
כ׳בין זיך אַלײן געװאָרן פֿרעמד.

ס׳האָט אַ קאַלטע זון געבלענדט מיך,
ס׳האָט אַן אױג אַ קאַלטס געבלענדט.
כ׳בין געגאַנגען װי אַ שיכּור
מיט פֿאָרױסגעשטרעקטע הענט;

מיט אַ בענקשאַפֿט אַזאַ ווילדער,
מיט אַ שׂרפֿה אינעם בלוט;
ס׳האָט אַ יעדער קלאַפּ פֿון פּולסן
מיך געטריבן, ווי אַ קנוט.

כ׳האָב געהעשעט, אַ פֿאַרשמאַכטער,
כ׳האָב פֿון פֿיבער הייס געגרעדט;
כ׳האָב געֿרעוועט און געשאָלטן—
און געלאָפֿן אין געוועט

איבער הרודע-האַרטע יאָרן,
איבער דערנער-שאַרפֿע טעג—
ביז איך בין אוועקגעפֿאַלן
אויף דעם פֿרעמדן, קאַלטן וועג.

דער אַרום געווען איז פֿינצטער—
פֿינצטערער די נאַכט אין זיך!—
עפּעס גראַבלט אינעם האַרצן
ס׳איז דער טויט! דאָס רופֿט ער מיך!

מיד בין איך און איך וויל רוען...
אויסגעלאָשן...אומבאַשיצט...
כ׳וועל אים לאָזן... זאָל ער נעמען...
ניין, איך וויל ניט... ניין, ניט איצט...

און איך עפֿן אויף די אויגן:
ס׳איז אַ וועלט נאָך אַלץ פֿאַראַן!
יאַ, איך מוז נאָך און איך קאָן נאָך
און אין וויל נאָך גיין אין שפּאַן.

מיט דעם גאַנצן הייסן לעבן
און זיין שווערן נויט-באַגאַזש;
כ׳וויל דאָס פּיבער מײַנס פֿאַרלעשן,
כ׳וויל פֿאַרמעקן דעם מיראַזש;

כ׳וויל אַליין זיך קריק געפֿינען
דאָרט, וווּ ס׳איז מײַן היים, מײַן ערד...
כ׳וועל זיך דאָרט אויפֿסניי פֿאַרפֿלאַנצן—
ווײַל אַזוי איז מיר באַשערט.

הײמלאָזע קינדער

אַלט-קלוגע אויגן,
פֿאַרוואָרלאָזטע קעפּ,
צעוואָרפֿן, פֿאַרפּלאָנטערט
אין גאַסן-געוועב.

הײמלאָזע קינדער,
צעזײטע אויף סקווערן,
ברוק-געוויקסן,
פֿון פֿאַרשאָלטענע מאַמעס
באַגאָסן מיט טרערן.

הײמלאָזע קינדער,
אונטער פּלויטן פֿאַרלוירן,
אונטער שטיגן צעדרײטע,
גײען אויף
אויף טרוקענע
אַספֿאַלטישע בײטן;
וואַקסן זײ קרומע,
וואַקסן זײ שיפֿע,
דערווײלע נאָך שטומע
אויף גאַסן צעגליטע;
וואַקסן — און בלײַבן
אויף אײביק
צעבריטע.

הײמלאָזע קינדער
מיט פֿאַרשװיגענע װוּנטשן,
קײנמאָל געשטילטע;
טונקעלער צװזאָג
אויף תּפֿיסות פֿאַרפֿולטע!
און אפֿשר אַ צװזאָג
אויף ליכטיקע צײַטן
גײט אויף
מיט זײ
אויף אַספֿאַלטישע בײטן.

האַרבסט

ס'איז האַרבסט פֿאַר מיר
נישט בלויז אַ שפּיל
פֿון גליענדיקע פֿאַרבן,
נישט בלויז פּראָלאָג פֿון גיגאַנטישן שטאַרבן.
האַרבסט פֿאַר מיר—
איז אָנזאָג אויף נאַסע, ברודיקע טעג;
טעג אָן אַרבעט,
טעג פֿון שטיין אויף זעקסטע עוועניו-ראָגן
און זיך שלאָגן מיט אומעט
פֿון פֿאַרלוירענע שעהען

מיינט האַרבסט פֿאַר מיר:
ס'שטייט האַרט ביי דער טיר
אַ לאַנגער ווינטער,
מיט צווינטער-שטילקייט אין וואַרשטאַטן:
מיינט— זמן פֿון וואַרטן.
וואַרטן מיט צעצונדענע בליקן,
מיט קליידער פֿון רעגן צעווייקטע,
ביי פֿאַרשלאָסענע פֿאַבריקן.

איז האַרבסט פֿאַר מיר
נישט שפּיל בלויז
פֿון רויט-גאָלדענע קאָלירן.
האַרבסט פֿאַר מיר
איז קלאַפּ
אין טויט פֿאַרהאַסטע טירן!
איז נאָכגיין,
אַ דערשלאָגענער און מידער,
אין די טריט
פֿון אַרבעטסלאָזע ברידער!

האַרבסט—
פֿאַר מיר
איז אָנזאָג אויף נאַסע, ברודיקע טעג,
טעג אָן ארבעט,
טעג פֿון שטיין אויף ז'עקסטע עוועניו-ראָגן
און זיך שלאָגן מיט אומעט
פֿון פֿאַרלאָרענע שעהען.

ביי דער מאַשין

באַלד הורקענדיק,
באַלד גלאַטיק-דין,
גראַגערט, זשומעט די מאַשין.
הין און קריק די נאָדל שנעל—
שוואַרצע פֿאָדעם העפֿט די פֿעל.
הענט פֿאַרהאָריקט, רעדל בלאַנק—
ווען אַרט דאָ פּעלץ-געשטאַנק...
ווען אַרט דאָ שווייס און ברוד—
האָסטו אַרבעט—
איז דיר גוט.

נישט דו טראַכסט
און נישט דו רעדסט—
נאָר געשאָסן, נאָר געזועצט!
נאָך אַ צינגל, נאָך אַ פּעל...
„נאָך נישט פֿאַרטיק—וואַטאַהעל!!"

טיף אין בלוט—אַ ריס, אַ ברי;
טוען הענט זיך אַ צעפּלי;
טוט זיך מאָטאָר אַ צעברום
און די ליפּן—שטום.
נאָר געשאָסן, נאָר געזועצט—
נישט דו ענטפֿערסט,
נישט דו רעדסט.
נאָך א נאָט
און נאָך אַ צאַק
און די נאָדל פּלוצים—קנאַק!

מיט די ציין — אַ קריץ, אַ שטשיר,
געכאַפּט אין האַנט דעם שרויפֿנציער,
שנעל דאָם שרייפֿל אויפֿגעדרייט —
טראַכסט — ס׳איז עפּעס נישט געניית...
כאַפּסט אויף זייגער שנעל אַ קוק:
נישט געמאַכט אים היינט גענוג.
״מיסטער הוירש! — אַ נאָדל, פּליז!״
און דערווייל — אַ שטרעק די פּיס
געכאַפּט אַ בליק צום ״קאַטער״-טיש
און מיט האַנט דעם שווייס אַ וויש.
״האַקסט די נידלס — טאָסטע, נו״ —
ברענגט דער באָס אַ נאָדל צו —
״היינט די פּערטע״ — שרייט ער בייז —
״ס׳ט האָבן, באָי, אַ גוטע קייס!״

פֿלינק די נאָדל איינגעשרויפּט —
ברומט דער מאָטאָר שוין און לויפּט.
הין און קריק די נאָדל שנעל —
שוואַרצע פֿאָדעם העפּט די פֿעל.
הענט פֿאַרהאָריקט, רעדל בלאַנק —
ווען אַרט דאָ פעלץ-געשטאַנק,
ווען אַרט דאָ ברוד און היץ —
בלויז מאַשין, בלויז רעדל-קריץ,
בלויז די פֿעל און בלויז די נעט —
בלויז נישט זיין אַ רגע שפּעט.
— וויפּיל מאַנטלען? —
— פֿרעג נישט, שיס! —
ביז עס טוט אין האַרץ אַ ריס,
ביז עס טוט אַ פּלאַץ דער ״סטראַפּ״ —
די געדולד — פֿון מענטש אין שאַפּ —
און די נויט — דער שטאַרקסטער באָס —
טוט פֿון מויל אַ ריס דעם שלאָס:

בלייבן די מאַשינען שטיל,
ס׳ליגן פּעל אויף טיש און דיל,
ס׳שפּאַנט דער באָס אַרום אין כעס
און ער האָרכט אַראָפּ אין גאַס.
ער איז בלייך, דער באָס, ער שווייגט.
— מיסטער הוירש, וואָסי?!
— מען סטרייקט...

דאָס לעבן — — יאָ!

ניין,
ס'איז מײַן האַרץ ניט קיין זאָרגלאָזער פֿויגל,
וואָס פֿלאַטערט און יובלט מיט לידער
אין קלאָר-בלויע לופֿטיקע ווײַטן.
נאָר כ'בין אויך ניט פֿון יענע,
וואָס זאָגן,
אַז די וועלט
וועט שוין קיין מאָל ניט טויגן,
אַז דער מערדער — דער קין אין מענטשן — —
קאָן ניט
און וועט זיך ניט בײַטן.

כ'וועל קיין מאָל ניט זאָגן ווי זיי — —
פֿון תכריכים די אייביקע וועבער — —
אַז פֿון לעבן דער לעצטער סך-הכל
איז טרויער, איז אָפּגאַנג, איז שטאַרבן.
זיי זענען צו שוואַרץ פֿאַר מײַן האַרץ,
זיי זענען פֿון פֿרייד
די באַגראָבער,
זיי זעען די פֿינצטערסטע סטעזשקעס,
זיי זעען די טונקלסטע פֿאַרבן.

יאָ, איך קען אויך דעם טרויער —
ער איז קיין מאָל געוועזן מיר פֿרעמד — —
ער איז אין זון-ליכט אין העלן פֿון לעבן
דער אומפֿאַרמיידלעכער, שטענדיקער שאָטן,
נאָר ער האַלט מײַן געמיט ניט אין קייטן,
ער האַלט מיך ניט אייביק פֿאַרקלעמט,
און ער האָט מיט זײַן שטיוול דאָס האַרץ מײַנס
אויף בית-עלמין-שטויב ניט צעטראָטן.

ווייל וואָס קאָן זײַן פֿון אומקום—
פֿון גאָרניט— פֿוסטער נאָך און האַרבער?
און וואָס קאָן זײַן נאָך טויטער,
ווי דעם פֿונק פֿון לעבן טייטן אין זיך אַליין?
און וואָס, וואָס קאָן זיין נאָך בעסער
פֿאַר די צעשטערער, פֿאַר די וועלט-פֿאַרדאַרבער,
ווי די האָפֿענונגלאָזיקייט, דער גליווער פֿון גלײַכגילטיקייט
פֿון יענע, וואָס זאָגן צו דעם לעבן— ניין!

פֿלאַטער איך ניט יובלדיק
אין די לופֿטיקע, די בלאָע ווײַטן.
מיין האַרץ איז צו דער האַרטער ערד,
צו דעם אומעט און דער פֿרייד פֿון מענטש פֿאַרשמידט.
און דער מענטש איז ניט קיין קין!
עס באַנײַט זיך די וועלט און וועט אין גאַנצן זיך בײַטן!
און ניט דער טויט וועט אויסלייזן פֿון טרויער,
און ניט דער קאַלטער רידל-שאָרך פֿון דעם באַגרעבערישן ליד.

שפּאַניש וויגליד

שלאָף מײַן קינד, מײַן זון, מײַן שיינער,
ס׳פֿאַלט די נאַכט שוין צו.
ס׳שלאָפֿט דײַן טאַטע אויך שוין, קינד מײַנס—
אייביק איז זײַן רו.

ער, דײַן טאַטע, איז געפֿאַלן
קעגן נאַכט—מײַן קינד;
דאָרט, וווּ ס׳איז זײַן בלוט געפֿלאָסן,
האָט געוויינט דערווינט.

דאָרט, וווּ ס׳איז זײַן בלוט געפֿלאָסן,
פּאַשען נישט קיין שאָף—
אויף דעם פֿעלד דאָרט ראָבן שרײַען—
שלאָף-זשע, קינד מײַנס, שלאָף.

ס׳איז דאָס ליכט אין שטוב פֿאַרלאָשן—
ברענט דײַן מאַמעס בליק—
שלאָף, זי וועט אַ ליד דיר זינגען,
וואַכן בײַ דײַן וויג.

שווער און פֿינצטער איז דער הימל—
נאָר דײַן מאַמע וואַכט:
בייזע פֿייגל, קינד מײַנס, רוישן
איבער אונדזער דאַך.

בייזע, ווילדע פֿייגל, קינד מײַנס,
מיט אַ וויסט געשריי—
און זיי וואַרפֿן פֿלאַם אויף שטיבער:
ס׳פֿליט דער טויט אין זיי.

יענע בייזע פֿייגל שלאָגן,
היטן אונדז פֿון שרעק,
מיט פֿיל טויזנט טאַטעס, קינד מייַנס,
דייַן טאַטע ז׳איך אַוועק.

שלאָפֿט ער איצט שוין אויבעט, קינד מייַנס —
אייביק איז זיין רו —
מאָנען חשבון, זון מיין שיינער,
פֿאַר זיין בלוט וועסטו!

אַן אַרבעטלאָזער

שלאָפּלאָזע
ציען זיך לאַנגע ווינטער-נעכט.
פֿון וואַנען אַזאַ אומרו אין געהירן?
נערוון צוקן אין צעשפּיזלטן געפּעכט:
צעפּאָלאָשעטע געדאַנקען
קרייצן זיך און גאַלאָפּירן.

פֿאַר מיין פֿענצטער קנאַקט די קעלט.
פֿראָסט קלעפּט האַרט אויף מיין געלעגער.
דורך אַ וואָלקן-ריס אַ העלער שטערן קוועלט.
מיט אומעט-קלאַנג מיט הווילן
פֿאַלן שעהען נאַכטיקע פֿון טורעם-זייגער.

כ׳הער: פֿון שטאָט דאָס הייזעריקע כריפּען;
די הויכבאַן רוישט איבער גאַס פֿון ״וואַגאַבונדן״;
דורך דינער וואַנט — אַן איינגעהאַלטן כליפּען,
און ס׳שלייכט די נאַכט אויף דריבנע טריט
פֿון קאַלטע גרויזאַמע סעקונדן.

אויפֿשטיין וועל איך מאָרגן שפּעט.
כ׳ווייס — איך האָב זיך נישט צו וואָס צו איילן...
איינגעקנוילט אין שמאָלקייט פֿון מיין בעט —
קעגן זיך אַליין
וועל איך די אַרבעט-אָפּגעוווינטע פֿויסטן ביילן.
מיטאָג-צייט וועל איך זיך פֿאַרפּלאַנצן ביים ווינט-געבייטשטן ראָג
און ״פֿאַרברענגען״ דאָרט מיט מיינע גוטע ברידער —
אפֿשר וועט דאָס זיין מיין גוטער טאָג...
און טאָמער נישט — איז מאָרגן...מאָרגן...
ס׳איז אַ ראָג, וואָס שטענדיק קומט מען צו אים ווידער...

ביינאַכט, אין שטומער פּיין,
צעבייס איך ווידער מיינע ליפּן
און הער: ס'פּאַלן פּונעם טורעם-זייגער
שעהען... הוילע קלאַנגען.
דורך דינער וואַנט — אַן איינגעהאַלטן כליפּען,
און איך — אַ טייך אַן אויפגעשוואָלענער ביז איבערגיין —
האַלט דעם אויסברוך אין מיין פּויסט געפּאַנגען.

אין איינזאַמע רגעס

כ׳האָב פֿיינט מיין האַרץ אין זיך—
דאָס ווילדע-ייִנגל—
כ׳האָב פֿיינט אין זיך דאָס ברויזיקע געמיט.
ווי טיף איך בענק צו מאָל
נאָך יענער שטילער גבורה—
דער פֿאַרזוניקייט פֿון טאָלן,
מיט בערג אַרומגערינגלטע, מיט אייביקן גראַניט...

איך קען זי נישט, די רו פֿון יענע גרונטן—
קאָן זיין, אַז כ׳האָב זי קיין מאָל נישט געזוכט.
מען זאָגט:
די ערד איז דאָרטן פֿעט און זאַפֿטיק,
און לאָזט אַ רעגן זיך פֿון בערג אַרונטער—
ווערט די רויקייט נאָך העלער,
ציטיקט זיך נאָך גאָלדענער די פֿרוכט...

איז גוט זיי אפֿשר, יענע מענטשן,
מיט הערצער איינגעשמידטע אין אַ פֿעלדזן-ראַם.
נאָר איך האָב נאָך פֿון יענע קאַלטע בעכערס נישט געטרונקען:
פֿון מיין געמיט
עס צינגלט נאָך,
עס רייסט זיך נאָך דער אומגעצוימטער פֿלאַם.

טרעפֿט—מען שיילט זיך אויס אַ מאָל
פֿון אַלע שלייערס,
וואָס עס האָט דער מענטש שוין צוגעווינט
צו טראָגן זיי אויף זיך;
פֿון פּנים פֿאַלט אַ מאַסקע נאָך אַ מאַסקע—
און פֿרעמד און קיל מען טוט אַ פֿרעג:
איך?!

און ס'טוט אין שפעטער נאַכט
אין האַנט דער פּאַפּיראָס אַ ציטער;
דאָס אויג ווערט הייס;
עס טוט די ליפּ אַ צוק...
אַ רגע בלויז מיט איינזאַמקייט—
דעם קאַלטן שפּיגל—
און אַראָפּגעלאָזט די וויעס—
און אויף גלאָז אַ הויך:
— גענוג!

נאָר גוט איז, גוט אַ מאָל
זיך אָפּוואַשן פֿון אַלע גרימען,
און ס'רויִע האַרץ
אַ נעם טאָן אויפֿן שפּיץ פֿון אַ לאַנצעט.
אַ רגע בלויז—
ווי שנעל די יאָרן רינען!—
אַ רגע בלויז—
און באַלד, אָט באַלד וועט ווערן שפּעט...

ס׳איז שווער

אויף שלייפֿן מיַינע זילבערט שוין פֿאַרדעכטיק ווו אַ האָר.
ס׳קלעמט די נויט: ס׳שטויסן, ס׳רופֿן פֿליכטן.
ס׳איז יעדע פֿליכט — אַ פֿליכט, פֿאַרוואַר!
נאָר יעדער טאָג אַ ברוכשטיק איז,
אַ ברוכשטיק פֿון אַן איינס, וואָס לאָזט זיך נישט פֿאַרריכטן...

ווי טייכן בורענדיקע אין דער טיף,
פֿליסן מיינע טעג און וואָכן.
מיט יעדן טאָג — געלייטערטער ווערט מיין באַגריף:
און יעדן טאָג — ווי מאָדנע, ס׳קלינגט —
איך ווער אַלץ מער צעבראָכן.

די שאָפּ דריקט שווער, דריקט האַרט, דריקט קאַלט,
ס׳האַרץ בלויז בלײַבט צעצונדן.
כ׳בין פֿון די וואָס רופֿן: האַלט!
וואָס וואַרפֿן זיך אַריַין אין שלאַכט —
און שלאַכטן לאָזן וווּנדן...

ס׳איז שווער צו גיין מיט ליד און ביקס
און שלעפּן נאָך אַ וואָגן.
ס׳בלייבט דאָס וואָרט אין האַרץ דערשטיקט
און ס׳לאָזט דער אָפּגעהאַקטער קלאַנג
פֿון ליד זיך נישט דעריאָגן.

אַ טאָג פֿון מי — דער אָוונט קומט
מיט בליַי אין קאָפּ, אין גלידער.
טיף אין בלוט — עס מאָנט, עס ברומט...
די מידקייט פֿרעסט די וואַכע נעבט —
און גריזשעט אויף די לידער.

פֿאָריער ביי דער אַרבעט

צערעוועט זיך אין שאַפּ דער זייגער,
נאָך אַן אײַנזאַם אויסגעטיקטער נאַכט;
קלינגט ווי אַ זעג אַ טעמפּע,
טרוקן-כריפּענדיק זיין אַכט!

וואַרפֿט זיך יעדער אויף זיין אַרבעט,
כאַפּט מען מעסער און פּינצעט,
קלאַפּט מען זשאַווערדיקע טשוועקלעך,
שפּאַנט מען פֿעל אויף נאָגל-ברעט.

ווערן מײַנע הענט ביי דער מאַשין
צוויי דעספּאָטן, צוויי באַצווינגער;
דערמאָנען מיך אין גוט-מושטירטע זעלנער
דעמאָלט מײַנע פֿלינקע פֿינגער.

ווערן מײַנע הענט ביי דער מאַשין
צוויי עלעקטרישע פֿליגל;
ווערט מיין רוקן ווי אַ מולטער
און עס ווערט מיין גוף אַ וויגל.

פּרעס איך שווער אויף אייזערנע טרעטערס
ציטערן אונטער פֿאַרטעך מיינע קניִעס;
פֿאַלן צו אויף קורצע רגעס
מיינע אָנגעשטויבטע, מידע וויִעס.

ווערן מיט די שעהען מײַנע אויגן
צוויי טײַכן אָנגעהויכט מיט רויטן נעפּל;
פֿליען הין און הער ווי שיפֿלעך
מײַנע ווילדע אויגן-עפּל.

רײַסט דורך פֿענצטער זיך אַרײַן אַ ווינטל,
פֿליִען פֿון געזימסן האָר, ווי היישעריקן,
לייגן זיי זיך בײַסנדיק אויף פּנים,
גראַבלען זיי אין האַלדז און שטיקן.

זאַפּט אײַן מאַשין אין זיך מײַן יעדן אבר,
בלויז די הענט באַוועגן זיך ווי פֿליגל.
באַפֿאַלן מיך צעבונטעוועטע לידער—
לידער—ווי די הייסע ציגל!

זינג איך מיט פֿאַרמאַכטע ליפּן,
זינג מיט גאָרגל צוגעשפּיליעט:
זײַנען מײַנע לידער רויטע קרעלן
אויף צעגליטע אָדערן געסילעט.

זײַנען מײַנע לידער רויטע קרעלן,
וואָלט איך וועלן זיי אין מיטן שאַפּ צעזייען:
זאָל זיך יעדער מיט זיי צירן,
זאָל זיך יעדער מיט זיי פֿרייען.

וואָלט איך וועלן אויפֿן קול זיך דאָ צעשרייען,
ווי עס שרײַען די עלעקטרישע מאָטאָרן;
ווי זיי וואָלט איך געוואָלט מיט פֿונקען שפּריצן
און אויסרעווען אין שאַפּ מיין הייזעריקן צאָרן.

פֿרילינג אונטער דער בריק

אונטער דער בריק.
אונטער דער בריק.
אונטער דער שטאָטישער,
שטיינערנער בריק—
אויבן די טראַמען—
אַהין און צוריק.
רעדער אויף רעלסן—
קליק, קליק, קליק,
אַהין און צוריק,
אַהין און צוריק.

און אונטער דער בריק,
אונטער דער בריק,
אונטער דער שטאָטישער,
שטיינערנער בריק—
מענטשן
מיט אָדערן—טרוקענע שטריק.
מענטשן
אונטער דער בריק!

יעדן אַן אָפּטייל,
יעדן אַ שטיק
פֿינצטערן חלק
אונטער דער בריק,
אונטער דער בריק!

געלאַטעטע טירן,
אויף לופּטיקע שוועלן,
קוימענס, געשטיקלט פֿון ראָסטיקן בלעך,
זשיפּען מיט בלאַס-בלאָען,

גוססן דעך,
שטעקן די רויכיקע צונגען אַרויס—
אויס—אויס— !
מיר לעשן זיך דאָ אויס,
ווי לעצטער זייגער-טיק—
אונטער דער בריק.
אונטער דער בריק.
אונטער דער שטאָטישער,
שטיינערנער בריק!

אונטער דער בריק!
און אויבן—
די טראַמען
אַהין און צוריק.
אַהין און צוריק.
רעדער אויף רעלסן—
קליק, קליק, קליק.
אַהין און צוריק:
אויטאָס און פֿורן
מיט סחורות געפּאַקט!—
און אונטן:
אַ פֿרילינג-צעפּאַרעטער טראַקט.
און אונטן—
בערגלעך, הורבעס מיסט
האָבן ליכטיקן פֿרילינג
מיט אַוועק באַגריסט:
האָבן פֿאַרהויבן די פּאָלעס
פֿון שניי און פֿון פֿראָסט—
און באַהאַלטענע ריחות
אויף ווינטן צעלאָזט;
אויף וואַרעמע כוואַליעס
עיפּוש צעשיקט—

אונטער דער בריק,
אונטער דער בריק,
אונטער דער שטאָטישער,
שטיינערנער בריק.

אונטער דער בריק!
און ווײַטער—
דעבער און הײַזער
אין שלייערס פֿון רויך;
הימל-קראַצער
אין לופֿטיקער הייך;
קופּאָלן, וואָס בליצן,
ווי גאָלדענער שטויב—
ליכטיקע עדות
פֿון מאָרד און פֿון רויב,
ליכטיקע עדות
פֿון געגנבעטן גליק
ביי די,
וואָס הויזן דאָרט
אונטער דער בריק.
אונטער דער בריק.
אונטער דער שטאָטישער,
שטיינערנער בריק!

ס׳איז פֿרילינג!
ס׳איז פֿרילינג!
ס׳איז זיס און ס׳איז גוט!
אַ בענקשאַפֿט,
אַן אומרו,
אַ ברויזן אין בלוט,
עס וועקט זיך דער מענטש
און עס וועקט זיך די ערד.

קנאָספּן און גראָזן—
עס וואַקסט און עס ווערט!
די זון האָט פֿאַר אַלע
אַ שמייכל, אַ בליק—
נאָר נישט פֿאַר די מענטשן
אונטער דער בריק.
אונטער דער בריק.
אונטער דער שטאָטישער,
שטיינערנער בריק:

יעדן אַן אָפּטייל,
יעדן אַ שטיק
פֿינצטערן חלק
אונטער דער בריק.

אונטער דער בריק!
און אויבן—
מען הערט נישט
פֿון רעדער אויף רעלסן דעם קליק,
עס לויפֿן די טראַמען נישט
הין און צוריק.
נאָר עפּעס דאָרט אויבן—
אַ קראַך נאָך אַ קראַך,
ווי טויזנטער האַמער-קלעפּ איבער אַ דאַך;
ווי טויזנטער פֿיס
אין ברויזיקן טאַקט.
און מענטשן פֿון לעבער—
אַרויס אויפֿן טראַקט!
און מענטשן
מיט אָדערן—טרוקענע שטריק,—
קוקן אַרויף,
אַרויף אויף דער בריק:

פֿאָנען און קעפּ
און שטורמישע לידער,
מען ווינקט און מען רופֿט:
אַרויף צו אונז,
ברידער!

ס׳איז פֿרילינג!
ס׳איז פֿרילינג
און שוימיק דאָס בלוט!
אַראָפּ פֿון די טראַקטן!
אַוועק פֿונעם ברוד!
אַרויס פֿון די לעכער!
אַרויף אויף דער בריק!
און קיין מאָל שוין מער נישט
אַרונטער צוריק!
און קיין מאָל
שוין מער נישט געבויט זיך אַ שטוב—
אונטערן לעבן—
אַ פֿינצטערע גרוב.
קיין מאָל שוין מער נישט
אונטער דער בריק.
אונטער דער שטאָטישער,
שטיינערנער בריק—
קיין מאָל
שוין מער נישט,
קיין מאָל צוריק!

עס מאָנט מיין וועג

די מוטנע, די פֿאַרנע, די זיסלעכבע טעג;
דער חלום-פֿאַרשלייערטער וואַנדער—
מיך ציט ער נישט מער, דער ראָמאַנטישער וועג
צום שווייסיקן, הייסן באַנאַנדער...

איך בין שוין פֿון יונגוואַלד, פֿון דעמער אַרויס,
פֿון פֿליסטער, פֿון באַנגיקייט צאַרטער,
איך לעב אין אַ וועלט, וואָס ווירבלט און ברויזט,
וואָס ווייעט מיט ניכטערקייט האַרטער.

איך פֿיל שוין די שווערקייט פֿון זומער אין זיך—
עס הענגען שוין פֿולע די זאַנגען—
אויף וועג מײַנעם מאָנען איצט האַרטע צוויי שיך—
געגאַנגען... געגאַנגען... געגאַנגען!

ווײַל איך—אַפֿילו אין ליד מײַנעם זאָל
געפּאַנצערט מיט שטאָל זײַן מײַן בענקען,
אַפֿילו אין זיסטן עקסטאַז זאָל מײַן קול
נישט אין זומפּיקער ווייכקייט זיך טרינקען.

דער קאָמפּאַס—מיין טראַכטן—קיל אין מײַן האַנט,
האָט דעם כּישוף פֿון יונגוואַלד צעבראָכן—
ווײַל איך נישט מער יענעם פֿאַרנעם באַנאַנד,
דאָס פֿאַרזינקען אין וואַרעמע מאָכן...

פֿון שיכורן בלאָנדזשען—איך קען שוין צו לאַנג
דעם גאַנצן, דעם לעצטן סך-הכּל...
כ׳בין מיד שוין פֿון נעפּל-פֿאַר׳שלייערטן גאַנג,
בין מיד שוין פֿון שלאַבער און וואַקל.

גיב מיר דעם קלאָרן, דעם שנייִקן באַרג,
דעם פֿראָסטיקן אָטעם פֿון וויכער—
וועל איך גיין קעגן ווינט מיט פֿאַרעקשנטן קאַרק,
וועל איך ציל־באַוווסט שפּאַנען און זיכער.

וועל איך זיך באַוואָפֿענען מיט שטעקן און שטריק,
דעם רוקזאַק אויף פּלייצע פֿאַרוואַרפֿן—
און כ׳וועל שוין די אויגן נישט ווענדן צוריק;
כ׳וועל יעדן חוש פֿאַר מיין וואַנדער־וועג שאַרפֿן.

איך וויל, אַז מיין זומער צום האַרבסט וועט דערגיין,
זאָלן ליגן אין גאַרבן די זאַנגען.
צי צווייִק מיין וועג איז, צי גיי איך אַליין—
די שיך מייַנע מאָנען:—געגאַנגען!

פֿרייד פֿון אַרבעט

וואָכן, חדשים, אַ יאָר — און אַריבער!
איך האָב שוין פֿאַרגעסן דעם ריח פֿון פֿעל.
צי קאָן איך נאָך "שיסן", צי קאָן איך נאָך נייען —
ס'פֿעלט שוין דער צוטרוי צו אייגענע פֿינגער,
פֿון פֿאַכמאַן דער זיכערער שטעל.

כ'האָב געבענקט שוין נאָך מידקייט פֿון אַ טאָג אַרבעט אַ שווערן,
געבענקט נאָך דעם ריטם, דעם הודיען פֿון שאַפּ;
און אויב מ'קאָן בענקען נאָכן "פּראָסטן" אין לעבן —
האָב איך געבענקט, יאָ, געגענקט,
נאָך דעם טעם פֿון — אַ דזשאַב...

נישט מיט קיין בענקשאַפֿט פֿאַרשפּיצט-ראַפֿינירטער,
נישט מיט דעם צאַרטן געפֿי״ל פֿון פּאָעט —
נאָר האַרט און פֿאַרביסן, אויף ראָגן פֿון בירזשע,
מיט אַ פֿלוך אויף די ליפּן, פֿון מידע פֿאַרטאָגן
ביז אומרו פֿון שפּעט-נאַכט׳יקן בעט.

אַ וואָכעדיק-טרוקענע, אַ שטעכיקע בענקשאַפֿט,
ווי שטויביקע דערנער אויף אַ האַרבסטיקן קוסט;
און ווייט קאָן זי טרײַבן און ציען די בענקשאַפֿט —
מיט הונגער-גריף ביינערדיק-האַרטן אויף גאָרגל,
מיט פּראָסטיקער לאָגיק: דו מוזט!

איז פֿריידיק געווען און גוט יענע שעה,
ווען כ'האָב מײַנע הענט אַ צעפּיר געטאָן שנעל,
ווען ס'האָט זיך צעזשומעט פֿאַר מיר די מאַשין
און ס'האָט צווישן פֿינגער, כאָטש שטײַף נאָך פֿון רו,
מיט האַסטיקן אימפּעט געררוקט זיך די פֿעל.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַ וואָך — און אַ וו-אָך — און אַ ח-ו-דש...
די טעג אין שאַפּ זײַנען לאַנג —
אין די גלידער צעלייגט זיך אַ מידקייט,
אַ הוילקייט, אַ פּוסטקייט אַ שווערע
פֿאַרנעפּלט, פֿאַרטעמפּט דעם געדאַנק.

איך פֿריי זיך נישט מער מיט מײַן אַרבעט.
כ׳קאָן נישט. כ׳האָב קיינמאָל געקאָנט!
אַז אַלץ וואָס אין מיר ווערט צעריבן —
ווי קאָן איך זיך פֿרייען מיט אויפּטו,
מיט זינלאָזן טאַנץ פֿון די הענט.

כ׳פּרוּוו ביי דער אַרבעט אָפּט טראַכטן —
מיט ריטמען איז פֿול דאָס געמיט —
ס׳רייסן זיך שטילע מאָטיוון,
ס׳רייסט זיך מיין האַס און מיין ליבשאַפֿט —
ס׳רייסט זיך צום אויסדרוק מיין ליד...

און שעהענווייז ווערט אַלץ צעבערעקלט,
אין נאָדל-שטעך גייט אַלץ צו-גרונט...
איך ניי מיט אַ ווילדער רציחה,
מיט ציינער ביז ווייטיק פֿאַרקלעמטע:
איך ניי — צו פֿאַרנייען אַ וווּנד.

כ׳פֿרעג בײַ מײַן שכן דעם נאַגלער,
כ פֿרעג בײַם אַפּרייטאָר: ס׳איז וואָר,
האָסט ליב דאָס געניי, די מלאכה?...
מיט אַ פֿינטל פֿון אויג אויף דעם באָס-צו
ער ענטפֿערט: אויף אים, אויף אים אַזאַ יאָר!

איז ווי קאָן איך מײַן אַרבעט באַזינגען—
ווי קאָן איך זיך פֿרייען מיט דעם,
וואָס לאָזט מיך אַן אויסגעהוילט-טעמפּן,
וואָס יאָגט מיך—און וואַרפֿט מיך צום סוף
צוריק אין די אָרעמס פֿון הונגער, צוריק אינעם פֿויסטיקן קלעם.

איז דערפֿאַר מיר מײַן אַרבעט אַ שונא—
און זינג איך פֿון איר—איז מיט גאַל!
און זינג איך פֿון איר—איז פֿאַר יענע,
וואָס ס'שפּאַרט אויך אין זיי די רציחה,
וואָס ס'טליעט ביי זיי אויך באַהאַלטן
פֿון שנאה דער טויטלעכער שטראַל.

דו און איך

דו און איך—
איך ווייס נישט ווער מיר זענען;
נישט וועלכע קראַפֿט ס׳האָט מיך אַ וואָרף געטאָן צו דיר.
כ׳פֿיל—די אַלטע ווונדן ברענען,
מיין יעדער נערוו
ווערט וואַך ביי דײַן באַריר.

דו שווײַגסט.
דײַן שווײַגן איז אַ ליגן.
און רעדסטו—וואַקסט דער ליגן זיך פֿאַנאַנד.
כ׳לאָז זיך פֿון דײַן שווײַגן,
כ׳לאָז פֿון דײַנע ווערטער זיך פֿאַרוויגן—
איך מאַך די אויגן צו—און זע נישט
די טונקלקייט פֿון ראַנד.

מיך קענסטו נישט.
דיך טאָר איך נישט דערקענען.
אין טיפֿסטער נאָענטקייט—
איך בלײַב דיר אַזוי פֿרעמד.
אין דײַנע אויפֿגעשטראַלטע אויגן—
אַזאַ קאַלטקייט זע איך ברענען,
אַז דו אַליין, יאָ, דו אַליין
וואָלסט זיך פֿאַר איר געשעמט...

ס׳יערט פֿון דורות שוין אין דיר
אַזוי פֿיל שוועסטער-זאָמען.
אויף יעדן אמת דײַנעם
גייט די פֿאַלשקייט אויף ווי אַ בוריאַן.

דו ביסט דער המשך
פֿון אַן אַלטן, אַלטן נאָמען...
און איך—
דער נאַר, דער בלינד־פֿאַרליבטער—דער מאַן...

איך ווייס:
אַ נאַכט, אַ שאָטן־שווערע נאַכט וועט קומען.
דײַן בלייך געזיכט וועט שטיין פֿאַר מיר צום לעצטן מאָל.
אַנטקעגן דיר—
מײַנע ליפּן וועלן אויך מיט ליגן שטומען...
און וועל איך רעדן—
וועלן ווערטער זײַן ווי קאַלטער שטאָל.

שטיל וועל איך דערנאָך און אײַנזאַם שפּאַנען.
טראַכטן, אַז ס'איז סײַ ווי שוין געווען גענוג.
טראַכטן—
ס'זײַנען שוועסטער דײַנע
נאָך אַ סך, אַ סך פֿאַראַנען
און אַז איך וועל קיין מאָל, קיין מאָל שוין נישט ווערן קלוג...

דאָס לעבן מאָנט

דאָס לעבן מאָנט!
און כ׳האָב עס ליב, כ׳האָב טיף עס ליב
דאָס אייביקע, דאָס מאָנען פֿון מײַן זײַן,
און דאָס, וואָס רויעט נאָך כאַאָטיש אין מײַן בלוט —
מיך שרעקט עס נישט,
ווײַל לאַנג האָב איך זיך שוין דערקענט
און אַ פֿאַרליבטער שפּאַן איך אינעם שטראַלן-רעגן,
אין דער בלענדיקייט פֿון אַ צעגליטן מאָרגן-שײַן.

דאָס לעבן מאָנט!
טויזנט הונגערס זײַנען וואַך,
טויזנט הונגערס גריזשען דאָס געמיט.
און דער, וואָס לײַטערט אויס אין זיך
דעם גרויסן לעבנס-גלוסט, —
ביי דעם זײַנען די בענקשאָפֿטן אַ גאָרטן,
ווו די בייטן זײַנען אָן בוריאַן,
ווו זיי זײַנען שטענדיק ריין און ציכטיג און צעבליט.

דאָס לעבן מאָנט!
און גוט איז דעם, וואָס האָט אין זיך די קראַפֿט
פֿון די מאָנונגען צו שטילן דעם ווירוואַר.
אַזוי פֿיל כאַאָס קנוילט זיך אין אַ מענטשנס האַרץ —
און ווייַ איז דעם,
וואָס קאָן פֿון פּלאָנטער נישט אַרויס!
און ווייַ איז דעם,
וואָס קאָן ניט ווערן איבער זיך אַליין דער האַר!

דאָס לעבן מאָנט!
און שטענדיק איז צום מענטש,
און שטענדיק צו זײַן גליק ד'ער רײנער דראַנג.
און דער, וואָס קען דעם הונגער נישט צום מענטש,
בײַ דעם איז הויל און מדבר״דיק אין האַרץ
און ס'קאָן אים נישט דערגרײַכן שוין
נישט חלום און נישט וואָר,
נישט פֿון דער וועלט דאָס לויטערסטע געזאַנג.

דאָס לעבן מאָנט!
און גוט איז דעם, וואָס שפּאַנט אין ליכט
און האָט אַ ציל און, ווײס וווּהין עס איז זײַן טראָט געווענדט.
און אויב דער גוף איז מיר,
און אויב דער וועג איז שווער
און באַרגיק אויב ער איז און לאַנג—
ער גײט אַלצײַנס פֿאָרויס;
אים פֿירט דער קאָמפּאַס פֿון אַן אינערלעכן בלענד.

דאָס לעבן מאָנט!
און ביי דעם, וואָס קען די ליבשאַפֿט,
איז דאָס האַרץ אַן אָפֿנס און די אָרעמס זײַנען אָפֿענע און גרייט-
און זיי דריקן הייס צו זיך
דעם טרויער דעם געלייטערטן פֿון מענטש,
דעם פּאַטאָס פֿון זײַן בלאָנדושען—
זײַן אייביקע, זײַן קוואַלנדיקע בענקשאַפֿט,
זיין ציטער און זיין שוימענדיקע פֿרייד.

דאָס לעבן מאָנט!
און כ'האָב עס ליב, כ'האָב טיף עס ליב,
דאָס ענדלאָזע, דאָס מאָנען פֿון מיין זיין!
און דאָס וואָס רויעט נאָך כאַאָטיש אין מיין בלוט—
מיך שרעקט עס נישט,
ווייל לאַנג האָב איך זיך שוין דערקענט
און אַ פֿאַרליבטער שפּאַן איך אינם שטראַלן-רעגן,
אין דער בלענדיקייט פֿון אַ צעגליטער מאָרגן-שיין.

אין לעצטע רגעס

(צו דער צווייטער יאָרצייט פֿון י. גרינשפּאַן)

אין אָפּענעם פֿענצטער — א מילדער פֿאַרנאַכט,
צעיובלט פֿון קינדער-געשרייען.
אַ ראַדיאָ שפּילט. ס'פּלאַטערט פֿאַרבײַ די קאַרניזן אַ טויב.
ס'ציטערט אַ זונשטראַל, אַ לעצטער, אויף שויב —
אַ לעבן לעשט אויס זיך אין ווייען.

אַ בעטל. צופֿוסנס — אַ פּנימו אַ בלײַכס;
אויגן — צעשראָקענע, גרויסע —
און מיר — דרײַ חברים אין אָפֿענער טיר —
שטומע, דערשיטערטע, קוקן דורך איר,
אויף אים — אונדזער חבר, דעם גוסס.

ווי שווער איז פֿאַרגעסן אַ גסיסה-זיפֿץ,
דעם לעצטן כליף — דעם פֿאַרניכטער —
דאָס האַרץ גיט אַ ריטש — אַ פֿאַרוווּנדעטער בער —
ס'ברענט אין געמיט אַזאַ בלוטיקע טרער —
געשטאָרבן — דער חבר, דער דיכטער...

אַרום ליפּן נאָך גליווערט אַ שמייכל;
די אויגן שטאַר — ווי פֿאַרטראַכט.
ס'טראָגט זיך געלעכטער פֿון פֿענצטער דערנעבן;
דער ראַדיאָ שפּילט; ס'הודזשעט דאָס לעבן —
האָב איך צאַרט זיינע אויגן פֿאַרמאַכט...

און כ׳האָב געקוקט אויף זיין וואַקסענעם פּנים,
געקוקט אַזוי שטיל, אַזוי לאַנג:
ווי יונג, ווי גרויזאַם פֿאַרשניטן!
ווי ביטער, ווי בלוטיק געליטן—
עס טוט דיין גוף שוין נישט באַנג...

״צי בין איך אויך אַ בלעטל אין סוף-זומער...״
ניין, דו ביסט ״ערב״ אַוועק...
וואָר—האָסט אומעטיק אָפּטמאָל געזונגען,
נאָר ס׳האָט זיך דיין ליד ערשט צעשוווּנגען
מיט שטורעם, מיט אויפֿבליץ פֿון העק.

איך קוק אויף זיין וואַקסענעם פּנים—
אַזאַ קלוגס, אַזאַ ביטערס און צאַרטס—
ס׳כליפּעט פֿון ווענט אַזאַ טרויער;
דער דעמער אין פֿענצטער ווערט גרויער—
און ס׳כליפּעט, עס כליפּעט דאָס האַרץ...

מײַן זומער־געליבטע

I

אַה, איז אָט ביסטו!
זײַ באַגריסט, מײַן מאַשינקע!
שוין לאַנג ניט געזען דיך,
דײַנע שטאָלענע גלידער שוין לאַנג ניט געשפּירט.
האָסט געבענקט שוין מסתּמא
נאָך מײַנע פֿינגער די פֿלינקע,
נאָך מײַן גלעט, נאָך די הענט,
וואָס האָבן דײַן קאָפּ, דעם גלאַנציק־לאַקירטן,
מיט הייסער געניטקײַט שוין לאַנג ניט באַרירט.

נו, קוק מיך ניט אָן
מיט דײַנע שטאָלענע צײנדלעך,
מיט דײַן זשעדנעם פֿאַרזשאַווער,
מיט דײַן פֿאַראומערטן ראָסט.
כ׳בין דאָ! כ׳בין מיט דיר!
און באַלד וועסטו שלינגען דעם האָריקן אַוער
פֿון פעלצן, באַלד וועט די נאָדל
זיך ווידער צעטאַנצן
און אין אַ ווילדן געיעג וועסטו ווערן צעלאָזט.

כ׳האָב אויך שוין געבענקט,
כ׳האָב אויך שוין געזשאַוועט—
האָסט אויך, מײַן מאַשינקע,
געפֿעלט מיר צום גליק!
כ׳האָב זיך מיט ווינט פּוסט־און־פּאַסנעם
צו לאַנג שוין אויף הונגעריקע ראָגן גע׳חבר׳ט
און זשעדנע געקוקט צו די הויכע פֿענצטער
און געוווּסט, אַז דו וואַרטסט דאָרט

אונטער האָריקע שלייערס
מיט דער געטריַיער געוויסהײַט, אַז כ׳וועל קומען צוריק.

אה, מיין לאַנג-יאָריקע,
מיין זומער-געליבטע!
איך ווייס: דאָס האַרץ דײַנס איז טויט,
איז פֿאַרגליווערט אָן מיר;
דײַנע ווינטערס און פֿרילינגס
זײַנען אײַנזאַם-באַטריבטע.
און רירט דיך ווער אָן—
איז בלויז אויף אַ ווײַלע,
בלויז דיך אַ רייץ טאָן,
בלויז דיר דערמאָנען, אַז איך בין ניט מיט דיר.

כ׳וואָלט וועלן געטרײַ זײַן,
כ׳וואָלט וועלן דיך האָבן
יעדע וואָך פֿון דעם יאָר,
יעדן טאָג פֿון דער וואָך;
כ׳וואָלט וועלן מיט פֿעל און מיט אויל
דיך שפּייזן און לאָבן,
און גרינגער געווען וואָלט דעמאָלט מײַן גורל—
כאָטש זשעדנע ביסטו, מיין לאַקירטע געליבטע,
און שטענדיק דו מאָנסט נאָר—
ניט גענוג, איך וויל נאָך——

נאָר ס׳האַלט אַ יעוונוך דיך
אַ פֿעטער געפֿאַנגען
אונטער וואַלן פֿון פעלץ-האָר—
אים אַרט ניט מײַן פּײַן,
אים אַרן ניט דײַנע,
ניט מײַנע פֿאַרלאַנגען!
וויל ער—איז גיט ער אַ צווייטן דיך איבער!

מעג מײַן בענקשאַפֿט נאָך דיר
מײַן פֿאַרדאַרבן אויך ווערן,
מעג זי מײַן אומקום אויך זײַן.

נאָר אָט בין איך!
מיט שאַרפֿשטיין, מיט מעסער;
אָט איז דאָס קענדל
מיט שמאַלציקן אויל.
כ'בין גרייט! די פֿעטקייט זאַפּ אײַן
זאָלסט יאָגן זיך בעסער—
און פּיעשטשע זיך ניט
און רייס ניט דעם פֿאָדעם!
און דו, מײַן מאָטאָרל,
העלף אַרויס, זײַ ניט פֿויל!

כאַפּ אויף דעם אַרומיקן טעמפּאָ,
דעם רודער,
מיט דײַן עלעקטרישן שטראָם
צינד אָן מײַנע הענט—
כ'מוז גוט זײַן און שנעל
ווי מיין שכן, מיין ברודער,
ווי ער מוז איך ווערן
צעפּלאָמט און צעפּיבערט,
ווי ער מוז איך ווערן פֿון אימפּעט פֿאַרברענט.

עס מעסט מיך אַן אויג
מיט חשד און מיט לויער—
צי וועל איך באַווײַזן
דאָס וואָס פֿאַראַיאָר...
דאָס פּנים איז ביטרע
און גלאַנציק און זויער—
איז רויש, מיין מאָטאָרל, אין הייסן אָרקעסטער!

און זינג, מײַן מאַשינקע,
זינג, מײַן געטרײַע, אין צעהודזשעטן כאָר!

ס'איז הייס, ס'איז צעפּאַרעט,
ס'איז זומער אין דרויסן;
ווי אַ ריזיקער אויוון
די שטאָט איז צעגליט.
נאָר דאָ אין פֿאַבריק,
מיט פֿעל אויף די שויסן,
כאַפּט מען דעם אָטעם פֿון "וואַקאַציעס" לאַנגע,
און פֿון ברויט עם גייט אויף דאָ
אין זאַלציקע שווייסן
דאָס זעלבע, דאָס אַלטע, לאַנגיאָריקע ליד.

איז אָט, מײַן מאַשינקע,
פֿרעס זיי, די פעלצן!
ציינדלעך, איר זשעדנע,
שלינגט האַסטיק, שלינגט שנעל—
כ'בין האַרט פונקט ווי איר—
כ'וועל פֿון היץ ניט צעשמעלצן.
זאַפּ אײַן דאָס אויל און זינג, מיין מאַשינקע!
ס'איז גוט דיר, זײַ גליקלעך, וואָס דײַן האַרץ איז אַ שטאָלנס,
איז גוט דיר וואָס דו האָסט אַן אײַזערנע פֿעל.

אין מדבר

שטיל. אַ פֿראָסטיק ווינטל ריזלט דורך פֿאַרנאַכט;
די פּרעירי ליגט אַ טונקל־אומעטיקע — פּוסטע.
איך גיי אַן אײַנזאַמער, אַ פֿולער מיט פֿאַרדאַכט
אויף יעדן ריר,
יעדן שאָרך אין טרוקנקייט פֿון ווינטערדיקע קוסטעס.

דער גראָער שליאַך — מיט ווײַסן שרונט אין מיט —
פֿאַרלירט זיך אינעם דעמער, ווערט מיט אים פֿאַרשווומען.
אויף האַרטן אַספֿאַלט — כ׳הער בלויז מײַנע טריט
און איבער מיר —
טעלעגראַפֿן־דראָטן דרינדזשען מיט אַ סודותדיק־פֿאַרבנעקטן זשומען.

איך גיי געשווינד מיט אָנגעשטרענגטן בליק,
ווי ס׳גייט אַ מענטש אין טונקלקייט אויף פֿרעמדע וועגן.
געזאָגט האָט מיר אַ פֿאַרמער מיט אַ ווײַל צוריק:
שוין שפּעט. בעסער איז —
מיט מענטשן זיך בײַנאַכט דאָ נישט באַגעגענען...

נאָר איך האָב בלויז אַ רוק געטאָן אויף נאַקן דעם קאַשקעט,
געדאַנקט און מיט אַ שמייכל אים די האַנט געגעבן.
ער האָט מיך אָנגעקוקט, געענטפֿערט קורץ: ״יו בעט״ —
און צוגעגעבן —
״אַ מענטש, פֿאַרשטייסטו, האָט נישט מער ווי איין און איינציק לעבן

ס׳איז גרויס די אײַנזאַמקייט פֿון מדבר;
די אײַנזאַמקייט פֿון הימל און פֿון ערד.
און נעמט די טונקלקייט נאָך איינזויגן די ווײַטן.
ווייעט אָן אַ ליידיקייט אַזאַ פֿון אַלע זײַטן,
ווערט דאָס האַרץ פֿון אַזאַ אומרו,
אַזאַ נאָגעניש באַשווערט.

טויזנט גריבלעניִשן הייבן אָן זיך שלענגלען דורך געהירן.
בילדער, לאַנג-פֿאַרגעסן, שווימען פּלוצים אויף.
אין טריט — ווי עכאָס וויַיט-פֿאַרלאָרן —
קלינגט דומפּיק שרעק פֿון קינדער-יאָרן,
אין יעדן קוסט, אין יעדן שאָטן
לעבט אַן אַלטער פּחד אויף...

און ס׳שטיַיגט אַ זיסקייט נעפּלדיק פֿון די קאָשמאַרן —
בענקשאַפֿטן, חלומות פֿון אַ קינד —
אַ זשעסט; אַ בליק; אַ פּנים — אָפּגעריסן —
אַ מאָטיוו אַ צאַרטער הייבט אָן קלאַנגלאָז פֿליסן,
גיסט זיך מיט דער הוילקייט דאָ צוזאַמען,
מיט דעם אָוונט-טונקל און פֿאַרשווינדט.

כ׳האָב אין אָט-די בילדער זיך פֿאַרלאָרן.
פֿאַרגעסן: ס׳איז אַ מדבר — כ׳בין אַליין.
ערשט ווען ס׳האָט אויפֿגעטויכט אַ מענטש פֿאַר מיר אין דעמער,
האָב איך אַ פֿיל געטאָן מיַין מעסער
און מיט האַנט אין קעשענע אויף קלינגל
בין איך געבליבן פֿאַר דעם פֿרעמדן שטיין.

ס׳האָבן אויפֿגעגליט פֿאַר מיר צוויי אויגן,
אַ מעסט געטאָן מיך פֿרעגנדיק און שנעל.
כ׳האָב געהערט: ס׳האַרץ מיינס האַמערט.
געזען: אַ וויַיס געזיכט, די ליפּן צוקן
און, פּונקט ווי איך, ער שטייט פֿאַרגליווערט,
רירט זיך נישט פֿון שטעל.

האָב איך די הענט פֿון קעשענע אַרויסגענומען,
געהערט — ער פֿרעגט מיך וואָס, ער רעדט.
אַ פֿאַרשעמטער פֿון דער גרייטקייט פֿון מײַן מעסער,
האָב איך פֿאַר דעס פֿרעמדן זיך פֿאַרלוירן
און אַן ענטפֿער אויסגעשטאַמלט:
„שור — אַי גאַט עי סיגאַרעט."

מיר האָבן ביידע אין איין שוועבעלע פֿאַררויכערט,
אַריינגעצויגן טיף, גיריק און מיט האַסט;
ער האָט מיך אָנגעקוקט אַ ווײַלע
און מיט אַ שמייכל אָפּגעאָטעמט,
ווי עס אָטעמט אָפּ אַ מענטש,
אַ באַפֿרײַטער נאָר-וואָס פֿון אַ שווערער לאַסט.

דערנאָך איז גוט געווען צו גיין אין צווייען;
מיר האָבן זיך פֿון אונדזער הויקער-גליק דערציילט.
די לבנה איז איבער פֿרעירי אויפֿגעגאַנגען
און גרינגער האָט זיך איצט די ווײַטקייט אויסגעשיילט

זיין שטים האָט יוגנטלעך געקלונגען,
נאָר גערעדט האָט ער מיט ערנסט, מיט באַדאַכט:
— ער האָט עס פֿײַנט, דאָס שלײַען זיך אויף וועגן,
דאָס לעבן אָן אַ טאָג און אָן אַ נאַכט.

ער האָט נישט ליב די פֿראַכט-וואַגאָנען
און שווער איז אים דאָס בעטן פֿאַר אַ „ליפֿט";
עפּעס קאָן ער זיך קײַן אָרט געפֿינען —
„ענד סאָו — עי גאַי ס׳גאַטאַ שיפֿט..."

מיר רופֿן זיך שוין „על" און „מאַרטי"
און פּלאַנעווען שוין — איינשפּאָרן אַ בעט.
די „קרעקערס" האָבן מיר שוין אויפֿגעגריזשעט,
אויסגערויכערט ביזן לעצטן ציגאַרעט.

פֿון דערווײַטנס האָט אַ שטעטל זיך צעפֿינקלט—
האָב איך געוואָלט פֿאַרשנעלערן דעם גאַנג;
נאָר על האָט מיך אַ צי געטאָן ביים אַרבל—
כ'האָב געזען: עפּעס ראַנגלט ער זיך מיט אַ פֿײַנלעכן געדאַנק.

מיט שולדיקייט האָט ער געקוקט אין מײַנע אויגן,
געזאָגט: "אַי געס—עי גאַי קען נעווער טעל..."
ער האָט פֿאַרמאַכט פֿאַר מיר זיין אָפֿן מעסער—
כ'האָב געשמייכלט. די פּרעירי איז געלעגן ווייט און העל.

איך און מיין טשעמאָדאַן

און ווידער שטייט אַן אָפּענער מײַן אַלטער טשעמאָדאַן
און די געטרײַע שלעסער-אויגן בעטן זיך און פֿרעגן:
וואָס וויל איך נאָך פֿון אים, דעם אַלטן וועטעראַן?
ווי לאַנג נאָך וועט ער גיין מיט מיר אַזוי אין שפּאַן
און זיך אַרומשלעפּן מיט מיר אויף מיינע וועגן?

אין שופֿלאָדן ווערט ליידיק; די שאַפֿע געגעצט קאַלט;
אויפֿן טיש עס הורבען זיך פֿאַרשטויבטע ביכער,
ס'איז פריקרע מיר אַביסל פֿון טשעמאָדאַנס פֿאַרהאלט.
איך קוק אויף אים א שטרענגער, דורך אַן אויגנשפּאַלט,
נאָר מיט מײַן שטרענגקייט בין איך נישט אין גאַנצן זיכער...

שוין אַזוי פֿיל מאָל האָב איך געלאָזט זיך איבער לאַנד
און ער, מיין טשעמאָדאַן, האָט ביי מײַן זייט געשווונגען.
דורך רעגן און דורך פֿראָסט, דורך הייסן פליינען-בראַנד,
איז ער דער וואַנדער-שטעקן געוואָרן אין מיין האַנט,
ווען כ'האָב מיין אומרו איבער שליאַכן אויסגעזונגען.

ער איז, מײַן טשעמאָדאַן, פֿאַרגלידערט אין מײַן צײַט—
א היימלאָזער פֿון פֿריסטע קינד'ער-יאָרן.
ער איז אַמאָל געווען—אין ווייטער, ווייטער ווייט—
אַ פשוטע פֿאַטשיילע, א בינטל בײַ מײַן זײַט,
ווען כ'האָב צום ערשטן מאָל די היים מײַנע פֿאַרלאָרן.

ער איז אַמאָל געווען דאָס קישן פֿאַר מײַן קאָפּ;
ער איז אַמאָל געווען מײַן שטיקל ברויט אויף באַנען;
ער איז אַמאָל געווען מײַן קינדהייטס גאַנצע האָב
אין כאַאָס פֿון מלחמהדיקן באַרג-אַראָפּ;
ווען ס'האָט אַנטדעקט דער טויט דעם זין פֿון עראָפּלאַנען...

מײַן אַלטער טשעמאָדאַן — מײַן ערשטער װאַנדער-פּאַק —
פֿון האַנט האָט אים מײַן דור שױן נישט געלאָזן.
ער איז געװאָרן הײמיש מיטן װעג-ראַנד און באַראַק,
ער איז די ביקס געװען אין האַנט פֿון דעם "באָסיאַק",
ער איז פֿאַר "טרעמפּס" נאָך הײַנט דאָס בעט אין פּײַבטע גראָזן.

איז ער נאָך נישט באַפֿרײַט, מײַן אַלטער טשעמאָדאַן,
ער װאָגלט נאָך אַרום אױף טױזנט האַרבע װעגן;
ער װיל נישט גײן מיט מיר: ער איז שױן מיד פֿון שפּאַן,
נאָר ס'איז דער אומרו, מײַן ירושה, טיף אין אים אַרײַן,
און ער, פּונקט װי מײַן דור, איז ביטער אין זײַן פֿרעגן...

לאָז איך זיך װידער איצט אַװעק אין גאַנג —
ס'איז דער הײַנט קײן האַפֿן נישט פֿאַר שװערן אַנקער
איך װײס: איך מוז איצט גײן — נאָר עפּעס טוט מיר באַנג...
מײַן טשעמאָדאַן װיל װיסן: האַר מײַנער, װי לאַנג...
ער איז שױן טאַקע אַלט, אַ צעבראָכענער, אַ קראַנקער...

מײַן פֿאָלק

צו דיין גוף פֿאַרבלוטיקטן
האָבן ווייניק פֿון דער וועלט זיך אָנגעבויגן.
עס ליגן איינגעשפּיזט אין דיר נאָך טיף די פֿאַשיסטיש
ניט דיין בראָך און ניט דיין מוט
האָט מען נאָך אָפּגעוויגן,
בלויז אַ ציפֿער אָפּגעציילט:
זעקס מיליאָן
פֿאַרברענטע און פֿאַרגאַזטע יידישע סקעלעטן!

ס׳האָט מיטגעפֿיל דיר ניט געפֿעלט,
ניט הויכע רייד.
ניט צוזאָג גרויסער אין די טעג פֿון גרויסע שלאַכטן.
איצט ווייסטו שוין—
אין האַרץ דייַנעם דעם מידן
ברענט פֿראָסטיק דער באַשייד:
ניטאָ פֿאַר דיר קיין פֿרייַער וועג.
ס׳קוקט דאָס שוידער-אָנגעזאַפּטע אויג דיינס
מיט בענקשאַפֿט צו דער ווייטער וועלט
און זעט פֿאַר זיך—אַ ״טאָמי״-ביקס!
אַ טויער, אַ פֿאַרמאַכטן!

ס׳איז קאַלט דאָס קול,
וואָס פֿרייַנדלעך-ביטרע ס׳האָט צו דיר גערעדט—
הייס פֿון ביקסן סווישטשען איצט די קוילן;
קאַלט, ווי היטלער׳ס, איז דאָס שטאָל
פֿון בריטישן באַגנעט!

און דאָרט, ווו ס׳איז דײַן גוף אין רויכן אויפֿגעגאַן,
ווו ס׳ליגט דיין האַרץ צעטראָטן,
ווו ס׳ליגן דיינע אברים פֿאַרברענט—
פֿון דאָרט זאָל זיך דיין בענקשאַפֿט ניט אַ הויב טאָן מער!
מיט דיין פֿרייהייט-חלום אַ געקרייציגטער
בלייבן זאָלסטו,
שטאַרבן זאָלסטו
צווישן די באַראַקן-ווענט!

וואָס קאָן איך ברענגען דיר פֿאַר טרייסט,
וואָס קאָן איך ברענגען דיר פֿאַר ליד—
כ׳האָב אויף פּוילנ׳ס ערד מיט דיר געבלוטיקט,
כ׳בין אין דייטשלאַנד׳ס,
כ׳בין אין ענגלאַנד׳ס לאַגערן מיט דיר אַ ייִד.
איך קען דיין מוט,
און קען דיין דורות׳דיקע קראַפֿט.
איך פֿאַל און הייב זיך אויף מיט זיי
און דו אַליין ביסט פֿאַר דיין צוקונפֿט—
דו אַליין ביסט מיר די בעסטע האַפֿט!

און מיינס, ווי ס׳איז געווען מיין טאַטנס,
איז דיין גורל, און דיין טרויער און דיין פֿרייד.
ס׳איז מיין טאַטע אויף אַ פּויליש פֿעלד געפֿאַלן—
נאָר זיין בלוט איז איבער וועלט-קיילעך פֿאַרזייט.
און אומעטום
עס גליט פֿון אים אַ שטיקל לעבן;
און אומעטום איך זע זײַן איינגעשפּאַרטן בליק.
ער איז פֿאַראַן אין דיר
און וועט פֿאַרבלײַבן!
און זוכן וועט ער
און דערגיין צום אויסגעבענקטן גליק.

ניטאָ דאָרט שוין קיינער
(פֿראַגמענט)

ניטאָ דאָרט שוין קיינער.
ווי אין נביא׳ס חלום——
צעזייט און צעוואָרפֿן די ביינער,
נאָר ס׳טוט זיך ניט אָן,
ווי אין נביא׳ס חלום,
אַיין הויט אויף די ביינער.
קיין קלאַנג, קיין באַוועג,
מען ווייסט ניט אַפֿילו
די טויטע ווו ליגן——קיין שפּור ניט, קיין סימן.

ס׳וועט דאָרטן שוין קיינער ניט זינגען
פֿון יידישע דיכטער דאָס ליד,
און אויך נישט דעם היימישן ניגון
פֿון פּשוטן ייד.

אפֿשר קלאָגט דאָרט דאָס פֿעלד
און טוליעט צו זיך דאָס געביין?
אפֿשר שלוכצט דאָט דער ווינט
און יאָמערט און וויינט?
איך בייג זיך פֿאָרויס צו דער וויַיט,
איך קוק צו די הימלען און האָרך——
איך הער בלויז דאָס ליד פֿון מיַין האַרצן,
נאָר פֿון דאָרטן, פֿון יענע פֿעלדער——
קיין פּליסטער, קיין פּלאַטער, קיין שאָרך...